STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07086

FUN HSIDISHN KVAL

Leib Dayan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. דיין

פון חסידישן קוואל

און אנדערע שריפטן

בוענאס איירעס 1952
תשי״ב

GRADUATE C[illegible] LIBRARY
YESHIVA [illegible]NIVERSITY
15673

פון חסידישן קאָוועל

לייב דיין - דער מענטש
און זיין שרייבן

צום פינפטן יאָרצייט פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם לייב דיין ז״ל האָט זיין הויז־געזונט — די אלמנה און די קינדער, וועלכע זענען פאַר די טראַדיציע פון זייער פאָטער, אַ טראַדיציע פון ציוניזם און נאַציאָנאַל־יידישע טעטיקייט אין אונדזער היגן ישוב, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלייב פון זיינע קורצע סקיצן פון חסידישן לעבן און פון זיינע זכרונות וועגן דאָס איבערגעלעבטע און געזעענע בעת די פּאָגראָמען און באַנדעס אין אוקראַינע אין די יאָרן פון בירגער־קריג און סאָוועטישער רעוואָלוציע, ווען דריי הונדערט טויזנט יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן און הונדערטער גרעסערע און קלענערע יידישע ישובים זענען חרוב געוואָרן פון די הענט פון די באַנדעס פון פּעטלורא, דעניקין, בודיאָנע א.א.

דורך דעם דאָזיקן באַשיידענעם אָנדענק איז די פאַמיליע פון דעם פאַרשטאָרבענעם לערער און עסקן — און פון צייט צו צייט און מיט גרויסע הפסקות שרייבער — מקיים אויף דעם העכסטן און שענסטן אופן דעם געבאָט פון כיבוד אָב און די שיינע יידישע טראַדיציע, וואָס איז מרומז און דעם אויסדרוק „דובבי שפתי ישנים״; זיי „מאַכן רעדן די ליפּן פון דעם פאַרשטאָרבענעם״; אונדזער ישוב וועט זיך דערמאָנען אין דעם פאַרשטאָרבענעם לייב דיין, און זיין אינטענסיווע טעטיקייט אויף דעם געביט פון יידישן חינוך. מען וועט לייענען אין דעם דאָזיקן ביכל, זיינע כתבים די קורצע,

פשוט אויפגעשריבענע חסידישע סיפורי־מעשיות, מעשיות פון פאר־צייטיקן יידישן לעבן און פונעם חסידיש שטייגער, וואס האט געבליט אין אוקראינע און אין די קרעסן, אין וואלין און אין פוילן ביז דעם לעצטן חורבן; מען וועט לייענען די עפיזאדן, און די געשעענישן, טראגישע און אויך די נסים, וואס האבן געטראפן מיט זיי; מען וועט לייענען די עפיזאדן און די געשעענישן. די טראגישע און בלוטיקע, וואס יידן פון אוקראינע האבן איבערגעלעבט און געליטן, אין די יארן צווישן 1917 און 1920 — און די געשטאלט פונעם מחבר, וואס האט באדייטנדיקע פארדינסטן פאר אונדזער ישוב, וועט אויפטויכען אין דעם זכרון פון די הונדערטער און הונדערטער יידן אין ארגענטינע, וואס האבן גוט געקענט און צוזאמען מיטגעארבעט מיט לייב דיין ע״ה.

דאס איז דער טיף־מענטשלעכער געדאנק און זין, וואס אונדזערע חז״ל האבן אויסגעדריקט אין דעם אויבנדערמאנטן דרוש אויפן פסוק „דובב שפתי ישנים״, און ער באקומט נאך מער האפט און ווארעמקייט, ווען קינדער און אן אלמנה, זענען עס די וואס טוען עס, כדי אויפלעבן דעם אנדענק פון זייער נאענטסטן און אריינברענגען זיין נאמען אין דעם פארמעגן פונעם יידיש געדרוקטן ווארט און ליטעראטור.

——::——

לייב דיין איז געבוירן געווארן אינעם אוקראינער שטעטל זשאשקאוו (קיעווער גובערניע), ז׳ אב תרנ״א (1891); ער האט געשטאמט פון א משפחה פון רבנים און תלמידי חכמים. זיין פאטער איז געווען שוחט אין שטעטל און זיין זיידע פון מוטערס־צד רב; אגב איז ער געווען א נאענטער משפחה־קרוב פון ר׳ חיים נחמן ביאליק ז״ל.

ער האט באקומען די געוויינטלעכע דערציונג וואס א יידיש־קינד פון א לומדישער פאמיליע פלעגט באקומען, אין יענער צייט,

אין אוקראַינע, אָדער פוילן: געלערנט לכתחילה ביי זיין זיידן דעם רב, רבי יצחק יואל, שפּעטער אין פאַרשידענע נאָענטע און ווייטערע ישיבות, ביזן באַקומען היתר־הוראה; אַלס בחור ווערט מען אַ משכיל, מען הייבט אָן זיך אָפּגעבן מיט „הוראה", אָבער ניט רבנישע, נייערט לערערישע — מען ווערט א העברעיִשער לערער, אַ ציוניסטישער טוער א.א.וו.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, טרעפן לייב דיין ז"ל, אלס העברעיִשער לערער, ערגעץ־ווו אין די קרעסן; שפּעטער פירט ער אָן א תרבות־שולע אין ראָוונער געגנט און דאָרטן פירט ער אָן אַן אינטענסיווע ציוניסטישע טעטיקייט. אין יאָר 1928 קומט ער מיט זיין פאַמיליע קיין אַרגענטינע, ווערט לערער אין אַ איקאַ־שולע, אין ענטרע־ריאָסער קאָלאָניעס, ווו ער פאַרבלייבט ביז 1932, ווען ער קומט צו באַזעצן זיך אין אַוועזשאַנעדא, בוענאָס־איירעס, באַשעפטיקט ביי קליינהאַנדל.

נאָך זייענדיק לערער אין דער קאָלאָניע שולע, האָט לייב דיין אָנגעהייבן פאַרעפנטלעכן פון צייט צו צייט, דערציילונגען און עסייען פון אַמאָליקן חסידישן לעבן און שטייגער; מעשיות וועגן גוטע־יידן; באַרימטע און באַקאַנטע אין דער געשיכטע פון חסידות און אויך פון דעם צווייג פון אוקראַינער, וואָלינער און פּאָדאָליע „רביים", פון ניט אזא ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

זיינע חסידישע מעשיות און שפּעטער, די זכרונות און פאַרצייכענונגען פון די פינסטערע טראַגישע חורבן־טעג אין אוקראַינע, אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט לייב דיין פאַרעפנטלעכט, אין גרעסטן טייל אין „די יידישע צייטונג". ער האָט אָבער אויך מיטגעאַרבעט אין דעם ציוניסטישן וואָכנבלאַט „די יידישע וועלט" און אין אייניקע אַנדערע היגע יידישע און העברעיִשע צייט־שריפטן.

אין אַוועזשאַנעדא וווינענדיק, האָט לייב דיין פאָרגעזעצט זיין שרייבערישע אַרבעט, הגם מיט גרויסע איבעררייסן און הפסקות. ער

אַליין — אין שמועסן וואָס מיר איז אויסגעקומען אָפּט צו האָבן מיט אים — האָט באַטראַכט זיך פון באַרוף אַלס לערער, אַלס דער־ציִער און אויף דעם געביט איז ער יאָרן לאַנג געווען אַקטיוו ביז גאָר, אַקטיוו שלא על מנת לקבל פרס. ער האָט באַטייליקט זיך אין דער פאַרוואַלטונג פון דער העברעיִשער „ביאַליק־שולע" אין אַווע־זשאַנעדאַ, ער איז געווען באַטייליקט יאָרנלאַנג אין דער פאַרוואַל־טונג פון דעם ועד־החינוך, וואָס די דעמאָלסטיקע חברה קדישא (איצט קהילה) אין בוענאָס איירעס האָט געגרינדעט, אַלס צענט־ראַלע אינסטיטוציע צו אָנפירן די ייִדישע דערציִונג אין בוענאָס־איירעס רבתי אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע, אין אירע ערשטע און ניט־לייכטע יאָרן פון אָרגאַניזירונג און איינשטעלונג, איז דער פאַרשטאָרבענער לייב דיין געווען אין פאַרלויף פון עטלעכע פּע־ריאָדן, צומאָלס סעקרעטאַר און צומאָלס וויצעפּרעזידענט פונעם ועד החינוך. ווען דער ועד החינוך האָט, מיט אָנהייב פון דער צווייי־טער וועלט־מלחמה באַשלאָסן צו גרינדן דעם העברעיִש־ייִדישן לע־רער־סעמינאַר (פּאַרויסזעענדיק, אַז איבער די מלחמה־יאָרן וועלן פון מזרח־אייראָפּע ניט קענען קומען אַהער מער קיין לערער פאַר אונדזערע שולן) — איז לייב דיין געווען מיטגרינדער פון דעם דערמאָנטן לערן־אַנשטאַלט און ער האָט צוזאַמען מיט דער ערש־טער קאָמיסיע אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דעם צוגרייטן און אויס־אַרבעטן די פּראָגראַם־באַזע פון דער דאָזיקער ערשטער העברעיִש־ייִדישער מיטל־שולע אין אַרגענטינע; אַ העברעיִסט דורך און דורך, האָט ער אַקטיוו מיטגעאַרבעט יאָרנלאַנג אין דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער הסתדרות־עברית, אין די פאַרשידענע קולטור־אונטערנע־מונגען און איניציאַטיוון פון דער היגער ציוניסטישער פעדעראַציע און אין דעם העברעיִשן זשורנאַל „דרום".

לייב דיין איז נפטר געוואָרן ט׳ אלול, תש״ז (1947).

—:—

דער אָפּקלייב פון לייב דיינס כתבים, וואָס קומען אַריין אין

דעם דאָזיקן באַשיידענעם בוך, באַשטייען פון צוויי גרויסע אָפּטיילן (חוץ אַ פּאָר פאַמיליע־זכרונות וועגן ח. נ. ביאַליק ז״ל, וואָס זענען פון געוויסער ביאָ־ביבליאָגראַפישער ווערט) ווייט פאַרשידענע, ווייט דיסטאַנטע איינער פון דעם צווייטן: דערציילונגען און פאָלקס־מעשיות פון חסידישן קוואַל און שטייגער און זכרונות פון די טראַגישע יאָרן פון בירגער־קריג, שחיטות און פּאָגראָמען אין אוקראַינע צווישן די יאָרן 1917 און 1920 — אגב, א חורבן, וואָס האָט ווייט ווייט איבערגעשטיגן די חורבנות און שחיטות פון גזירת ת״ח און ת״ט פאַרגעקומענע אין די זעלביקע געגנטן און וועלכע זענען ביז איצט נאָך נישט היסטאָריזירט און געפּאָרשט געוואָרן אין אַ גרינטלעכער און טיפער מאָס.

לייב דיין איז אין זיין אופן שרייבן (און אַזוי איז ער געווען אין לעבן און אין זיין טעטיקייט) אַ פּשטן ביז גאָר. ער באַנוצט נישט קיין ליטעראַרישע פליטערלעך; ער באַנוצט נישט, כמעט, קיין מיטלען אין זיין שרייבן — און דאָך לייענט ער זיך אַנציִענד, געשמאַק און דער לייענער האָט הנאה פון דעם וואָס ער לייענט; און זיין שרייבן האָט חן; פּאַרצייטיקע משכילים וואָלטן וועגן אַזאַ שרייבן באַנוצט דעם באַקאַנטן תלמודישן אויסדרוק: „לא כחל, לא שרק, לא פירכוס — ויעלת חן!“ זיין שרייבן האָט דעם חן פון פּשטות, דעם חן פון פּאָלקסטימלעכקייט; דעם חן פון „סתם אַזוי דערציילט א מעשה“, א פריילעכע צי אַ טרויעריקע, מיט א מוסר־השכל, צי אָן דעם, מיט א וויץ צי אָן א וויץ; אַ מעשה שהיה, צי וועגן אַ גוטיִדישן מופת — אלץ וואָס לייב דיין האָט דערציילט, איז אוממיטלבאַר, איינפאַך, ער האָט זיך נישט פּאַרמאָסטן צו „שאַפן“, צו שרייבן „ליטעראַטור“ וועגן חסידים און חסידות — און די שאַפונג איז געקומען פון זיך, איז פאַראַן אין זיין איבערדערציילן אַ בעין פון זיך אַליין.

ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווען מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיט אים וועגן זיין שרייבן, פלעגט לייב דיין מיר איבערחזרן,

אַז ער האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו מחדש זיין עפּעס מיט זיין שרייבן וועגן גוטע ייִדן, נייערט ער איז אויסן צו אָפּפרישן אין דעם זכרון פון די לייענער פון פאַריקן דור אָדער באקאַנט מאַכן די לייענער פון דעם איצטיקן דור מיטן חסידישן קוואַל, מיט די שיינע פאָלקס־מעשיות וועגן צדיקים און „רביים". אַט ווי ער האָט זיי געלייענט אין די חסידישע קלאַסישע ספרים, אָדער ווי ער האָט זיי געהערט, אַלס קינד און יוגנטלעכער, דערציילן עלטערע ייִדן, חסי־דים, אין דער פרום־חסידישער סביבה אין אוקראַינע, ווו ער איז אויפגעוואַקסן. זיין אויפגאַבע איז, פלעגט ער מיר זאָגן, צו מהנה זיין דעם לייענער, איבערגעבן, זאָל זיין אַ שמינית שבשמינית פון דער הנאה, וואָס ער אַליין האָט ווען ער לייענט די פאָלקס־מעשיות, אויף וועלכע עס ליגט אויסגעגאָסן תמימות, פשטות און טיפער גלויבן.

די וואָס זענען באַקאַנט מיט די אור־קוואַלן פון דעם חסידישן פאָלקלאָר און מיט דער שפּעטערדיקער סטיליזירטע חסידישע פאָלקס־מעשיות וועלן געוויס, געפינען אין דעם דאָזיקן בוך איבער־דערציילונגען אויף די זעלביקע טעמעס, אָדער וואַריאַנטן. דאָ איז עס אָבער געטון מיט דער תמימות און אוממיטלבאַרקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט געזוכט צו ווערן אַ „מזכיר נשכחות" און איבערדערציילן אין דער „וויטער" אַרגענטינע, סיפורי־מעשהס פון חסידישע „הויפן" און „רביים", כדי דער אַרגענטינער ייִדישער לייענער זאָל מיט דעם באַקאַנט ווערן.

לייב דיין ז"ל האָט מיט דעם, געטון ניט נאָר אַ נוצלעכע, ניי־ערט אויך אַ נויטיקע אַרבעט און — מער ווי איין פּערלדיקע חסידי־שע דערציילונג ווערט, אַ דאַנק דעם אָפּגעהיט פון פאַרגעסן ווערן אין איר גאַנצער עכטקייט, אין דעם חסידישן עכטן נוסח.

פון גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער און וויכטיקייט זענען די זכרונות זיינע וועגן שחיטות אין אוקראַינע, וועגן דער דריטער „היידאַמאַטשינא" — ווי דובנאָוו זצוק"ל, האָט באַצייכנט די יאָרן פון 1917 ביז 1920 אין אוקראַינע — אַליין אַן עד ראיה צו די גע־

שטעטישן אין יענער געשטראָפטער געגנט און דערנאָך, א וואַנ־דערער איבער די געגנטן פון וואָלין און פּאָדאָליע, ווו די שרעק־לעכסטע שחיטות זענען דאָן פאָרגעקומען, האָט דער מחבר געגנוג זיך אָנגעליטן פון די פּאָגראָמען און חורבנות, פיל מאָל קוים מיטן לעבן ניצול געוואָרן פון די באַנדעס; ער האָט אויך געהאט די גע־לעגנהייט צו טרעפן זיך אויף זיין וואַנדער־וועג, מיט פּליטים, ווי ער, אנטלאָפענע פון אַנדערע געגנטן פאַר די באַנדעס פון פעטלורע, דעניקין, זעליאָנע, מאַכנע, גריגאָריעוו און זייערע משרתים, וועלכע האָבן מיט שווערד און מיט פייער געבושעוועט אין דרום און מערב־דרום פון דער דעמאָלסטיקער רוסלאַנד; ער האָט געהערט די פּליטימס דערציילונגען און זיי זענען איינגעקריצט געוואָרן אין זיין זכרון. האָט ער, דערנאָך, אין „גלות אַרגענטינע" פארצייכנט זיי און פאַר־עפנטלעכט, פון צייט צו צייט „די דאָזיקע זכרונות"; אָן שום צוגאָב אָדער פארמינדערונג, ווי ער פלעגט מיר זאָגן. נייערט „דברים כהוויתם".

זיינע זכרונות, אין דער גאַנצער טראַגישקייט פון דעם, וואָס אין זיי ווערט דערציילט, אָטעמען מיט דער אוקראַינער מילדער סביבה. מיטן בלויען אוקראַינער הימל, מיט אירע פליינען, טייכן, וועלדער, מיט איר פון גאָט־געבענטשטן קלימאט און פרוכטבאר־קייט. דאָס יידישע לעבן און ליידן, מורא פארן מאָרגנדיקן טאָג און דאָך גרענעצלאָזער בטחון אויף „דעם וואָס לעבט אייביק", אַז „ער וועט נישט פארלאָזן זיין אויסדערוויילט פאָלק" — אין יענע שרעק־לעכע יאָרן פארן אוקראַינער יידנטום — ווערט נענטער, באַקאַנ־טער, דורך לייב דיינס זכרונות; הגם ער איז אויסן געווען צו דער־ציילן נאָר זכרונות וועגן די שרעקלעכע יאָרן און ניט שילדערן דעם אוקראַינער־יידישן שטייגער און לעבן. א הויך פון רויקייט און פון געווייסן הומאָר — דער כאַראַקטער שטריך פון דעם אוקראַינישן יידן — איז אויסגעגאָסן אויף די מעמוארן־פארצייכענונגען פון לייב דיינס זכרונות און — ווידער דאָס זעלביקע — ער האָט עס ניט געטון בכוונה, כדי צו שרייבן דווקא אַזוי, נייערט אַזוי איז ער געווען:

עכט, פשוט, פֿאָלקסטימלעך און וואָרהאַפטיק; אַזוי איז ער, לייב דיין, געווען אין לעבן, אין זיין טעטיקייט און אין דער געזעלשאַפט, און אין זיין באַשיידענעם, צנועהדיקן שטיל־שרייבן: אַן ענו און אַ פשוטן.

יוסף מענדעלסאָן

דער בעל־שם פאַרט מנחם אבל זיין

איינמאָל שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה איז דער בעל־שם הקדוש געזעסן אין דער מסיבה פון זיינע תלמידים און מקורבים און גע־שמועסט. פלוצים האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף דער שטול און האָט זיך שטאַרק פאַרדבקהט און פאַרטראַכט. דער גאַנצער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַ ווונדער האָט געמוזט געשען, ווייל יעדער איינער האָט געזען בחוש, אַז דער בעל־שם איז משוטט אין אַנדערע עולמות. אין דעם האָט דער בעל־שם זיך אויפגעכאפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף און האָט אויסגערופן: „גדולה תשובה״ — תשובה טון איז זייער אַ גרויסע זאַך און וועגדנדיק זיך צו זיינע עלטערע תלמידים האָט ער געזאָגט: „זייט אייך מכין אי״ה מאָרגן, כאור הבוקר, וועלן מיר פאָרן מנחם אבל זיין אַ ממזר, תלמיד חכם...״ און באַלד נאָכדעם האָט ער פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט ביידע הענט וואָס דאָס האָט געדינט שטענדיק פאַר אַ באַווייז, אַז ער גרייט זיך צו דערציילן אַ מעשה נפלא. דער גאַנ־צער עולם איז באַהערשט געוואָרן פון אַ הייליקער שטילקייט און אַנשטעלנדיק מויל און אויערן האָט ער מיט גרויס נייגעריקייט און אומגעדולד אַרויסגעקוקט, אַז דער בעל־שם זאָל שוין אָנהויבן.

דער בעל־שם הקדוש האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און האָט דערציילט: מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז אין אַ שטאָט געשטאָרבן אַ גרויסער גביר און האָט איבערגעלאָזט אַ

זון מיט אַ טאָכטער פון פופצן און דרייצן יאָר. איינמאָל האָט זיך אָנגערופן דער ברודער צו דער שוועסטער, אַזוי ווי זייער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזט אַ גרויס רייכטום און כדי דאָס רייכטום זאָל נישט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט זאָלן זיי נישט חתונה האָבן מיט קיין אַנדערע, נאָר זיי זאָלןביידע צווישן זיך חתונה האָבן, וועט דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס זייער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזט, בלייבן בלויז פאַר זיי. די שוועסטער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און האָט איינגעשטימט. אין אַ צייט אַרום האָט זי דערפילט, אַז זי דאַרף ווערן אַ מוטער. אַז דער ברודער איז דערפון געוווירגעוואָרן, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט גלייך באַגריפן די שווערע זינד וואָס זיי זענען באַגאַנגען, אָבער כאַפּן צוריק איז שוין געווען צו שפּעט. און כדי קיינער זאָל דערפון נישט געוווירווערן, האָט ער איר געגעבן אַ האַלב פונעם פאַרמעגן וואָס זייער פאָטער האָט איבערגעלאָזט און האָט זי אַוועקגעשיקט אין אַ ווייטער, גרויסער שטאָט, ווו קיינער האָט זי נישט געקענט און דאָרט האָט זי געבוירן דאָס קינד. ס׳איז געווען אַ בן זכר. נאָכן געבוירן האָט זי עס אַריינגעלייגט אין אַ הילצערנעם קעסטעלע, זי האָט אויך אַריינגעלייגט אַהינצו צען טויזנט גאָלדענע רובל און אָנגעשריבן אַ בריוול, אַז דאָס קינד איז אַ יידיש און זי בעט דעם וואָס וועט עס געפינען, ער זאָל עס מל זיין און זאָל עס דערציען ווי אַ יידיש קינד, דערפאַר זאָל ער זיך נעמען האַלב געלט וואָס ליגט אין קעסטעלע און די צווייטע העלפט זאָל ער איבערגעבן דעם קינד ווען עס וועט גרויס ווערן. דאָס קעסטעלע האָט זי איבערגעגעבן אַ ספּעציעלן שליח, אַז ער זאָל עס אַוועקפירן אין אַ ווייטער שטאָט און ביינאַכט זאָל ער עס אַוועקלייגן אין הויף פון שול. דער שליח האָט געטון אַזוי ווי מ׳האָט אים געהייסן.

גאַנץ פרי, אַז דער שמש איז געקומען עפענען די שול, האָט ער געפונען דאָס קעסטעלע, ער האָט עס אויפגעעפנט און דערזען, אַז אינעווייניק ליגט אַ נאָר וואָס געבוירן ייִנגעלע און שלאָפט.

לעבן קינד האָט ער אויך באַמערקט אַ טאַש מיט גאָלד און אַ ברייוועלע, ער האָט דאָס בריוול איבערגעלייענט און גענומען דאָס קינד צו זיך אַהיים און עס דערצויגן ווי אַן אייגן קינד.

דאָס יינגל איז געוואקסן ביים שמש אין שטוב. דער שמש האָט עס געשיקט לערנען צו די גרעסטע מלמדים און דאָס יינגל האָט געלערנט מיט גרויס חשק, איבערשטייגנדיק אַלע זיינע חברים מיט תורה און חכמה. איינמאָל, ווען דאָס יינגל האָט שוין געהאלטן ביי בר־מצוה ווערן, איז ער געקומען פון חדר שטארק צעטראָגן. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט זיך צעקריגט מיט אַ יינגל אין חדר און יענער האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז דער שמש איז נישט זיין פאָטער און די שמשטע איז נישט זיין מוטער... דער שמש האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן און האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט גלויבן די נאַרישע רייד פונעם יינגל... און אַ צווייט מאָל איז ער געקומען פון חדר און האָט זיך געקלאָגט, אַז די קינדער רופן אים ממזר... און אַז איין יינגל האָט אים דערציילט אַז, זייענדיק אַ קינפּעט־קינד האָט אים דער שמש געפונען אין אַ הילצערנעם קעסטעלע ביים אַריינגאַנג פון שול... און אינעם טאָג פון זיין בר־מצוה איז ער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטאָט, ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט למרחקים און איז אָנגעקומען לערנען אין איינער פון די גרעסטע ישיבות. אין דער ישיבה האָט ער געלערנט מיט גרויס התמדה און האָט זיך קונה שם געווען אַלס גרויסער עילוי און אויסצייכנענדיק זיך מיט זיין שאַרפזיניקייט און קלוגן פאַרשטאַנד, האָט ער אַרויסגערופן צו זיך אַכטונג און רעספּעקט ביי יעדן איינעם.

די מוטער זיינע, נאָכדעם ווי זי איז פון אים פּטור געוואָרן, האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער פרעמדער שטאָט און האָט גענומען טון מסחר און האָט שטאַרק מצליח געווען. אַזוי זענען פאַראיבער אַ פּאָר צענדליק יאָר, און אין משך פון דער צייט האָט זי שוין צוביסלעך פאַרגעסן אינעם שווערן חטא וואָס זי האָט אויף

איר געוויסן און האָט אָנגעהויבן זוכן אַ שידוך פאַר זיך. נאָר אַזוי ווי זי איז געווען זייער רייך האָט זי געוואָלט חתונה האָבן נאָר מיט אַ גרויסן למדן. צוליב דעם צוועק איז זי אַרומגעפאָרן אי־בער די ישיבות און איז אויך אָנגעקומען אין דער ישיבה ווו ער, איר אומגעזעצלעכער זון, האָט געלערנט. זי האָט דערציילט דעם ראש ישיבה, אַז זי פאַרמאָגט אַ גרויס רייכטום און אַז זי וויל חתונה האָבן פאַר אַ מאַן וואָס מעג זיין אַן אָרעמאַן, אַבי אַ גרוי־סער געלערנטער. דעם ראש ישיבה איז איינגעפאַלן איר שדכנען דעם בחור, דעם עילוי... טאַקע איר זון... זיי זענען זיך געפעלן געוואָרן און האָבן חתונה געהאַט. אָבער נאָך שטייענדיק אונטער דער חופה, דער חזן האָט קוים באַוויזן צו ענדיקן זאָגן די שבע ברכות, און דער „כלה" איז פלוצלינג זייער שלעכט געוואָרן. עס איז איר באַפאַלן אַ מאָדנע שלאַפקייט און האָט באַקומען ווייטיקן אין אַלע אברים און מ'האָט זי גלייך געמוזט צונעמען אין אַ שפּי־טאָל. די דאָקטוירים האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען און האָבן נישט געקענט געפינען קיין רפואה צו דער שלאַפקייט. זיי האָבן אויך נישט געקענט אויסגעפינען וואָס פאַר אַ מין שלאַפקייט דאָס איז און דער „כלה" איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג.

דער בחור איינזעענדיק, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוי־סער צרה, האָט זיך אַמאָל אָנגערופן צו זיין ווייב: עס פּאַסירט, אַז איינער ווערט אָפּגענאַרט און האָט חתונה פאַר אַ קראַנקער פרוי, עס פּאַסירט אויך, אַז איינער האָט חתונה פאַר אַ געזונטער פרוי און נאָך דער חתונה ווערט זי קראַנק, אָבער אַז איינער זאָל חתונה האָבן פאַר אַ געזונטער פרוי און שטייענדיק אונטער דער חופה זאָל זי קראַנק ווערן, דאָס פּאַסירט קיינמאָל נישט, סיידן ס'איז אַן אצבע אלהים, אַ שטראָף פון גאָט פאַר אַ גרויסער זינד. דעריבער בעט ער זי, אַז זי זאָל פאַר אים נישט פאַרלייקענען און אים אויסזאָגן, וואָס פאַר אַ זינד זי איז באַגאַנגען, וואָס גאָט האָט זי אַזוי ביטער באַשטראָפט.

די אומגליקלעכע פרוי האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן

געוויין און האָט אים דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז צוריק מיט צוואַנציק יאָר האָט זי געבוירן אַ קינד פון איר אייגענעם ברודער און אַז דאָס קינד האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ הילצערנעם קעס־טעלע און האָט עס איבערגעגעבן אַ מענטש, וועלכן זי האָט ספּע־ציעל געדונגען דערויף און יענער האָט עס אונטערגעוואָרפן אין שול־הויף אין אַ געוויסער שטאָט. דערהערנדיק די לעצטע ווער־טער איז דער בחור געוואָרן שטאַרק צעטומלט און דערשלאָגן און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט און איז פאַר־שוווּנדן פון שטאָט.

דער אומגליקלעכער בחור האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער זינדיקער וועלט, ער האָט זיך געוואָלט דערווייטערן פון שטאָט און מענטשן און ער האָט גענומען וואַנדערן איבער פוסטע פעלדער און געדיכטע וועלדער. איינמאָל איז ער אַנגעקומען אין אַ גרויסן וואַלד און האָט נישט געקענט געפינען קיין אַרויסגאַנג. דריי טעג דורכאַנאַנד האָט ער געבלאָנדזשעט אין וואַלד אַ הונגעריקער, אַ דורשטיקער און ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז זיין סוף איז שוין געקומען. פּלוצלינג איז צוגעקומען צו אים אַן עלטערער ייד און אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב. ער האָט אים דערציילט, אַז ער איז דער שומר היער און אויב ער וויל קען ער ביי אים פאַר־בלייבן. דער בחור האָט איינגעשטימט און איז פאַרבליבן ביי אים אין שטוב. אַלע טאָג פלעגט ער זיך מתבודד זיין אין וואַלד און געלערנט תורה און קבלה און קיינער האָט אים נישט געשטערט, אַזוי זענען פאַראיבער עטלעכע יאָר.

אין יענער צייט איז אין איינער אַ שטאָט נפטר געוואָרן דער רב. די פאָרשטייער פון דער קהלה האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט זוכן אַ רב וואָס זאָל זיין אַ גרויסער למדן און מקובל. דורכפאָרנדיק דעם וואַלד זענען זיי פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און האָבן נישט געקענט געפינען קיין אַרויסגאַנג. אַז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט האָבן זיי באַמערקט אַ שיין פון אַ ליכט, זיי האָבן זיך

געלאָזט גיין נאָך דער שיין און האָבן געטראָפן דעם בחור זיצן אונטער אַ בוים און לערנען. דער בחור איז זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אים אָנגעבאָטן, אַז ער זאָל פאַרנעמען ביי זיי אין שטאָט דעם כסא הרבנות. לכתחילה האָט ער גאָרנישט געוואָלט הערן, נאָר אַז זיי זענען צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער איינגעשטימט.

די אומגליקלעכע פרוי, גלייך ווי איר „מאַן" איז פאַרשוונדן געוואָרן האָט ווי דורך אַ כישוף זיך אָפגעטון פון איר די שלאָפקייט און איז באַלד געזונט געוואָרן, און פאַרלאָזנדיק אַלע אירע געשעפטן האָט זי זיך אַרויסגעלאָזט אים זוכן. זי איז אויסגעווען ביי די גרעסטע רביים און צדיקים און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן אויף איר, אַ יונגע „עגונה", און אויסזוכן דעם מאַן, אָבער קיינער האָט איר גאָרנישט געקענט העלפן. אין דעם איז זי געוויר געוואָרן, אַז אין איינער אַ שטאָט האָט מען אויפן אָרט פונעם פאַרשטאָרבענעם רב געבראַכט אַ יונגן רב, וועלכער שמט פאַר אַ גרויסן צדיק, האָט זי זיך געלאָזט צו אים, אפשר וועט ער איר אָפזוכן דעם מאַן. און דער בעל־שם האָט פאַרענדיקט, אַז אַ גאַנצע וואָך האָט מען זי נישט צוגעלאָזט צו אים, און נאָר וואָס נאָך הבדלה האָט זי זיך אַריינגעריסן צו אים אין צימער און ווי נאָר זי האָט אים דערזען איז זי געפאַלן חלשות און איז געשטאָרבן... דערום זאָלן זיי זיך צוגרייטן, ווייל מאָרגן אי"ה וועט ער מיט זיי פאָרן מנחם אבל זיין דעם ממזר תלמיד חכם.

דער בעל־שם און די עגונה

צום בעל־שם הקדוש איז אַמאָל געקומען אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר דרייסיק און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים דערציילט, אַז ס׳איז שוין באַלד אַ צענדליק יאָר, אַז איר מאַן האָט זי פאַרלאָזט און זי ווייסט נישט וווהין ר׳איז אַהינגעקומען. די גאַנצע צייט האַלט זי אים אין איין אַרומזוכן, אָבער אָן רעזולטאַט. זי האָט שוין אָנגע־שפּאַרט ווו די וועלט האָט אַן עק, אומעטום געזוכט, געשטערט, גענישטערט, און נישט מ׳הערט און נישט מ׳זעט. ר׳איז פאַרשוווּנדן גלייך ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום שפּור און אַזוי ווי איר מאַן איז געווען כל ימיו אַ ידוע חולה, ער האָט שטענדיק געליטן פון אַ האַרץ־פעלער, איז ביי איר קיין שום ספק נישט, אַז ער זאָל געווען ערגעץ, במרחקים, אומגעקומען דורך אַ פּלוצלינגדיקן טויט פון אַ האַרץ־שלאַג, נישט האָבנדיק געמאַכט פריער קיינע דערקלערונגען, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. דעריבער בעט זי דעם בעל־שם הקדוש, אַז ר׳זאָל זיך גוט אַריינ־טראַכטן אין איר ביטערער לאַגע און רחמנות האָבן אויף אירע יונגע יאָרן און איר אַרויסגעבן אַן היתר עגונה, אַז זי זאָל מעגן חתונה האָבן.

דער בעל־שם האָט מיט פאָטערלעכער אויפמערקזאַמקייט אויס־געהערט די אומגליקלעכע עגונה און טיף גערירט פון איר טראַ־גישן גורל, האָט ער איר געהייסן קומען אין אַ מאָנאַט אַרום.

צו דער באַשטימטער צייט איז די אומגליקלעכע פרוי ווידער אַמאָל געקומען, אָבער, צו איר גרויסן צער און ווייטיק האָט זי דער בעל־שם, דאָס מאָל, זייער קאַלט אויפגענומען און האָט איר קלאָר און דייטלעך געמאָלדן, אַז ער קען פאַר איר גאָרנישט טון, ווייל לויטן דין פון אונדזער הייליקער תורה מוז מען האָבן אויף אַרויסצוגעבן אַ היתר עגונה ראיות ברורות, קלאָרע באַווייזן, אַז איר מאַן געפינט זיך שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע און כל־זמן ער באַזיצט נישט אַזעלכע ראיות און באַווייזן הייסט זי אַן אשת־איש און ער קען איר קיין היתר בשום אופן נישט געבן.

די אומגליקלעכע עגונה האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און געטענהט אַז דער בעל־שם הקדוש נויטיקט זיך נישט אין ראיות און באַווייזן, ווייל ס׳איז אין נסתר מנגד עיניו, אַלעס איז פאַר אים אָפן, ר׳איז אַ יודע הכל. און חוץ לזה — האָט זי געטענהט — הלמאי האָט איר דער בעל־שם עס נישט געזאָגט, ווען זי איז געקומען צו אים דאָס ערשטע מאָל? — פאַרוואָס האָט ער איר געהייסן קומען אַ צווייטן מאָל? דאָס אַליין דינט פאַר אַ סימן מובהק, אַז ס׳איז יאָ פאַראַן אַ הילף פאַר איר און נאָר ער דאַרף זיך מרחם זיין אויף אירע יונגע יאָרן און זי אויפריכטן פון איר וויסטער און פינצטערער לאַגע.

דער בעל־שם אָנערקענענדיק, הפנים, דאָס גערעכטיקייט פון אירע טענות, האָט איר געהייסן, דערווייל, פאָרן אַהיים און אין אַ מאָנאַט אַרום קומען נאָכאַמאָל. און ווען די אָרעמע פרוי איז מיט אַ מאָנאַט שפּעטער ווידער אַמאָל געקומען צום בעל־שם, האָט ער זי מדחה געווען אויף נאָך אַ מאָנאַט. אַזוי האָט ער זי אָפּגעצויגן און געשלעפּט אַ קיילעכדיקן יאָר, ביז ביי דער אומ־גליקלעכער עגונה האָט געפּלאַצט דאָס געדולד.

איינמאָל, ווען דער בעל־שם האָט זי געוואָלט, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווידער אַמאָל מדחה זיין אויף אַ שטיקל צייט, איז זי צו אים צוגעשטאַנען און געשוווירן, אַז זי וועט נישט אָפּטרעטן פון

אים ביז׳קל ער וועט איר נישט געבן דעם היתר. און כך־הוה, די עגונה איז פאַרבליבן ביים בעל־שם אין הויף און יעדן טאָג — בין מנחה למעריב, פלעגט זי זיך אַריינרייסן צו אים אין צימער מיט געוויין און יללות, וואָס האָבן געשפּאָלטן די הימלען און פאַר־אורזאַכט אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן.

אין יענער צייט האָט דער בעל־שם זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער סביבה צו באַזוכן זיינע חסידים און מקורבים, אָבער די אומגליקלעכע עגונה האָט פון אים נישט אָפּגעטראָטן. אומעטום איז זי אים נאָכגעפאָרן און וווהין זיי זענען אָנגעקומען, האָט זי אויפגעשטורעמט די שטאָט מיט אירע האַרצרייסנדיקע געשרייען און געוואַלדן.

איינמאָל, ווען דער בעל־שם האָט שוין מער נישט געקענט פאַרליידן איר צער און פּיין, האָט ער זי צוגערופן צו זיך און איר געגעבן אַן אָנגעשריבענעם היתר און איר געהייסן פאָרן צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין אַ נאָענטן שטעטל, און בעטן ביי אים אַ חתימה, און אַז זי וועט שוין האָבן ר׳ גרשונס חתימה, וועט דאַן אויך ער זיך חתמענען אויפן היתר. און טאָמער — האָט ער איר געזאָגט — וועט זיך ר׳ גרשון איינעקשנען און וועט נישט וועלן געבן זיין חתימה, זאָל זי אים שטילערהייט מגלה סוד זיין, אַז ער, דער בעל־שם, האָט זי גע־שיקט צו אים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די עגונה האָט אַלעס אויסגעפאָלגט פונקט ווי דער בעל־שם האָט איר אָנגעזאָגט, לכתחילה האָט ר׳ גרשון פאַרוואָרפן מיט הענט און פיס און גאָרנישט געוואָלט הערן פון קיין חתימה, נאָר אַז די פרוי האָט אים דערציילט, ווער ס׳האָט זי געשיקט צו אים, האָט ער נישט געמאַכט קיין שום שהיות און האָט זיך באַלד געחתמעט.

אַ שטראַלענדיקע פון פרייד און גליק, וואָס ענדלעך איז שוין נאָענט די גוטע צייט, אַז ס׳זאָל נעמען אַ סוף און אַן עק צו אירע

ירות, האָט די פּיל זיך אָנגעליטענע פּרוי צוריקגעקערט צום בעל־שם, אַז ער זאָל אונטערחתמענען דעם היתר, אַזוי ווי ער האָט איר צוגעזאָגט. אָבער ווי נאָר דער בעל־שם האָט גענומען די פּען און זיך געוואָלט חתמענען, האָט אים אָנגעהויבן ציטערן די האַנט און די פּען איז אַרויסגעפאַלן. דער בעל־שם איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע אַ פאַרדאגהטער און אַ פאַרמרה־שחורהטער. אָבער גיך האָט ער זיך געשטאַרקט און ווענדענדיק זיך צו דער עגונה, האָט ער איר דערקלערט, אַז אין דער שטאָט קען ער איר בושם אופן נישט געבן זײַן חתימה אויפן היתר. זאָל זי בעסער פּרווון קומען צו אים אין אַכט טעג אַרום קיין בערדיטשעוו, ער פאָרט אַהין אויף שבת. אָבער אויך אין בערדיטשעוו האָט דער בעל־שם נישט געקענט חתמענען דעם היתר, די האַנט האָט אים שטאַרק געציטערט און די פּען איז פון איר אַרויסגעפאַלן און ער האָט געהייסן דער פרוי קומען אין אַכט טעג קיין זשיטאָמיר. אין זשיטאָמיר האָט זיך איי־בערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס אין בערדיטשעוו: די האַנט האָט געציטערט, די פּען איז אַרויסגעפאַלן און דער בעל־שם האָט נישט געחתמעט, און דער פרוי האָט ער געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום אין אַן אַנדער שטאָט. אַזוי האָט זי דער בעל־שם באַנייס מדחה געווען פון וואָך צו וואָך און דאָס אונטערחתמענען דעם היתר האָט זיך אָפּגעצויגן און אָפּגעשלעפּט נאָך אַ שטיקל צייט.

איינמאָל, ווען די אָרעמע עגונה האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט זיך פּלאָגן און מאַטערן, איז זי אַרײַנגעפאַלן צום בעל־שם מיט אַ ביטערן געוויין, וואָס ס׳האָט געקענט רירן אפילו אַ שטיין, און אים געפרעגט ביז וואַנען איז דער שיער זי צו פּייניקן.

דער בעל־שם האָט שוין מער נישט געקענט צוזען איר צער און פּיין, און האָט איר געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט אויך פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָס אין די פריערדיקע שטעט, ווי נאָר דער בעל־שם האָט

גענומען די פּען און געוואַלט זיך התמענען אויפן היתר, האָט אים אָנגעהויבן ציטערן די האַנט, אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און האָט זיך אָנגערופן צו דער פרוי, הויך אויף אַ קול, אַז אַלע זאָלן הערן: „וואָס איז דאָ די מורא, טאָמער איז דיין מאַן נישט גע־שטאָרבן? ווען ר׳זאָל אפילו לעבן, וועט אים ר׳ גרשונס חתימה טויטן!״ און אָנשטרענגענדיק זיך מיט אַלע כוחות, האָט ער גע־חתמעט דעם היתר.

אַרויסגייענדיק פונעם בעל־שם׳ס הויז מיטן היתר אין דער האַנט, האָט די פרוי דערזען אַ גרויסן צוזאַמענגעלויף פון מענטשן. זי האָט זיך גענומען פונאַנדערפרעגן, וואָס ס׳איז דאָ געשען, האָט מען איר דערציילט, אַז נאָרוואָס איז געפאָרן אַ בעל־עגלה צום באַן־הויף נאָך פּאַרשוינען און אין מיטן וועג האָבן זיך פלוצלינג דערשראָקן די פערד און גענומען האַסטיק יאָגן און לויפן, דער וואָגן איז צעשאָטן געוואָרן און דער בעל־עגלה איז דערהרגעט געוואָרן.

די פרוי איז צוגעגאַנגען נענטער אָנצוקוקן דעם הרוג און צו איר גרויסער איבעראַשונג האָט זי דערזען, אַז דער געהרגעטער בעל־עגלה איז איר מאַן.

דער מופת פון פייל און בויגן

איינמאָל ל״ג בעומר, נאָכן דאַווענען, האָט דער בעל־שם פאַר־זאַמלט זיינע גרויסע תלמידים און מקורבים און האָט זיך אַוועק־געלאָזט מיט זיי אין גרויסן וואַלד, וועלכער איז געלעגן נישט ווייט פון דער שטאָט, פּראַווען דאָרטן די „הלולא דבר יוחאי״. קומענדיק אין וואַלד, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויפן ווייכן גראָז, גענומען צוביסלעך משקה, געטרונקען „לחיים״ און פאַרביסן מיט פריש־געבאַקענע קוכענס און מיט האַרט־געקאָכטע אייער. דערנאָך האָט דער בעל־שם גענומען זיין בויגן און האָט אויסגעשאָסן אַ פייל. די פייל איז געפלויגן און איז אַראָפּגעפאַלן נעבן אַ גרויסן און הויכן דעמב, וועלכער איז שוין געווען צעשפּאָלטן פון אַלטקייט. ער האָט אויסגעשאָסן אַ צווייטע פייל און אויך זי איז געפאַלן אויפן זעלבן אָרט וואָס די ערשטע און מערקווירדיק, וויפל פיילן דער בעל־שם האָט דאַן אויסגעשאָסן, כאָטש ער האָט געצילט אין פאַרשידענע ריכטונגען, זענען זיי אַלע געפאַלן אויפן זעלבן אָרט, נעבן דעם גרויסן און הויכן דעמב.

דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוואונדערונג און האָט נישט געקענט באַגרייפן ווי אַזוי אַזעלכעס קען פּאַסירן. דער בעל־שם האָט דאַן אַרויסגערופן פיר פון זיינע תלמידים און האָט זיי באַפוילן, אַז זיי זאָלן שיסן מיט זייערע בויגנס. יעדער איינער אין אַ באַזונדער פונקט פון די ארבע רוחות העולם און — ווי

גרויס איז געווען די שטוינונג און פאַרוואונדערונג, אַז אויך די פיילן זענען פאַרפלויגן און אַראָפּגעפאַלן אויפן זעלבן אָרט, ווו עס זענען אַראָפּגעפאַלן די פיילן פונעם בעל־שם הקדוש. יעדער איי־נער האָט געזען בחוש, אַז ס'איז נישט סתם אַ צופאַל, נאָר אַז אין דעם שטעקט אַ געטלעכע האַנט.

דער בעל־שם איז צוגעגאַנגען צום אָרט ווו די פיילן זענען אַראָפּגעפאַלן און האָט עס גוט באַטראַכט און באַקוקט און האָט אויסגערופן, אַז ער פילט דאָ אַ ריח פון אַ הארבער עבירה, וואָס יידן גרייטן זיך באַגיין. ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז אַזוי ווי דער ריח ווערט נישט גרעסער און שטאַרקער, נאָר ער ווערט וואָס אַמאָל קלענער און שוואַכער, איז אַ סימן, אַז זיי זענען שוגגין און נישט מזידין און מען קען נאָך פאַרהיטן און נישט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן טון די עבירה און ער האָט גענומען זיין גבאי און משמש און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין און מנחה־צייט זענען זיי אָנ־געקומען אין אַ באַוווסטער שטאָט.

אין שטאָט האָט זיך שטאַרק גערעשט און געטומלט. דער פרנס חודש האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער, זיין בת־יחידה. דער פרנס חודש איז געווען אַ זייער אָנגעזעענער מענטש, אַ פאַרמעגלעכער סוחר און אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער ירא שמים און די טאָכ־טער איז געווען ביי אים זייער אַ ציטערדיקע, ווייל ער האָט זייער פיל געליטן פון צער גידול בנים. אַ שטיק צייט נאָך זיין חתונה איז ער געווען חושך־בנים ל"ע און נאָך פיל בקשות און תחנונים איז אים געלונגען אויסצובעטן ביים בעל־שם אַ זון, אָבער דער דאָזיקער זון האָט נישט מאריך ימים געווען. פונקט צו די דריי חדשים איז ער געשטאָרבן. דער פרנס חודש און זיין פרוי האָבן שטאַרק געקלאָגט נאָך זייער פאַרשטאָרבענעם זון און זענען צוגע־שטאַנען צום בעל־שם, אַז ער זאָל זיי בענטשן מיט אַ זרע של קימא. דער בעל־שם האָט זיך נישט געקענט פון זיי אַרויסדרייען און האָט זיי געגעבן זיין ברכה און פונקט צום יאָר, איז ביי זיי

געבוירן געוואָרן אַ זון. דעם פּרנס חודש האָט זיך אויך איינגע־ געבן צו פּועלן ביים בעל־שם, אַז ער זאָל בייזיין דעם ברית און זיין סנדק. בשעתן ברית האָט דער פּרנס חודש געבעטן דעם בעל־שם, אַז ער זאָל אים געבן אַ שמירה פאַרן קינד און דער בעל־שם האָט געהייסן, אַז מען זאָל אָנטון דעם קינד ארבע כנפות, אויף וועלכן מען זאָל אויסנייען די אותיות: ל. ת. א. ר. דער פּרנס חודש האָט אפילו נישט געוווּסט זייער באַדייטונג, אָבער פרעגן דעם בעל־שם האָט ער נישט געוואַגט. די פרוי זיינע האָט פונעם בעסטן תכלת־ שטאָף אויפגענייט פאַרן קינד אַן אַרבע כנפותל און מיט גאָלדענע פעדעם האָט זי אויסגעשטריקט די אותיות, וואָס דער בל־שם האָט געהייסן. און צו די דריי חדשים איז געשען דאָס אומגליק.

ס'איז געווען ל"ג בעומר. דער פּרנס חודש איז געווען אין שול ביים דאַוונען, זיין פרוי איז געווען פאַרנומען אין קיך און דאָס קינד איז געליגן אין זיין וויגעלע אין שלאָף־צימער און ווען זיין פרוי האָט זיך צוריקגעקערט פון קיך, האָט זי געטראָפן דאָס וויגעלע ליידיק. זי האָט געמאַכט אַן אַליאַרם. מען האָט אַרומגעזוכט דאָס קינד אומעטום און מען האָט עס נישט געפונען. עס איז פאַרשווונדן שפורלאָז, פונקט ווי אין ים אַריין...

דער פּרנס חודש און זיין פרוי זענען שיער נישט געשטאָרבן פון צער און ווייטיק. זיי האָבן ביטער געיאָמערט און געקלאָגט נאָך זייער פאַרשווונדענעם זון או זהאָבן זיך גאָרנישט געוואָלט טרייסטן און ערשט, ווען ס'איז אין אַ צייט אַרום געבוירן געוואָרן די טאָכטער, האָבן זיי געפונען אַ שטיקל טרייסט און האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט.

די טאָכטער איז געווען זייער אַ געראָטענע. זי איז געווען שיין, קלוג און געלערנט און אויך זייער אַ גוטע און יעדער איינער האָט זי ליב געהאַט. דעריבער איז קיין ווונדער נישט וואָס אין שטאָט האָט זיך אַזוי גערעשט און געטומלט מיט איר חתונה. דער פּרנס חודש און זיין ווייב האָבן נישט געקאַרגט קיין געלט און

קיין מי אַבי די חתונה זאָל זיין וואָס שענער און פּראַכטפולער און געוויר ווערנדיק, אַז דער בעל־שם איז געקומען אין שטאָט, איז ער מיט זיין מחותן גלייך געלאָפן צו אים מקבל שלום זיין און האָבן אים איינגעלאַדן אויף דער חתונה. זיי האָבן אים געבעטן אַז ער זאָל מסדר קדושין זיין.

דער בעל־שם האָט אַריינגערופן דעם מחותן, דעם אבי החתן, צו זיך אין צימער און האָט אים געבעטן ער זאָל אים זאָגן גענוי און פּינקטלעך דעם טאָג, ווען דער חתן איז געבוירן געוואָרן. דער מחותן איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן פון דער דאָזיקער פראַגע און מיט שרעק און ציטערניש האָט ער אַרויסגעשטאַמלט אַז ער ווייסט נישט, ווייל ער איז נישט דער אמתער פאָטער פונעם חתן... ער האָט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון לייפּציג, דייטשלאַנד, וווּ ער פאַרמאָגט פיל גיטער און רייכטימער. ער און זיין פרוי זענען קינדערלאָז און צוריק מיט צוואַנציק יאָר האָבן זיי זיך געלאָזט פאָרן קיין מעזשיביזש, טאַקע צו אים, צום בעל־שם און אים בעטן, אַז ער זאָל זיי בענטשן מיט אַ קינד און אין אַ שיינעם זומער־טאָג, ס׳איז געווען ל״ג בעומר, זענען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסן וואַלד, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער שטאָט און האָבן זיך געשטעלט אָפּרוען נעבן אַ גרויסן און הויכן דעמב. פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט ווי אַ קינד וויינט. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און האָבן דערזען, אַז צווישן די צווייגן וואָס אַרום דעמב ליגט אַ קליין קינד איינגעהילט אין אַ קאָלדרעלע, לכתחילה האָבן זיי גערעכנט, אַז ס׳איז אַ קריסטלעך קינד, אָבער באַלד האָבן זיי זיך איבער־צייגט, אַז ס׳איז אַ יידיש קינד, ווייל ס׳איז געווען געמלט און עס האָט געטראָגן אַן ארבע־כנפותל, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעשטריקט די אותיות: ל. ת. א. ר., וועמענס באַדייטונג ער ווייסט נישט עד היום... ער און זיין פרוי האָבן געזען אין דעם אַ סימן, אַז מן השמים איז נגזר געוואָרן, אַז זיי אַליין זאָלן קיין קינדער נישט האָבן. דערפאַר האָט מען זיי צוגעשיקט דאָס דאָזיקע קינד און זיי האָבן קיין סך נישט געטראַכט און גענומען דאָס

יינגעלע און זיך צוריקגעקערט אַהיים קיין לייפּציג און אים דער־צויגן ווי אַן אייגן קינד. און איצט מאַכן זיי אים חתונה פאַר דעם פרנס חודש טאָכטער...

דער בעל־שם האָט געפרעגט דעם מחותן צי ער האָט נאָך דאָס ארבע כנפותל און דער מחותן האָט אים געענטפערט, אַז ס'איז ביים חתן. ער האָט אויך דערציילט, אַז דער חתן היט עס אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג: ס'איז ביי אים זייער הייליק און טייער און ער האַלט עס שטענדיק מיט זיך. וווהין ער גייט, נעמט ער עס מיט, ער זאָגט, אַז ס'איז אַן אמתע און זיכערע שמירה...

אין דעם איז אַריינגעקומען דער פרנס חודש און געבעטן דעם בעל־שם, אַז ער זאָל זיך צואיילן צו דער חופּה, ווייל דער טאָג איז אַ גרויסער און חתן־כלה פאַסטן; אָבער דער בעל־שם האָט גאָרנישט געהערט וואָס ער רעדט און גענומעןביידע מחותנים און זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער די גאַסן פון שטאָט און אַריינ־קומענדיק אין אַ שמאָל געסל איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען אַן עלטע־רער ייד און האָט זיי געבעטן אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן הויז, ווייל דאָרטן ליגט אַן אַלטע פרוי, וועלכע האַלט ביים שטאַרבן און פאַרן טויט וויל זי זיי אַנטדעקן אַ שרעקלעכן סוד.

דער בעל־שם מיט ביידע מחותנים זענען אַריינגעקומען אין הויז און האָבן געטראָפן ליגן אויף אַ בעט אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט שוין געגוססט נאָר דערזעענדיק די אַריינגעקומענע האָט זי זיך געשטאַרקט און אויסגעשריען, אַז איידער זי שטאַרבט וויל זי פאַר זיי זיך מתודה זיין אויף אַ זייער שרעקלעכער זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען. זי האָט דערציילט, אַז זי איז געווען שמשטע אין דער ווייבערשער שול און פלעגט אָפט באַגיין גנבות, זי פלעגט גנבענען ליכט, לייכטער, האַנטוכער, טישטוכער און זיי פאַרקויפן. דער פרנס חודש פלעגט זי אָפט באַשטראָפן דערפאַר און איינמאָל, ערב פּסח, האָט זי צוגעגנבעט אַ נייעם טישטוך, איז דער פרנס

חודש אויף איר אין כעס געוואָרן און ביי איר צוגענומען דאָס שמשות. האָט זי געטראָגן אַ האַס אויף אים און געזוכט אין אים זיך נוקם צו זיין און אין אַ טאָג, ס'איז געווען ל״ג בעומר, איז זי אַריינגעקומען צו אים אין שטוב און נישט טרעפנדיק קיינעם, ווייל דער פּרנס חודש איז געווען אין שול און די פרוי זיינע איז געווען פאַרטון אין קיך און דאָס קינד איז געליגן אין וויגעלע אין שלאָף־צימער, האָט זי פאַמעלעך אַרויסגענומען דאָס קינד און אומבאַמערקטערהייט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטאָט און האָט עס אַוועקגעפירט אין אַ ווייטן וואַלד און עס דאָרט איבערגעלאָזט, נעבן אַ גרויסן און הויכן דעמב... אַז זי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט איר שטאַרק געפייניקט דער געוויסן, דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט און זי האָט באַלד חרטה געקראָגן. איז זי גלייך געלאָפן אין וואַלד צוריקצוברענגען דאָס קינד, אָבער זי האָט עס שוין דאָרטן נישט געטראָפן... און פאַרענדיקנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און איז אויסגעגאַנגען.

דער בעל־שם האָט געשיקט רופן דעם חתן און די פרוי פונעם פּרנס חודש. ווען זיי זענען געקומען האָט ער געהייסן דעם חתן אים ווייזן דאָס ארבע כנפותל. ער האָט עס גוט באַטראַכט און געמאָלדן דעם פּרנס חודש און זיין פרוי, אַז דער חתן איז זייער פאַרשוווּנדענער זון און די כלה איז זיין שוועסטער... ער האָט זיי דערמאָנט, אַז ביי אים אויפן ברית האָט ער געהייסן אים אָנטון ארבע כנפות, אויף וועלכן מען זאָל אויסנייען די אותיות ל. ת. א. ר., וועלכע זענען די ראשי תיבות פון אַ פּסוק אין תהילים „לא תאונה אליך רעה“...

דער פּרנס חודש און זיין פרוי האָבן גלייך דערקענט דאָס ארבע־כנפותל וואָס זי, די פרוי, האָט אַליין אויפגעניים און אויסגעשטריקט די אותיות מיט די פעדעם פונעם גאָלד פון די קנעפּ, וועלכע באַצירן איר חופּה־קלייד און האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט זייער געפונענעם זון. דער בעל־שם האָט זיי געהייסן מוחל

זיין דער פארשטאָרבענער פרוי פארן צער וואָס זי האָט זיי גורם געווען, ווייל זי האָט זיך מודה געווען אין דער צייט. ער האָט אויך געהייסן, אז מען זאָל איר מיטגעבן אין קבר דאָס ארבע־כנפותל, כדי עס זאָל איר דינען פאַר אַ שמירה פאר די מלאכי־חבלה און פאַר אַ באַווייז פאר דעם בית־דין של מעלה, אז מען האָט איר מוחל געווען איר זינד און דער בעל־שם האָט אויך געהייסן צו פאַרוואַנדלען די חתונה־שמחה אין א שמחה לכבוד דעם, וואָס זיי האָבן געפונען זייער פאַרלוירענעם זון און אויך אַלס אַ דאנק און לויב צו השם יתברך פאַרן גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט זיי געטון און זיי פאַרהיט פון אַ האַרבער עבירה, אויף וועלכער עס איז שווער צו קריגן א כפרה.

אינעם זכות פון די חנוכה-ליכטלעך

דער בעל־שם הקודש פלעגט זיך נוהג־זיין פראַוועז אַלע חנוכה, צום אַכטן ליכטל, אַ גרויסע סעודה פאַר זיינע חסידים און מקורבים. די דאָזיקע סעודה איז געווען אַ מין לויב צום בורא עולם פאַר די ניסים ונפלאות וואָס ער האָט געטאָן צו אונדזערע עלטערן אין יענע טעג, אין דער דאָזיקער צייט.

איינמאָל האָט אַ רייכער וואַלד־סוחר פון קעניגסבערג זיך געפונען צוליב זיינע געשעפטן, נישט ווייט פון דער שטאָט מעזשביז, דאָס וווינאָרט פונעם בעל־שם, און הערנדיק וועגן דער געטלעכער גרויסקייט און הייליקע התנהגות פונעם בעל־שם הק־דוש, האָט אים אָנגענומען אַ שטאַרקער חשק אים זען, איז ער צוגעפאָרן קיין מעזשביז און איז בייגעווען די סעודה פון חנוכה. דאָרטן האָט ער זיך מתקרב געווען צו איינעם פונעם בעל־שמס גרעסטע חסידים און האָט זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדעט און אַזוי ווי ער, דער סוחר, האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ בת־יחידה, און דער חסיד האָט געהאט אַ זון, אַ בן־יחיד, האָבן זיי זיך משדך געווען און האָבן אָפּגערעדט צו פייערן די חתונה פון זייערע קינ־דער אין אַ יאָר אַרום, פונקט חנוכה צום אכטן ליכטל. דער סוחר האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים קיין קעניגסבערג און האָט דער־ציילט זיין פרוי אַז ער האָט אַ שידוך־געטאָן מיט זייער טאָכטער. אָבער די פרוי, געוואויר ווערנדיק, אַז דער מחותן איז אַ גרויסער

אָרעמאַן, האָט בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין צום שידוך און דער סוחר האָט ניט געקענט גיין קעגן איר ווילן און האָט געמוזט נאָכגעבן און האָט אויסגעזוכט פאַר זיין טאָכטער אַן אַנדער חתן, אַ זון פון אַ רייכן פאַבריקאַנט פון יענעם געגנט.

דער חסיד האָט די גאַנצע צייט אַרויסגעקוקט אויף אַ ידיעה פון זיין מחותן וועגן די הכנות צו דער חתונה אָבער ס'איז אי־בער געגאַנגען דאָס גאַנצע יאָר און ער האָט פון אים גאָרניט באַקומען. ער האָט זיך געשראָקן, אַז עפּעס האָט דאָרטן פּאַסירט. ער האָט אָנגעהויבן זיך נאָכפרעגן און האָט אויסגעפונען, אַז דער סוחר האָט חרטה געהאַט אויפן שידוך און האָט אויסגעזוכט פאַר זיין טאָכטער אַן אַנדער חתן. די ערשטע צייט איז דער חסיד גע־ווען שטאַרק דערשלאָגן און געבראָכן, ער האָט זיך געפילט טיף באַליידיקט און פאַרשעמט, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרו־איקט און גענומען נאָכזוכן פאַר זיין זון אַן אַנדער שידוך. דער זון זיינער איז אַפילו געווען אַ געראָטענער בחור, אַ קלוגער, אַ בן־תורה און אַ שיינער אויפן אויסזען. אָבער אַ שידוך טאָן מיט אים איז געווען שווער כקריעת ים סוף. גלייך ווי עמעצער זאָל אים געווען עפּעס אָפּטאָן. ווער ס'איז אים געקומען „אָנקוקן" אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער האָט געוואָרפן אויף אים אַן אומחן און האָט אים ניט געוואָלט. דער חסיד האָט די ערשטע צייט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף, ער האָט גערעכנט אַז ס'האָט זיך סתם אַזוי געמאַכט, אָבער, אַז עס זענען פאַריבער עטלעכע יאָר און קיין שידוך האָט זיך ניט געמאַכט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט קיין פּשוטער צופאַל, נאָר אַז די זאַך איז ערנסט און געהאַט דער־פון גרויסע יסורים און פיל עגמת נפש און זייענדיק אויף ראש השנה ביים בעל־שם הקדוש האָט ער אים דערציילט וואָס ס'קומט פאַר מיט זיין זון. דער בעל־שם האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן און האָט אים געזאָגט, אַזוי ווי ס'גייען די עשרת ימי תשובה זאָל ער זען תשובה־טאָן מיט גרויס כוונה. דער חסיד האָט גלייך

געפּילט, אַז ער האָט עפּעס פּוגם געווען און אַז ער מוז האָבן אַ תיקון און האָט געטאָן אַזוי ווי דער בעל־שם האָט אים געהייסן און נאָך יום־כפּור איז ער נאָך אַמאָל געקומען צום בעל־שם אַז ער זאָל אים געבן אַ תיקון. אָבער דער בעל־שם האָט אים געזאָגט, אַז די ימי־תשובה ציען זיך ביז הושענא רבה און דער חסיד האָט אויך די טעג עוסק געווען אין תשובה און אין מעשים טובים און נאָך הושענא רבה איז ער ווידער אַמאָל געקומען צום בעל־שם נאָך אַ תיקון אָבער ווי נאָר דער בעל־שם האָט אים דערזען האָט ער אויסגערופן, אַז פּאַר רשעים און גרויסע בעלי־עברהניקעס זענען אָפן די שערי תשובה ביז חנוכה. דאַן האָט דער חסיד פאַר־שטאַנען, אַז גרויס איז זיין זינד און אַ געבראָכענער און אַ דער־שלאָגענער האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים און תשובה געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן און חנוכה איז ער נאָך אַמאָל געקומען צום בעל שם און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אויף אים דערבאַרעמען און אים געבן אַ תיקון, אָבער דער בעל־שם האָט אים מדחה געווען פון טאָג צו טאָג און ערשט דעם זיבעטן טאָג חנוכה האָט ער אים צוגערופן און האָט אים געהייסן זיך צוריקקערן אַהיים לחיים ולשלום. דער בעל־שם האָט אים אויך מיטגעגעבן אַ פלעשעלע בוימל און אַ חנוכה־לעמפּל און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ווען ס'ועט ווערן גוט פינצטער, איז ווו ער זאָל זיך ניט געפינען זאָל ער זיך אָפּשטעלן און בענטשן חנוכה־ליכטלעך. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער חסיד האָט אויס־געפאָלגט אַלעס וואָס דער בעל־שם האָט אים געהייסן און האָט זיך געלאָזט גלייך אין וועג אַריין און ווען ער איז אָנגעקומען אין גרויסן וואַלד וואָס ליגט ניט ווייט פון דער שטאָט איז אים צוגע־פאַלן די נאַכט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויסן בוים און אָפּגעדאַוונט מעריב און געבענטשט חנוכה ליכטלעך און נאָכהער האָט ער גענומען זינגען מיט גרויס התלהבות „הנרות הללו" און „מעוז צור ישועתי" און ווען ער האָט פאַרענדיקט און אויפגעעפנט די אויגן האָט ער דערזען שטיין נעבן זיך אַ פרעמדן יידן. לכת־

חילה האָט ער זיך דערשראָקן, אָבער דער ייד האָט אים באַרו־איקט און דערציילט, אַז ס׳איז שוין דריי טעג, אַז ער בלאָנדזשעט אין וואַלד און קען ניט געפינען קיין אַרויסגאַנג און ער האָט שוין געטראַכט, אַז ער וועט אומקומען פון הונגער און קעלט. אָבער פּלוצים האָט ער דערזען אַ שיין פון קליינע פייערלעך, איז ער געגאַנגען נאָך דער שיין ביז ער איז צוגעקומען אַהער, ווו ער האָט אים געטראָפן בענטשן חנוכה־ליכטלעך און אַדאַנק די קליינע ליכטלעך איז ער ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. און דער ייד האָט געבעטן, אַז ער זאָל אים מיטנעמען מיט זיך און ברענגען צו אַ ישוב.

דער חסיד האָט זיך זייער דערפרייט און האָט געדאַנקט און געלויבט השם יתברך פאַרן גרויסן חסד וואָס ער האָט מיט אים געטאָן און מזכה געווען מיט דער מצווה פון הצלת הנפש. ער האָט געזען אין דעם אַ קלאָרן באַווייז אַז ער האָט שוין געקראָגן דעם ריכטיקן תיקון און אַז זיין זון איז שוין געהאָלפן געוואָרן און האָט גענומען דעם יידן און האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים צו זיך אין שטעטל אַריין, אָבער פּלוצים האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שניי־שטורעם און זיי האָבן אַראָפּגעבלאָנדזשעט פון וועג און זע־נען פאַרגאַנגען צוריק קיין מעזשביז און זענען צוגעקומען צום בעל־שמס הויז.

ביים בעל שם אין הויז איז שוין געווען פאַרזאַמלט אַ גרוי־סער עולם חסידים און מקורבים. די טישן זענען שוין געווען גע־גרייט. מ׳האָט נאָר געוואַרט, אַז דער בעל שם זאָל אַרויסקומען און בענטשן חנוכה־ליכט און מ׳זאָל זיך זעצן פּראַווען די סעודה. אָבער דער בעל־שם איז אַ גאַנצן אויפּדערנאַכט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער און קומט ניט אַרויס. יעדער איינער האָט געזען בחוש, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. פּלוצים האָט זיך באַוויזן דער בעל־שם און האָט געהייסן דעם שמש אַריינרופן די צוויי יידן וואָס שטייען אין הויף און האָט גענומען בענטשן חנוכה־ליכטלעך.

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט, אין דער ליכטיקייט, דער ייד, וועלכער איז געווען דער סוחר פון קעניגסבערג, דערקענט זיין מחותן דעם חסיד און איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און האָט געבעטן אַז ער זאָל אים מוחל זיין. דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוווּנדערונג און האָט ניט געקענט באַגרייפן וואָס ס׳קומט פאָר. דער בעל־שם האָט גענומען ביידע יידן און האָט זיי אַוועקגעזעצט נעבן זיך און אײדער ער האָט אָנגעהויבן די סעודה האָט ער גע־הייסן דעם סוחר, אַז ער זאָל דערציילן וואָס ס׳האָט זיך מיט אים געטראָפן.

און דער סוחר האָט דערציילט, אַז צוריק מיט פיר יאָר האָט ער זיך טאַקע דאָ, ביים בעל־שם אין הויז, אויף אַ חנוכה־סעודה, באַקענט מיטן דאָזיקן חסיד, וועלכער איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און אַזוי ווי ער האָט אַ טאָכטער, אַ בת־יחידה, און דער חסיד — אַ זון, אַ בן־יחיד, האָבן זיי זיך משדך געווען און האָבן אָפּגעשטעלט די חתונה אויף איבעראיאָר חנוכה צום אַכטן ליכטל. אָבער אַז ער איז געקומען אַהיים און געמאָלדן וועגן דעם זיין פרוי האָט זי אים ניט געלאָזט מאַכן די חתונה ווייל זי איז געוויר געוואָרן אַז דער מחותן איז אַ גרויסער אָרעמאַן. דאַן האָט ער געטאָן מיט זיין טאָכטער אַן אַנדער שידוך. אָבער, אַז ס׳איז גע־קומען די וואָך פון דער חתונה איז מיט דער כלה געשען אַ גרוי־סער אומגליק: זי איז פּלוצלינג געריררט געוואָרן פון זינען, זי האָט גערעדט מאָדנע רייד און געמאַכט משונהדיקע תנועות און העויות פּונקט ווי אַ גאַסן־משוגענע. ער האָט באַלד געבראַכט די גרעסטע דאָקטוירים פון שטאָט און זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען אויף זי געזונט־מאַכן און ס׳האָט ניט געהאָלפן. און דער חתן, זעענדיק אַז ס׳איז ניטאָ קיין רפואה, האָט אָפּגעשיקט די תנאים און אָפּגעלאָזט דעם שידוך. און ווי נאָר זי איז געוואָרן אויס כלה אַזוי האָט זיך באַלד צו איר צוריקגעקערט דער פאַר־

שטאַנד און זי איז געוואָרן געזונט ווי אַלע מענטשן. דאָס זעלבע האָט אויך מיט איר פּאַסירט ווען זי איז צום צווייטן מאָל און אויך צום דריטן מאָל געוואָרן אַ כלה: די וואָך פון דער חתונה איז זי געריכט געוואָרן פון זינען און אַז זי איז געוואָרן אויס כלה איז זי צוריק געזונט געוואָרן. דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטראָפט אים גאָט אַזוי פאַר דער גרויסער זינד וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי דעם חסיד. האָט ער גענומען אַ גרויסע סומע געלט און פיל ווערטפולע חפצים און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום בעל־שם הקדוש און אים בעטן אַז ער זאָל פאַר אים אַרויסבאַקומען אַ מחילה. און דורכפאָרנדיק דעם גרויסן וואַלד זענען אים באַפאַלן גזלנים און האָבן ביי אים אַלעס צוגערויבט און דריי טעג האָט ער געבלאָנדזשעט אין וואַלד און איז שיר ניט אומגעקומען פון הונגער און קעלט. ער האָט געמיינט אַז זיין סוף איז שוין געקומען, נאָר פלוצים האָט ער דערזען אַ שיין פון קליינע פייערלעך, איז ער געגאַנגען נאָך דער שיין און איז צו־געקומען צום אָרט ווו דער ייד איז געשטאַנען און האָט געבענטשט חנוכה־ליכטלעך. דער ייד האָט אויף אים רחמנות געקראָגן און אים מיטגענומען מיט זיך אין זיין שטעטל, אָבער אין וועג איז געוואָרן אַ גרויסער שטורעם און זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט און פאַרגאַנגען צוריק קיין מעזשביז און געקומען אַהער און דאָ האָט ער, אין דער ליכטיקייט, דערזען אַז דער ייד וועלכער האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט איז זיין מחותן דער חסיד.

דער גאַנצער עולם האָט מיט הייליקער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די שרעקלעכע דערציילונג פונעם קעניגסבערגער סוחר און איז באַהערשט געוואָרן מיט אַ געטלעכער שטימונג און דער בעל־שם האָט אַרויסגענומען אַ רויטע פאַטשיילע און האָט זיי געהייסן מקבל קנין זיין, אַז זיי זענען זיך נאָכאַמאָל משדך און האָט נאָכהער אַליין אָנגעשריבן די תנאים און געבראָכן טעלער

און האָט זיי געהייסן פּראַווען די חתונה איבער־אַ־יאָר חנוכּה, צום אַכטן ליכטל.

דער גאַנצער עולם האָט זיי אָפּגעגעבן מזל־טוב און גע־ווונטשן, אַז דער שידוך זאָל זיין אַ קשר של קימא.

אויף קידוש-השם

אין די צייטן פון דעם בעל-שם הקדוש האָט אין דער שטאָט טעטיעוו, אוקראַינע, געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ שבתי. דער דאָזיקער ר׳ שבתי איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ בר-אורין, אַ גרויסער ירא-שמים און אַ גרויסער בעל-צדקה. ער האָט געפירט גרויסע מסחרים און האָט געלעבט זייער רייך. נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט, וואָס האָט פאַראומערט זיין לעבן. ער איז געווען אַ חושך-בנים ל״ע, אַ קינדערלאָזער און זייענדיק פון די ערשטע מקורבים פונעם בעל-שם הק׳ איז ער יאָרנלאַנג געפאָרן צו אים און געוואָרפן מיט גרויסע פדיונות און געבעטן, אַז ער זאָל זיך איבער אים מרחם זיין און אים בענטשן מיט אַ זרע של קימא און דער בעל-שם האָט אים אַפילו ניט געוואָלט אויסהערן, ער פלעגט אים אַלע מאָל מדחה זיין און ווען ער איז איינמאָל צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער אים געמאָלדן, קורץ און שאַרף, אַז ער קאָן פאַר אים גאָר ניט טון, ווייל מן השמים איז נגזר געוואָרן, אַז ער און זיין פרוי זאָלן קיין קינדער ניט האָבן.

ר׳ שבתי, וואָס האָט שטאַרק געגלייבט אינעם בעל-שם הקדוש און זיינע ווערטער זענען געווען פאַר אים זייער הייליק, האָט ווי עס פאַסט פאַר אַ פרומען יידן, געמאַכט די ברכה: „ברוך

דיין אמת" און האָט מקבל געווען באהבה דעם גזר דין, אָבער זיין פרוי האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן, זי האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז זי און איר מאַן זענען ערגער און זינדיקער פון אַלע מענטשן. זי האָט געטענהט, אַז אויב ס'איז אַפילו אמת, ווי דער בעל־שם זאָגט, אַז ס'איז אויף זיי נגזר געוואָרן מן השמים, איז אויך פאַראַן אַ מיטל אויף צו מבטל־מאַכן די גזירה, ווייל אין די הייליקע ספרים שרייבט זיך ותשובה, ותפילה, וצדקה מעבירין את רוע הגזירה. וועלן זיי געבן גרויסע געלטער אויף צדקה און טאָן תשובה מיטן גאַנצן האַרצן און וועלן אויך מתפלל זיין מיט גרויס כוונה, וועט השי"ת זיי העלפן און וועט מבטל מאַכן די גזירה.

און אין איין זומערדיקן פרימאָרגן האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן קיין מעזשביז צום בעל־השם הקדוש.

דער בעל־שם, געוויר ווערנדיק, אַז ר' שבתיס פרוי איז גע־קומען, האָט שוין פאַרשטאַנען, צוליב וואָס און ער האָט פאַרזאָגט אַלע זיינע גבאים און משמשים, אַז זיי זאָלן זי צו אים ניט צולאָזן.

אַ גאַנצע וואָך האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַרום בעל־שמס הויז און ניט געקאָנט אַריינקומען און שבת, בעתן דאַוונען, ס'איז געווען שבת מברכין און דער בעל־שם איז פונקט צוגעקומען צו דער בימה און האָט גענומען דעם ספר־תורה אין די הענט גרייט צו בענטשן ראש חודש, האָט זי זיך אַריינגעריסן אין קלויז און זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די מתפללים און איז צוגעלאָפן צו דער בימה און מיט געשרייען און געוואַלדן האָט זי ניט געלאָזט דעם בעל־שם בענטשן ראש־חודש, ביז ער וועט זי פריער ניט בענטשן מיט אַ קינד.

דער גאַנצער עולם איז אויפגעציטערט געוואָרן פון אַזאַ חוצפה. די גבאים האָבן געהייסן די שמשים, זיי זאָלן זי גלייך אַרויספירן, אָבער דער בעל־שם האָט אַ ווונק־געטון צו זיי, אַז זיי

זאָלן זי ניט טשעפּען און האָט גענומען זאָגן: „יקום פורקן״. און ווען ער איז געקומען צו די ווערטער „זרעא חיא וקימא״, האָט ער זיך אַביסל פאַרדבקעט און ווענדנדיק זיך צו דער פרוי האָט ער דריי מאָל אויסגערופן: „זרעא חיא וקימא״ און האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, אַז זי זאָל אַוועקגיין.

דער גאַנצער עולם האָט געפילט, אַז די פרוי איז געהאָלפן געוואָרן, און שבת־צו־נאַכט, נאָך הבדלה, האָט דער בעל־שם אַריינגערופן צו זיך די פרוי און האָט איר געמאָלדן, אַז ער האָט געפועלט ביים בית־דין של מעלה פאַר איר אַ קינד און האָט איר געהייסן פאָרן לחיים ולשלום אַהיים.

אין אַ צייט אַרום האָט ר׳ שבתיס פרוי אים געבוירן אַ טאָכ־טער און זיי האָבן איר אַ נאָמען געגעבן חנה.

חנה איז געוואַקסן ווי אַ שיינע בלום און איז געווען באַצירט מיט אַ סך גוטע מעלות. זי איז געווען אַ גרויסע יפת תואר און אַ גרויסע חכמה. זי האָט געהאַט זעלטענע פעאיקייטן צום לערנען און איז געווען גוט באַהאַוונט אין אַלע יידישע מנהגים און טראַ־דיציעס. אויסערדעם האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט שיינע מידות און גוטע זיטן, אַרויסרופנדיק סימפּאַטיע און ליבשאַפט ביי יעדן איינעם. ר׳ שבתי און זיין פרוי האָבן שטאַרק שטאָלצירט מיט זייער געראָטענער טאָכטער און זענען געווען איבערגליקלעך.

איינמאָל, שבת פאַרנאַכט, האָט חנה זיך צוריקגעקערט פון אַ שפּאַציר מיט אירע חברטעס און האָט זיך געקלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי. די מוטער האָט איר געהייסן זיך אַריינלייגן אין בעט, דענקנדיק, אַז עס וועט איר מסתמא איבערגיין. אָבער חנהן איז געוואָרן וואָס אמאָל ערגער. מ׳האָט געבראַכט אַ דאָק־טאָר און ער האָט דערקלערט, אַז די שלאַפקייט איז זייער אַן ערנסטע און דער חולה איז געפערלעך.

ר׳ שבתי האָט געבראַכט גרויסע דאָקטוירים און זיי האָבן

אַנגעווענדט אַלע מיטלען, אָבער זיי האָבן גאָרניט געקאָנט אויפ־טאָן. אייניקע דאָקטוירים האָבן אָפן דערקלערט, אַז ס׳איז ניט פאַראַן קיין אויסזיכטן צו דערהאַלטן דעם חולה ביים לעבן.

ר׳ שבתי און זיין פרוי האָבן שיר ניט געפּלאַצט פון צער און ווייטאָג. זיי האָבן געוווסט, אַז דער איינציקער, וואָס וואָלט געקאָנט ראַטעווען זייער טאָכטער, איז דער בעל־שם הקדוש. אָבער ווי אַזוי קומט מען צו אים? וועגן פירן די קראַנקע צום בעל־שם האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל איר צושטאַנד איז געווען זייער געפערלעך. ס׳איז געווען אוממעגלעך אַפילו צו רירן זי פון בעט און וועגן מטריח זיין דעם בעל־שם, אַז ער זאָל קומען צו דער קראַנקער אַהיים, האָט קיינער ניט געוואַגט צו טראַכטן. אָבער די מוטער האָט זיך איינגעשטעלט און אים אַוועק־געפאָרן צום בעל־שם און אַריינפאַלנדיק צו אים אין צימער, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און האָט אים דער־ציילט, אַז איר טאָכטער, וואָס ער אַליין האָט פאַר איר אויסגע־בעטן, איז שטאַרק קראַנק און איר לעבן איז אין אַ גרויסער סכנה. זי האָט אים געבעטן ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר און אויף איר מאַן און באַזונדער אויף איר טאָכטערס יונגע יאָרן און זאָל זיך מטריח זיין און מיט איר באַלד פאָרן און ראַטעווען איר קינד.

דער בעל־שם האָט געענטפערט, אַז היינט האָט ער קיין צייט ניט און מאָרגן וועט ער זען.

די אומגליקלעכע מוטער האָט אים געפרווט דערקלערן, אַז איר טאָכטער איז זייער מסוכן און מאָרגן קאָן שוין זיין צו־שפּעט, אָבער דער בעל־שם האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און ערשט אויפן צווייטן טאָג איז ער געפאָרן צו דער קראַנקער אַהיים און אָנקומענדיק אַהין איז אים ר׳ שבתי געלאָפן אַנטקעגן און אים געבעטן אַריינגיין צו דער קראַנקער אין צימער, אָבער דער בעל־שם האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך ניט געדאַוונט. ר׳ שבתי האָט אים דערקלערט, אַז דער חולה געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון

גסיסה, אָבער דער בעל־שם האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און האָט זיך געשטעלט דאַווענען.

ר׳ שבתי און זיין פרוי זענען אַרומגעגאַנגען ווי אויף הייסע קוילן. זיי האָבן מיט גרויס אומגעדולד אַרויסגעקוקט, אַז דער בעל־שם זאָל שוין אַריינגיין צו דער קראַנקער אין צימער און דער בעל־שם האָט זיך רואיק געדאַווענט גלייך ס׳וואָלט גאָר נישט פאָרגעקומען.

נאָכן דאַווענען האָט ער געזאָגן זאָגן תהילים און אַז ער האָט פאַרענדיקט, האָט ער אַרויסגענומען אַ פלעשל מיט משקה און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל און געטרונקען „לחיים" מיט ר׳ שבתין, און נאָכהער איז ער צוגעקומען צו דער קראַנקערס צימער און האָט אָן עפן־געטאָן די טיר און אַ קוק־געטאָן אויף דער קראַנקער. זי איז שוין געלעגן און געגוססט. ער האָט געטרונקען צו איר „לחיים" און האָט זיך גלייך צוריקגעקערט אין זיין צימער.

פון יענער מינוט אָן איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אינעם צושטאַנד פון דער קראַנקער. פון שעה צו שעה האָט זי זיך געפילט בעסער און אין אַ פאָר טעג אַרום איז זי אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

דעם בעל־שמס גרויסע תלמידים און ערשטע מקורבים האָבן אים געפרעגט, מיט וואָס האָט ר׳ שבתי זוכה־געווען, אַז ער, דער בעל־שם הקדוש אַליין בכבודו ובעצמו זאָל זיך מטריח זיין און פאָרן צו אים אַהיים און אויסהיילן זיין טאָכטער פון אַ געפערלעכער קראַנקהייט, און באַוויזן דערמיט אַ מופת פון תחית המתים?

האָט זיי דער בעל־שם געענטפערט, אַז ער האָט זיך מטריח געווען ניט אין ר׳ שבתיס זכות, נאָר אינעם זכות פון זיין טאָכטער, וועלכע איז אַ גרויסע צדקת און באַזיצט אַ ריינע און הייליקע נשמה. ער האָט זיי דערציילט, אַז מן השמים איז נגזר גע־

וואָרן, אַז ר׳ שבתי און זיין פרוי זאָלן זיין חשוכי בנים, קינדער״ לאָז און די גזירה האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט מבטל מאַכן. נאָר זייענדיק אַמאָל אין אוצר הנשמות האָט ער באַמערקט אַ גרויסע נשמה, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער זי גענומען און האָט געטראַכט זי אַוועקגעבן אַלס מתנה פאַר איינעם פון זיינע גרויסע תלמידים. נאָר יענעם שבת מבורכין, ווען ר׳ שבתיס פרוי האָט זיך אַריינגעריסן צו אים אין קלויז און האָט אים ניט געלאָזט בענטשן ראש־חודש, ביז ער וועט איר נישט צוזאָגן אַ קינד; און נישט קאָנענדיק צוזעען איר צער, האָט ער געפּועלט ביים בית־דין של מעלה, אַז ער זאָל איר אַוועקגעבן די גרויסע נשמה. און דער בעל־שם האָט פאַרענדיקט, אַז אין עט־לעכע יאָר אַרום וועט די גאַנצע וועלט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך איבערצייגן וואָס פאַר אַ ריינע און הייליקע נשמה עס פאַרמאָגט ר׳ שבתיס טאָכטער.

אין יאָר תק״ך, אינעם זעלבן יאָר וואָס דער בעל־שם הקדוש איז נסתלק געוואָרן, האָט חנה חתונה־געהאַט פאַר אַ באַוווּסטן גאון און גרויסן מקובל. ר׳ שבתי מיט זיין פרוי האָבן געמאַכט אַ גרויסאַרטיקע חתונה און האָבן אויך געפּראַוועט א סעודה פאַר אָרעמעלייט און געטיילט צדקה און נדבות און האָבן זיך שטאַרק משמח געווען. חנה מיט איר מאַן האָבן געלעבט זייער גליקלעך און זי האָט אים געבוירן זיבן זין.

מיט אכט יאָר שפּעטער, אין יאָר תקכ״ח האָט זיך אָנגערוקט אויף די אוקראַינער יידן אַ גרויסער אומגליק. דער באַוווּסטער רוצח, דער אַטאַמאַן גאָנטאַ, האָט זיך דאַן אַרויסגעלאָזט מיט זיינע ווילדע קאָזאַקן איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך פון אוק־ראַינע און האָט דורכגעפירט שרעקלעכע שחיטות. צענדליקער יידישע ישובים זענען דורך אים חרוב און פאַרניכטעט געוואָרן און טויזנטער יידישע לעבנס זענען דורך אים אומגעבראַכט גע־וואָרן. און מיט אַ באַזונדער אכזריות און בעסטיאַליטעט איז דער

רוצח באַפאַלן דאָס שטעטל טעטיעוו און האָט דאָרטן אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן חורבן: אַלע יידן האָט ער אויסגעהרגעט און די הייזער פאַרבערנט. צווישן די הרוגים זענען אויך געווען ר' שבתי, זיין פרוי און זיין איידעם. בלויז חנהן מיט אירע קינדער האָט ער געשוינט און האָט זי ניט דערהרגעט, ווייל אַזוי ווי זי איז געווען אַ גרויסע יפת תואר האָט דער רוצח געוואָרפן אַן אויג אויף איר און איר פאַרגעלייגט, זי זאָל זיך שמדן, וועט ער מיט איר חתונה־האָבן און ווען ער וועט ווערן מלך איבער אוקראַינע, וועט זי זיין די מלכה.

חנה האָט געענטפערט, אַז זי איז גרייט נאָכצוקומען זיין פאַרלאַנג. זי בעט אים נאָר, אַז ער זאָל פריער אויסהרגנען אירע זיבן זין, ווייל כל זמן ס'איז נאָך פאַראַן אַ זכר פון איר מאַן קאָן זי ניט טאָן דאָס, וואָס ער הייסט איר.

דער רוצח האָט מיט סאַדיסטישער הנאה דערפילט איר בקשה און מיט ווילדער רציחה האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די זיבן קליינע עופהלעך און האָט זיי אַלע אויסגעשחטן און די אומגליקלעכע מוטער איז געשטאַנען רואיק און האָט אפילו קיין זיפץ ניט געטאָן און אַז זי האָט געזען, אַז אַלע אירע קינדער זענען שוין טויט, איז זי אַרויף אויפן דאַך און האָט אַראָפגעשריגן צום רוצח, אַז ער האָט אַ גרויסן טעות, אויב ער מיינט, אַז זי האָט זיך געלאָזט פאַרקויפן איבער נאַרישע פאַרגעניגנס, וואָס ער זאָגט איר צו. זי האָט בלויז געזאָגט, אַז זי וועט אָננעמען זיין פאָרשלאָג, כדי ער זאָל אויסהרגנען אירע קינדער, ווייל זי האָט מורא־געהאַט, אַז ער וועט זיי שמדן און ביי איר איז בעסער זיי זען דערמאָרדעטע אויף קידוש־השם, איידער געשמדטע און זי לאַכט און שפעט פון אים און פון אַלע תענוגי־עולם־הזה און אַ יידיש קינד איז זי געווען און אַ יידיש קינד וועט זי שטאַרבן.

און מיטן אויסגעשריי „שמע ישראל" האָט זי זיך אַראָפגעוואָרפן פון דאַך און איז אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן.

דער מעזריטשער מגיד ר׳ דוב בער ז״ל

דער מעזריטשער מגיד ר׳ דוב בער ז״ל איז געווען איינער פון די ערשטע און גרעסטע תלמידים פונעם בעל־שם הקדוש. נאָכן בעל־שם איז ער געווען דער צדיק הדור, ער ווערט פאַר־רעכנט פאַר גרעסטן גייסטיקן ריז וואָס דאָס חסידות האָט אַרויס־געגעבן, אַ גרויסער גאון אין נגלה און אין נסתר און אַ ריין זוי־בערער און אַ געטלעך הייליקער ווי אַ מלאך, ער האָט אַרויסגע־געבן פיל תלמידים וועלכע האָבן געשמט פאַר די גרעסטע צדיקים און רביים, אַלע גאונים, גרויסע לומדים אין ש״ס און פוסקים, טיפע קענער אין חסידות און קבלה. אַלע הייליקע וועלכע האָבן מיט זייער גרויסן אויטאָריטעט און שטאַרקן איינפלוס פיל מיט־געווירקט און מיטגעהאָלפן צו דער פאַרשטאַרקונג און פאַר־שפרייטונג פונעם חסידות צווישן די יידישע מאַסן.

דער מעזריטשער מגיד האָט געשמט פאַר אַ געטלעכן מאַן און וועגן זיין הייליקער גרויסקייט זענען צווישן פאָלק אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע מעשיות און לעגענדעס. מען דערציילט, אַז דער מעז־ריטשער מגיד איז נתגלה געוואָרן איז ער אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַרדאגהט און באַצערט. ער האָט געהאַט גרויסע יסורים און עגמת נפש דערפון וואָס ר׳איז מפורסם געוואָרן. איינמאָל האָט מען אים מודיע געווען מן השמים, אַז ר׳איז באַגאַנגען אַ זינד פון חלול יום־טוב, ווייל ר׳איז אַמאָל געפאָרן אום חול־המועד ניט צוליב

קיין וויכטיקן ענין און אַזוי ווי השי״ת איז מדקדק מיט די צדיקים אַפילו כחוט השערה איז דאָס אים פאַררעכנט געוואָרן גלייך ווי ער וואָלט מחלל יום־טוב געווען און אַלס עונש פאַר דער דאָזיקער זינד האָט דער בית דין של מעלה געפסקנט אַז ר׳זאָל נתגלה ווערן. דער מגיד האָט דעם דאָזיקן עונש מקבל געווען באהבה און האָט שוין מער ניט מתרעם געווען דערויף וואָס ער איז נתגלה געוואָרן.

יידן דערציילן, אַז ביים מגיד אין שטוב האָט מען געפילט די שכינה אויף טריט און שריט. די קדושה האָט מען דאָרטן אָנ־געטאַפּט מיט די הענט, חסידות און קבלה האָט מען געשעפּט דאָרטן מיט עמער און מופתים האָבן זיך געוואַלגערט אונטערן טיש און ס׳איז ניט געווען קיין צייט זיך אָנבויגן און זיי אויפ־הויבן.

מען דערציילט אויך, אַז דער בעל־שם זאָל זיך האָבן אמאָל אויסגעדריקט, אַז דער מגיד איז געווען בכח מקרב צו זיין די גאולה און אַראָפּברענגען משיחן, ווייל ר׳איז געווען ביכולת מחזיר למוטב זיין אַלע רשעים און די וועלט זאָל ווערן כלי זכאי און דאַן וואָלט משיח בעל־כרחו געמוזט קומען, נאָר מן השמים האָט מען בעכב געווען און ניט דערלאָזט.

דער מעזריטשער מגיד איז כל ימיו געווען אַ גרויסער אָרע־מאַן. ער האָט שטענדיק געלעבט אין שרעקלעכער דחקות און אין נויט. איינמאָל אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן אָוונט, ווען אין שטוב האָט אויסגעפעלט ברויט צום עסן און קוילן צום הייצן און זיינע בני־בית האָבן געליטן שרעקלעכן הונגער, און מוראדיקע קעלט, האָט די רביצין, ניט קענענדיק שוין מער צוזען דעם צער פון אירע קינדער, זיך אַריינגעריסן צום מגיד אין צימער און אויסברעכנדיק אין אַ יאָמערלעכן געוויין האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיינע קינדער און זאָל זען, אַז זיי זאָלן

ניט אומקומען פון הונגער און קעלט. טיף געריררט פון דער רבי־צינס טרערן האָט דעם מגיד פאַרקלעמט ביים האַרצן און אויס רחמנות אויף זיינע אָרעמע קינדער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן און טיפן זיפץ. באלד האָט ער דערהערט אַ קול, וואָס האָט אים געמאָלדן, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין חלק עולם־הבא. דער מגיד איז לכתחילה געבליבן צעטומלט און דערשראָקן, ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט איצט שוין אָנגעווירן ביידע וועלטן ווייל קיין עולם הזה האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט און אַצינד האָט ער אויך פאַרלוירן זיין חלק עולם־הבא, אָבער באַלד האָט ער זיך גע־שטארקט מיט פרייד: אַז מהיום והלאה וועט ער קענען דינען דעם בורא עולם לא על מנת לקבל פרס און מיט ברענענדיקער התלה־בות און דבקות האָט ער זיך גענומען טאָן די עבודת הבורא. פלו־צים האָט ער דערהערט אַן אַנדער קול וואָס האָט אים מבשר געווען, אַז מ׳האָט אים צוריקגעקערט זיין חלק עולם הבא. מ׳האָט אים נאָר געוואָרנט, אַז פון היינט און ווייטער זאָל ער זיין שטאַרק זהיר ונזהר און זאָל ניט זיפצן אויס רחמנות אויף קיינעם ווייל השי״ת בעצמו איז אַ גרויסער רחום וחנון און ער ווייסט אַליין וועמען און אויף וועמען מען דאַרף רחמנות האָבן.

איינמאָל איז צום מעזריטשער מגיד געקומען צופאָרן אַ פרוי און האָט פאַר אים זייער ביטער געוויינט און געקלאָגט אויפן גרויסן אומגליק וואָס עס האָט איר געטראָפן. זי האָט אים דער־ציילט, אַז איר זון, איר איינציק קינד, איז פלוצים אַראָפּ פון דרך הישר און האָט זיך אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ זיך צו שמדן. דער אָרטיקער גלח, געוויר־ווערנדיק פון דעם האָט אים פאַרנאַרט צו זיך אין שטוב און מורא־האָבנדיק אַז מ׳זאָל אים ניט אָפּריידן פונעם דאָזיקן געדאַנק, האָט ער אים אָוועקגעפירט ערגעץ אין אַ ווייטן דאָרף און האָט אים פאַרשפאַרט אין אַ הויכן קלויסטער כדי קיינער זאָל ניט קענען צו אים צוקומען, האָט די אומגליקלעכע פרוי געבעטן דעם הייליקן מגיד, אַז ר׳זאָל רחמנות

האָבן אויף איר און אָפּראַטעווען איר פאַרבלאָנדזשעטן זון פון שמד.

פרייטאָג פאַרנאַכט פאַר קבלת־שבת האָט דער מגיד פאַר־זאַמלט אַלע זיינע גרויסע תלמידים און האָט גענומען זאָגן פאַר זיי תורה אויפן פסוק: „ונפש כי תחטא". אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געשטוינט פון פאַרוואונדערונג. זיי האָבן בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפן וואָס איז דאָס עפּעס פּלוצים פאַר תורה זאָגן פרייטאָג פאַרנאַכט פאַר קבלת שבת, און פאַרוואָס האָט דער מגיד אויסגע־קליבן גראַדע דעם דאָזיקן פּסוק און ניט קיין אַנדערן. בעת קבלת שבת און בשעת תפלת מעריב האָט דער מגיד איינציקע מאָל אי־בערגעריסן דאָס דאַווענען און געזאָגט תורה אַלץ אויפן זעלבן פּסוק: „ונפש כי תחטא". נאָכן דאַווענען איז דער עולם זיך צונויפ־געגאַנגען צום טיש. דער מגיד האָט גענומען דעם כוס אין די הענט צו מאַכן קידוש און פּלוצים האָט ער זיך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן זאָגן ווידער תורה אויפן זעלבן פּסוק: „ונפש כי תחטא", דער גאַנצער עולם איז באַהערשט געוואָרן פון אַ הייליקער שטילקייט. יעדער איינער האָט געזען בחוש, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט אַפילו אַ וואָרט אויסצו־רעדן. פּלוצים האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם. די ווינטן האָבן אָנגעהויבן זיך טרייסלען און ציטערן, די שויבן אין די פענצטער האָבן געקלונגען און דער גאַנצער עולם איז דורכ־גענומען געוואָרן מיט אַ געטלעכער שרעק. אין דעם האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר. דער מגיד האָט אוועקגעשטעלט דעם כוס אויפן טיש און איז אויף גיך צו צו דער טיר און האָט זי אויפגעמאַכט און האָט אויסגערופן הויך אויפן קול: „ברוך הבא! קום אַריין, חשובער גאַסט, איך וואַרט אויף דיר מיט קידוש מאַכן"! און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ יונגער בחור, אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, וואָס האָט קוים געקענט כאַפּן דעם אָטעם. דער מגיד האָט אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך און גענומען פּראַווען „טיש".

שבת צונאַכטס נאָך הבדלה האָט דער מגיד געהייסן דעם בחור, אַז ער זאָל דערציילן פאַרן עולם וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט און דער בחור האָט דערציילט אַז פלוצים איז אים אַריינגעפאַלן אַ געדאנק זיך שמדן און דער גלח, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל ניט חרטה האָבן האָט אים פאַרפירט אין אַ וווייטן דאָרף און אים פאַרשפּאַרט אין אַ הויכן קלויסטער, אָבער ווי נאָר ער איז אַריי־בערגעטראָטן די שוועל פון קלויסטער האָט ער חרטה געקראָגן און האָט זיך געוואָלט אומקערן צוריק צו זיינע עלטערן, אָבער אַלע טירן זיינען געווען פאַרשלאָסן און אַז ס'איז אָנגעקומען דער פרייטאָג און ער האָט זיך דערמאָנט אין דער שבתדיקער הייליקייט וואָס הערשט אין אַלע יידישע הייזער האָט אים אָנגענומען אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט אַרי־בערטראָגן און ער האָט באַשלאָסן בעסער זיך אַריבערוואַרפן דורכן הויכן פענצטער און דערהרגעט ווערן איידער זיך שמדן. און אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט האָט ער געעפנט דאָס פענצטער און האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אָבער פלוצים האָט זיך אויפגע־הויבן אַ גרויסער שטורעם ווינט און האָט אים פאַרטראָגן אַהערצו.

דער עולם האָט מיט שרעק און מיט ציטערניש אויסגעהערט די דאָזיקע רייד און האָט באַגריפן די אמת'ע גרויסקייט פונעם הייליקן מגיד.

ר׳ ליבער ז״ל דער בויער פון בערדיטשעוו

דער הייליקער מגיד, ר׳ ליבער ז״ל, איז געוועז פון זיין מוטערס צד אַן אייניקל פונעם גרויסן רב ר׳ יחיאל מיכל ז״ל, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן אויף קידוש־השם דורך כמעל־ניצקיס קאָזאַקן כ׳ סיון אין יאָר ת״ח, אין דער שטאָט נעמיראָוו און וועמענס נאָמען ס׳ווערט דערמאָנט אין די סליחות, וואָס מ׳זאָגט אין די יידישע קהילות אין יענעם טאָג.

יודעי־חן האָבן געזאָגט אויף ר׳ ליבערן, אַז ער שטאַמט פון די מלכי־בית־דוד און אין זיין צוואה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט זיינע קינדער, האָט ער זיי פאַרבאָטן זיך משדך צו זיין מיט כוה־נים, ווייל לויט זיין מיינונג קען די מלוכה צוזאַמען מיט דער כהונה קיין קיום נישט האָבן.

ר׳ ליבערס פאָטער, דער רבי ר׳ אברהם אשכנזי ז״ל, איז געוועז פון די יידן, וועלכע די פוילישע רעגירונג האָט אין איר צייט אַרויסגעטריבן פון קראָקע. ר׳ אברהם אשכנזי ז״ל האָט דאַן אויסגעוואַנדערט מיט זיין פאַמיליע קיין אוקראַינע און האָט זיך באַזעצט אין אַ קליין שטעטל נעבן בערדיטשעוו און האָט דאָרטן געפּראַוועט מגידות. אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום איז ער נפטר געוואָרן און זיין שטיבל האָט איבערגענומען ר׳ ליבער, וועלכער איז געוועז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אָבער ער האָט שוין געשמ׳ט פאַר אַן עילוי און גרויסער מקובל. חסידים האָבן פון אים שטאַרק

געהאַלטן. זיי האָבן אים פאַרהייליקט און זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן יראת הכבוד. איבערהויפּט איז זיין נאָמען שטאַרק גרויס און פּאָפּולער געוואָרן נאָך דער פּאַסירונג, וועלכע האָט גורם געווען, אז דורך אים זאָל אויפגעבויט ווערן די גרויסע יידישע שטאָט בערדיטשעוו.

אין יענער צייט, ווען ר׳ ליבער האָט נאָך זיין פּאָטערס פּטירה איבערגענומען דאָס מגידות און אָנגעהויבן פּראַווען גוט־יידיש־קייט, — ס׳איז געווען אין יאָר תנ״א. — איז בערדיטשעוו נאָך געווען אַ קליין דערפל, וואָס איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן און געדיכטן וואַלד. ר׳ ליבער ז״ל פלעגט זיך נוהג זיין, אַלע טאָג ווען ס׳איז געקומען דער זמן התפילה שחרית און ער־בית, פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן טיף אין וואַלד אַריין. ער איז צוגעקומען צו אַ באַשטימטן פּלאַץ און דאָרטן נעבן אַ הויך־וווקסיקן בוים האָט ער תפילה געטאָן. חסידים האָבן געזאָגט, אַז יענץ אָרט איז געווען מכוון כנגד שער השמים און די תפילות זיינען גלייך אַרויפגעקומען צום כסא הכבוד.

איינמאָל, אין אַ שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן, ווען ר׳ ליבער ז״ל איז געשטאַנען אין וואַלד, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנ־געטאָן אין טלית און תפילין און האָט געדאַוונט, איז פּלוצים אָנ־געקומען דער פּריץ פון וואַלד אין דער באַגלייטונג פון אַן אָפּ־טיילונג קאָזאַקן, ער האָט אין יענעם פרימאָרגן דורכגעפירט אין וואַלד אַ יאַגד איבער ווילדע חיות און עופות, און פאַרבייפאָרנדיק ר׳ ליבערן און דערזעענדיק אָט־די מאָדנע דערשיינונג, וועלכע האָט אים אויסגעזען געוויינלעך פרעמד און ווילד: עפּעס אַ ייד שטייט אַליין אין וואַלד, אָנגעטאָן אין אַ טלית און תפילין און שאָקלט זיך, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז ער איז שיער נישט אַרויסגעפאַלן פון דער קאַרעטע. די קאָזאַקן האָבן אים באַרואיקט און אייניקע פון זיי זענען צוגעגאַנגען צום פּלאַץ, וואו ר׳ ליבער איז געשטאַנען און האָט געדאַוונט, געוויר צו ווערן ביי

15673 GRADUATE CENTER LIBRARY
YESHIVA UNIVERSITY

אים ווער ער איז און וואָס ער טוט. אָבער ר׳ ליבער איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין דאַוונען, אַז ער האָט גאָר נישט באַמערקט דאָס אָנקומען פון די קאָזאַקן. די קאָזאַקן האָבן אים געשטעלט אייניקע פראַגן און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער זענען זיי זייער שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן און האָבן אים גענומען מערדערלעך שלאָגן. ר׳ ליבער האָט ניט געוואָלט מפסיק זיין און האָט געשוויגן. דאָס האָט אַריינגעבראַכט די צעיושעטע קאָזאַקן אין ווילדער רציחה און זיי האָבן אים גענומען שלאָגן נאָך מיט מער גרויזאַמקייט און אכזריות און ר׳ ליבער האָט אַלעס מקבל געווען אויף זיך, ער האָט געליטן די שרעקלעכע ווייטאָגן פון די שטאַרקע קלעפּ און האָט געשוויגן און נישט מפסיק געווען. זעענדיק, אַז דער ייד איז שוין שטאַרק צעשלאָגן און צעבלוטיקט און שווייגט נאָך אַלץ, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז נישט אַנדערש, נאָר אַז ר׳איז נישט קיין נאָרמאַלער מענטש: ר׳איז געוויס אַ געררירטער פון זינען, און זיי האָבן זיך אומגעקערט צום פּריץ און אים דערקלערט, אַז ס׳איז נישט כדאַי צו לייגן קיין אַכט אויף אַט דער מאָדנער געשעניש, ווייל ווי עס ווייזט זיי אויס, איז דער ייד אַ משוגענער, און איבערלאָזנדיק ר׳ ליבערן אַ צעשלאָגענעם און אַ צעבלוטיקטן, האָט זיך דער פּריץ מיט זיינע קאָזאַקן אַוועקגעלאָזט טיף אין וואַלד אַריין.

קומענדיק אַהיים, האָט דער פּריץ דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטיק אין די הענט און אין די פיס. ער האָט געשיקט רופן די הויף־דאָקטוירים, וועלכע האָבן אָנגעווענדט כלערליי מיטלען און רפואות און ס׳האָט ניט געהאָלפן. דער פּריץ האָט זיך געקאָרטשעט פון שמערצן און ווייטאָג און האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען. זיינע געשרייען און געוואַלדן זיינען געגאַנגען עד לב השמים. די הויף־מענטשן זיינען אַרומגעלאָפן צעטומלטע און דערשראָקענע און האָבן פאַרצווייפלט געזוכט אַן עצה צו לינדערן

זיינע שרעקלעכע ליידן. אָבער אומזיסט איז געווען זייער מי, זיי האָבן גאָרנישט געקענט אויפטאָן.

איינער פון די קאָזאַקן האָט אַרויסגעזאָגט זיין השערה, אַז ווערליק אים שיינט, ליידט דער פריץ אַזוי שרעקלעך דערפאַר, וואָס די קאָזאַקן האָבן אַזוי גרויזאַם און מערדערלעך צעשלאָגן און צעבלוטיקט דעם אומשולדיקן יידן אין וואַלד, ווייל דער ייד האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק פון אַ געטלעכן מענטשן און דערפאַר האָט ער אים טאַקע נישט געשלאָגן, וואָרים ער האָט מורא געהאַט אים אָנרירן. דעריבער איז זיין עצה, אַז דער פריץ זאָל אויסזוכן דעם יידן און ביי אים בעטן מחילה און זען צו פאַרגיטיקן די גרויסע עוולה, וואָס ס׳איז לגבי אים געטאָן געוואָרן, דאַן האָפט ער, אַז די ווייטאָגן און שמערצן וועלן פון אים אָפּטרעטן.

דער פריץ האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויסצוזוכן דעם יידן. די קאָזאַקן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן וואַלד, זיי האָבן געזוכט און געגישטערט אומעטום, אָבער אָן שום רעזולטאַט, דעם יידן האָט מען נישט געפונען. דאַן האָט דער פריץ געשיקט רופן דעם יידן זיין אַרענדאַר און האָט אים דערציילט וועגן אַלעס, וואָס ס׳האָט פּאַסירט. דער אַרענדאַר האָט דערקלערט דעם פריץ, אַז דער ייד, וועמען זיי האָבן געטראָפן דאַוונען אין וואַלד, איז דער הייליקער מגיד ר׳ ליבער, וועלכער וווינט אינעם נאָענטן שטעטל און האָט אים געראַטן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אים איבערבעטן, ווייל אין קעגנפאַל שטייט זיין לעבן אין גרויס געפאַר. דער פריץ האָט גלייך אַוועקגעשיקט צו ר׳ ליבערן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים מוחל זיין. ר׳ ליבער האָט געענטפערט, אַז ר׳איז גרייט אים מוחל זיין, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז אויפן אָרט וואו ער האָט געדאַוונט אין וואַלד, זאָל דער פריץ אויסבויען אַ בית־תפילה. דער פריץ איז באַלד נאָכגעקומען זיין פאַרלאַנג און האָט אויסגעבויט אויפן אָנגעוויזענעם אָרט אַ גרויסע שול

און אויך אַ שיינעם פּאַלאַץ פאַר ר׳ ליבערן. ר׳ ליבער אַליין האָט אויסגעבויט נעבן דער שיל אַ גרויסן בית־המדרש פאַר אַ ישיבה און האָט געבעטן דעם פּריץ צו דערלויבן אויסהאַקן דעם וואַלד און פאַרקויפן פלעצער פאַר געביידעס. דער פּריץ האָט אויך די דאָזיקע ביטע דערפילט און אינגיכן זענען צוגעקומען פיל נייע הייזער און בנינים און אַז ר׳ לוי יצחק איז געוואָרן רב אין בערדיטשעוו, האָט ער נעבן דער שול אויך אויסגעבויט אַ קלויז. אַזוי אַז אַדאַנק דעם הייליקן מגיד ר׳ ליבער ז״ל איז אויסגעבויט געוואָרן די גרויסע יידישע שטאָט בערדיטשעוו.

ר׳ ליבער ריכט אָפּ גלות

אויפן הייליקן מגיד ר׳ ליבער ז״ל פלעגט מען זאָגן, אַז ער האָט די מידה פון עניוות ווי משה רבנו, די מידה פון הכנסת־אורחים — ווי אברהם אבינו און די מידה פון סבלנות — ווי הלל הנשיא. ווייל ר׳ ליבער האָט געשמ׳ט פאַר אַ גרויסן ענו און פלעגט זייער שטאַרקט מדקדק זיין אין דער מצווה פון הכנסת־אורחים. אָן קיין אורח האָט ער זיך ניט געזעצט צום טיש אַפילו אין דערוואָכן, און שבת און יום־טוב פלעגן זיצן און עסן ביי זיין טיש צענדליקער אורחים און אָרימעלייט און די מצוה פון הכנסת־אורחים איז געווען ביי אים אַזוי שטאַרק באַליבט און הייליק און טייער, אַז ער האָט זי קיינעם נישט געטרויט. נאָר ער אַליין, בכבודו ובעצמו פלעגט זיך מתעסק זיין מיטן צוגרייטן עסן און טרינקען און דאָס אַלעס נויטיקע פאַר די אורחים. ער אַליין פלעגט זיי משמש זיין און מיט גרויס סבלנות פלעגט ער אויספאָלגן און נאָכקומען זייערע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען.

איינמאָל, שבת־צו־נאַכט, נאָך הבדלה, איז ר׳ ליבער געזעסן צווישן זיינע חסידים און מקורבים און געשמועסט. פּלוצים האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און געזאָגט, אַז אויף יענער וועלט — האָפט ער — וועט ער מיט דער מצוה פון הכנסת־אורחים נישט פאַרשעמט ווערן אַפילו פאַר אברהם אבינו. די דאָזיקע ווערטער האָט גלייך אויפגעכאַפּט דער שטן, ימח שמו, און האָט אויפגעהויבן

קעגן אים אַ שטאַרקן קיטרוג. „ס׳טייטש — האָט ער געליאַרמט — אַזוי רעדט אַן ענו? ס׳איז דאָך גאוה, ר״ל אַצינד זעט דאָך די גאַנצע וועלט באַשיינפּערלעך, אַז ער טוט די מצוה פון הכנסת־אורחים נאָר על מנת לקבל פּרס!” און דער קיטרוג איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק, אַז דער בית־דין של מעלה האָט נישט געפונען קיין אַנדער אויסוועג און האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, אַז ר׳ ליבער זאָל דאָס יאָר נפטר ווערן.

דער דאָזיקער פסק דין האָט געטראָפן ווי אַ דונער די צדיקי־עולם, באַזונדערס צווישן בעל־שמס גרויסע תלמידים. ר׳ ליבערס חברים. זיי זיינען אין גרויס איילעניש געקומען צולויפן צום כסא־הכבוד און זיך משתדל־געווען, אַז מ׳זאָל מבטל־מאַכן דעם גזר־דין, און נאָך פיל תפילות און תחנונים איז געבליבן, אַז מ׳זאָל אראָפּשיקן צו ר׳ ליבערן אליהו הנביא אין געשטאַלט פון אַ שי־כורן וואַנדערער און ער זאָל פּרווון מיט אַלע מעגלעכקייטן אַריינ־ברענגען ר׳ ליבערן אין כעס און אויב ס׳וועט זיך אים איינגעבן, בלייבט דער פסק־דין ווי געווען. נאָר אויב אָבער ר׳ ליבער באַ־זיצט אַזוי פיל סבלנות, אַז ער וועט אויסהאַלטן דעם נסיון, און וועט נישט קומען לידי כעס, ווערט דער פסק־דין בטל און ער באַקומט אַ גרינגערן עונש.

איינמאָל, פרייטאָג פאַרנאַכט, ר׳ ליבער איז שוין געווען אָנ־געטאָן אין זיינע שבתדיקע קליידער און איז שוין געווען גרייט צו גיין אין וואַלד מקבל־שבת־זיין, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט זיך פלוצים אויפגעפּראַלט די טיר און צו אים אין צימער איז אַריינגעפאַלן אַ ייד, אָנגעטאָן אין צעריסענע, שמוציקע קליי־דער, אין אַ פאָר גראָבע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ צעריסן פאַרשמאַלצענעם היטל און מיט אַ קלו־מעקל אויף דער פּלייצע. דער אויסזען איז געווען פון אַ שיכורן וואַנדערער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שאָקלען זיך. ס׳איז גע־ווען קענטיק, אַז ס׳איז אים שווער זיך האַלטן אויף די פיס. ר׳

ליבער איז אים גלייך געלאָפן אַנטקעגן און אים געגעבן „שלום״, אָבער דער אורח האָט אַפילו נישט געענטפערט און מאַכנדיק משונהדיקע העויות און ווילדע תנועות, האָט ער געליאַרעמט און געפילדערט און געקוויטשעט מיט אַ קול פון אַ שיכור, שרייענדיק, אַז ער זאָל אים געבן עסן, ווייל ער איז הונגעריק.

ר׳ ליבער האָט אים גיך דערלאַנגט אַ פלאַש מיט אַ פּאָר פריש־געבאַקענע קוכן און אים געבעטן, ער זאָל דערווייל עפּעס איבערכאַפּן און זאָל זיך צואיילן, ווייל ס׳איז שוין צייט צו גיין מקבל־שבת־זיין און נאָכן דאַווענען וועלן זיי אַלע צוזאַמען עסן די פרייטאָג־צונאַכטיקע סעודה.

דער אורח האָט אויף גיך אויסגעליידיקט די פלאַש משקה און זי אַ שליידער־געטאָן צו דער ערד, זי צעבראָכן און איז אַנגעפאַלן אויף ר׳ ליבערן מיט זידלערייען און געשרייען, אַז ער וויל נישט מקבל־שבת־זיין און וויל נישט וואַרטן, נאָר ער וויל שוין עסן די פרייטאָג־צו־נאַכטיקע סעודה, אָבער ער וויל, אַז ער זאָל זי אים אינגאַנצן אַוועקגעבן און גאָרנישט איבערלאָזן. ר׳ ליבער האָט געניו און פּינקטלעך אויסגעפאָלגט זיין פאַרלאַנג און האָט אים אַוועקגעגעבן די גאַנצע פרייטאָג־צו־נאַכטיקע סעודה. אָבער דער מאָדנער אורח האָט זיך נאָך מיט דעם אַליין נישט באַנוגנט. ער האָט שטרענג און חוצפּהדיק אויפגעפאָדערט ר׳ ליבערן, אַז ר׳זאָל אים אויך אַוועקגעבן די שבתדיקע סעודה און אויך די מאכלים, וואָס מ׳האָט פאַרגרייט אויף שלוש־סעודות, און ר׳ ליבער האָט מיט גרויס סבלנות און הכנעה נאָכגעגעבן אַלע זיינע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען.

פאַרענדיקנדיק מיט די אַלע סעודות, האָט דער אורח אויפגעפאָדערט ר׳ ליבערן, אַז ער זאָל אים געבן אַ פלאַץ אויף שלאָפן. ר׳ ליבער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ בעט, אָבער דער אורח איז אָנגעפאַלן אויף אים און געשריגן, אַז דאָס געלעגער געפעלט אים

נישט און מיט זיינע שמוציקע קליידער און פאַרבלאָטיקטע שטיוול האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ר' ליבערס בעט און איז איינ־געשלאָפן.

נאָכן דאַווענען איז דער עולם זיך צונויפגעקומען צום „טיש". ר' ליבער האָט געשיקט צונויפזאַמלען מאַכלים צווישן זיינע קרובים און שכנים. און ווי נאָר מ'האָט זיך געזעצט פּראַווען די סעודה, איז דער אורח אַראָפּ פון בעט און האָט אויפגעהויבן אַ געפערלעכן טומל, ער האָט געליאַרעמט און געפילדערט, געשימפּט און גע־זידלט, זיך געוואָרפן אויפן טיש, געכאַפּט פון די טעלער און נישט געלאָזט עמעצן עפּעס נעמען אין מויל אַריין. דער עולם האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן אויפן גאַס, אָבער ר' ליבער האָט נישט גע־לאָזט. ער האָט געפּרווט מיט אַלע מעגלעכקייטן אים איינצונעמען און באַרואיקן, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. דער אורח האָט געהאַלטן אין איין בושעווען און ווילדעווען אַ גאַנצן שבת און פאַרשאַפט ר' ליבערן פיל צער און עגמת־נפש. און ר' ליבער האָט געדולדיק אַלעס איבערגעטראָגן און געשוויגן און נישט געוואָרן אין כעס.

נאָך הבדלה האָט דער אורח אַוועקגערופן ר' ליבערן אין אַ זייט און האָט אים אַנטדעקט, אַז ר'איז אליהו הנביא. ער האָט אים דערציילט וועגן אַלעס, וואָס ס'איז פאַרגעקומען און דערקלערט, אַז דערפאַר, וואָס ער איז נישט געווען קיין נזהר בלשונו, האָט ער געשטעלט זיין לעבן אין אַ גרויסער סכנה. דער בית־דין של מעלה האָט אַרויסגעטראָגן אַ פסק־דין, אַז ער זאָל דאָס יאָר נפטר ווערן, נאָר אַדאַנק די שתדלנות פון זיינע חברים, די תלמידים פונעם בעל שם הקדוש, וועלכע האָבן מרעיש־עולמות געווען קעגן דעם דאָזיקן פסק־דין, איז געבליבן, אַז ער, אליהו זאָל אַראָפּקומען צו אים פאַרשטעלט אַלס אַ שיכורער נע־ונדניק, און אויב אים, אליהון, וועט זיך איינגעבן אים אַריינברענגען אין כעס, בלייבט דער פסק־דין אין קראַפט, דעריבער האָט ער זיך דעם שבת אַזוי מאָדנע ווילד אויפגעפירט, מיינענדיק אַזוי אַרום אים אין כעס

מאַכן. נאָר אַזוי ווי ער, ר׳ ליבער האָט געדולדיק אַלעס איבערגע־
טראָגן און איז נישט אין כעס געוואָרן, אַרויסווייזנדיק דערמיט
זיין אמתע עניות, זיין גרויסע סבלנות און אַז ר׳איז מקיים די
מצוה פון הכנסת־אורחים מיטן גאַנצן ריינעם האַרצן, ווערט דער
גזר־דין בטל און דערפאַר, וואָס ער האָט געזינדיקט מיט זיינע רייד
באַקומט ער אַ שטראָף פון אָפּריכטן אַ יאָר גלות.

אויסהערנדיק די דאָזיקע רייד, האָט ר׳ ליבער געשיקט רופן
זיין שניידער און אים באַפוילן, אַז ער זאָל אים אויפנייען וואַנדער־
קליידער, ער האָט זיך פאַרגרייט כלי־גולה און אין איין פאַרטאָג,
ווען דער עולם איז געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף, האָט ער זיך
אַרויסגעגנבעט פון שטוב און זיך געלאָזט אין וועג אַריין אָפּריכטן
גלות און ערב שבת איז ער אָנגעקומען אין אַ שטאָט, ווו קיינער
האָט אים נישט געקענט.

אַרומוואַנדערנדיק אַ פּאָר שעה איבער די גאַסן פון דער פרעמ־
דער שטאָט, האָט ער זיך קוים דערשלאָגן צום רבס שטוב, וווהין
ער האָט געוואָלט אַריינגיין און בעטן, אַז מ׳זאָל אים דערלויבן
דאָרטן שבת האַלטן. אָבער דאָ איז געשען מיט אים אַ מכשול:
אַריינקומענדיק אין קיך זיך וואַשן די הענט, האָט ער צופעליק אַ
שטויס געטאָן אַ טיש, אויף וועלכן ס׳זענען געווען אויסגעשטעלט
די שבתדיקע מאכלים, דער טיש האָט זיך איבערגעקערט און די
מאַכלים האָבן זיך צעשאָטן און צעגאָסן. די דינסטן זענען אויף אים
אָנגעפאַלן מיט זלזולים און זידלערייען און ר׳ ליבער איז קוים
מיטן לעבן אַנטלאָפן און זיך געלאָזט גיין צום פרנס חודש אַהיים.
אפשר וועט ער פאַר אים אויסזוכן אַ פּלאַץ, ווו ער זאָל קענען שבת
האַלטן, אָבער די פרוי פונעם פרנס־חודש איז געווען אַ גרויסע
מרשעת און האָט אים ניט געלאָזט אַפילו איבערטרעטן די שוועל.
ר׳ ליבער האָט אַליין געפּרוווט באַזוכן אייניקע בעלי־בתים און גע־
בעטן, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן שבת האַלטן ביי זיי, אָבער יעדער

איינער האָט געוואָרפֿן אויף אים אַן אומחן און האָט אים ניט גע־וואָלט אַריינלאָזן צו זיך אין הויז.

זעענדיק, אַז אין שטאָט וויל אים קיינער ניט נעמען אויף שבת, איז ר׳ ליבער אַוועקגעגאַנגען אויפֿן בית־הקברות. ער איז אַריינגעקומען צום קברות־מאַן אין שטוב און געפֿרעגט אויב ער וועט קענען דאָרטן שבת האַלטן. אין שטוב איז געווען בלויז די פֿרוי פֿונעם קברות־מאַן. זי האָט אים דערקלערט, אַז נישט קוקנדיק דערויף וואָס זיי זענען גרויסע אָרעמעלייט, וואָלט געווען ביי זיי אַ גרויסער פֿאַרגעניגן צו האָבן אַן אורח אויף שבת, אָבער דאָס מאָל איז אוממעגלעך, ווייל דעם שבת וועלן זיי אַליין נישט האָבן וואָס צו עסן, כאָטש זיי האָבן צוגעגרייט פֿיש און פֿלייש, אייער און שמאַלץ און אַלע נויטיקע זאַכן צום שבת, ס׳איז אָבער נישטאָ ווער ס׳זאָל אָפּקאָכן: איר מאַן איז נאָך גאַנץ־פֿרי אַוועקגעגאַנגען וועגן אַ וויכטיקער שליחות און האָט זיך ביז איצט נאָך נישט צו־ריקגעקערט און זי קען נישט אָפּטרעטן פֿון איר קראַנקן קינד. ר׳ ליבער האָט זיך אָנגעבאָטן אַכטונג צו געבן אויפֿן קינד און זי זאָל גיין אָפּקאָכן די שבתדיקע מאכלים. אָבער דאָס קינד האָט זיך צע־וויינט און נישט געוואָלט בלייבן מיט קיין פֿרעמדן מענטשן. דאַן האָט ר׳ ליבער פֿאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט אָפּקאָכן די שבתדיקע מאַכלים און האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. נאָר אַזוי ווי ער איז קיין קעכער קיינמאָל נישט געווען, האָט ער צופֿיל אָנגע־הייצט דעם אויוון און האָט אַלעס פֿאַרברענט. און אַז די אָרעמע פֿרוי האָט דערזען, וואָס דער אורח האָט איר אָפּגעטאָן, האָט זי אויסגעבראַכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין, ווייל אויסער דעם, וואָס דער שאָדן איז געווען פֿאַר איר זייער גרויס, האָט זי אויך מורא געהאַט, אַז איר מאַן וועט זי באַשטראָפֿן דערפֿאַר, וואָס זי האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פֿון אַן אָרעמען נע־ונדניק און האָט אים געטרויעט אָפּקאָכן די שבתדיקע מאַכלים.

ר׳ ליבער, נישט קענענדיק פֿאַרליידן דעם צער און עגמת־נפש

פון דער אָרעמער פרוי, איז אַנטלאָפן אויפן בית־הקברות און האָט זיך פאַרשטעקט צווישן די קברים. ער האָט שוין דאָרטן מקבל־שבת געווען און איבער אַ טרוקן שטיקל ברויט, וואָס ער האָט געפונען אין זיין קלומעקל, האָט ער קידוש געמאַכט און אָפּגעפּראַוועט דעם שבת. שבת־צונאַכט נאָך מעריב איז געקומען צו אים אליהו־הנביא און האָט אים געמאָלדן, אַז ער קאָן זיך שוין אומקערן אַהיים, ווייל ער איז שוין אָפּגעקומען פאַר זיין זינד, דער שבת ווערט אים פאַר־רעכנט פאַר אַ יאָר.

ר׳ ליבער איז אַריינגעקומען צום קברות־מאַן אין שטוב. ער האָט זיי באַצאָלט פאַרן שאָדן און זיי אויסגעזאָגט ווער ער איז און אַזוי ווי ער האָט זיי פאַרשאַפט צרות און עגמת־נפש דורך דעם, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט צופיל האָלץ אין אויוון, האָט ער גע־עצהט דעם קברות־מאַן, אַז ער זאָל האַנדלען מיט האָלץ, און ביים געזעגענען זיך האָט ער אים אָנגעזאָגט, אַז ר׳זאָל נישט פאַרגעסן, אַז נאָך אַ שרפה ווערט מען רייך. דער קברות־מאַן האָט אויסגע־פאָלגט די עצה פון ר׳ ליבערן און האָט שטאַרק מצליח געווען און איז געוואָרן דער רייכסטער מענטש אין געגנט.

ר׳ וואָלף קוציס איז נכשל געוואָרן

ר׳ וואָלף קוציס, איינער פון די גרעסטע תלמידים פונעם בעל־שם הקדוש, האָט כל ימיו משתוקק געווען עולק זיין קיין ארץ־ישראל און זיך משתטח זיין אויף די קברים פון רבי שמעון בן יוחאי און פון די צפתער מקובלים און זיי מעורר זיין, אַז זיי זאָלן בעטן רחמים פאַרן פאָלק ישראל, וועלכעס געפינט זיך צווישן די אומות העולם ווי אַ שעפעלע צווישן וועלף און ווערט געפייניקט און געפּלאָגט, טאָג ווי נאַכט, אויף יעדן טריט און שריט. באַזונדערס האָט ער שטאַרק חשק געהאַט אָנצוקוקן מיט זיינע אייגענע אויגן דעם כותל המערבי און דאָרטן מתפלל זיין. ער האָט געהאָפט, אַז מיטן וועקן די גרויסע צדיקים פון זייערע קברים און מיט תפלה ביים כותל המערבי וועט זיך אים איינגעבן מקרב זיין דעם קץ און אַראָפּברענגען די גאולה און אויסלייזן דאָס פאָלק ישראל פון זיין שווערן און ביטערן גלות. און ווען ר׳איז שוין געווען גרייט צו דער נסיעה איז ער געקומען צום בעל־שם זיך געזעגענען און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן אַ ברכה און אויך אַ קמיע וואָס זאָל אים דינען פאַר אַ שמירה איבערן לאַנגן און ווייטן וועג. אָבער דער בעל־שם האָט אים אויסגעמיטן און ניט געוואָלט געבן די ברכה און די קמיע. ר׳ וואָלף איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען און דער בעל־שם האָט אים דערקלערט קלאָר און דייטלעך, אַז ארץ ישראל איז דער קודש הקדושים פונעם פאָלק ישראל און בכדי אַ מענטש זאָל קענען אַריינקומען אין קודש הקדושים דאַרף ער

פריער גוט מטהר זיין זיין גוף און מתקן זיין אַלע פגימות פון זיין נשמה און נאָכהער ווען ער פילט, אַז ר'איז שוין זויבער, ריין ווי א מלאך אלקים קען ער אַריינקומען קיין ארץ ישראל. ר' וואָלף האָט גוט פאַרשטאַנען די הייליקע כוונה פונעם בעל־שם און האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים און האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטון פון הבלי העולם־הזה און זיך מתדבק געווען אין די מידות פון הקדוש ברוך הוא. ער האָט זיך פאַרטיפט אין תורה ועבודה און עוסק געווען אין צדקה און אין מעשים טובים און ווען ער האָט זיך שוין געפילט געלייטערט און גערייניקט איז ער ווידער אַמאָל געקומען צום בעל־שם אים בעטן, אַז ער זאָל אים געבן די געזעגענונגס ברכה.

געקומען איז ער ראש חודש ניסן, ווייל ניסן איז דער חודש וואָס איז מער מסוגל צו גאולה, אין ניסן זענען די יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים און לויט די רייד פון אונדזערע חז"ל, וועלן זיי אין ניסן אויך אויסגעלייזט ווערן פונעם איצטיקן גלות. אָבער צוקומען צום בעל־שם האָט ער ניט געקענט, ווייל פאַר פסח איז דער בעל־שם שטאַרק טרוד, ער איז עוסק בהלכות החג און נעמט קיינעם ניט אויף און ר' וואָלף האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און האָט געמוזט בלייבן אויף פסח ביים בעל־שם.

פסח צום סדר האָט דער בעל־שם, זאָגנדיק די הגדה, זיך פלוצים געווענדט צו ר' וואָלפן און האָט אויסגעשריען הויך אויף אַ קול די ווערטער פון „הא לחמא": לשנה הבאה בארעא דישראל". ר' וואָלף האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ער האָט געזען בחוש, אַז זיין לאַנג־יעריקער ווונש ווערט מקוים. דער בעל־שם איז מסכים צו זיין נסיעה און ר'איז שוין ראוי אַריינצוקומען קיין ארץ־ישראל און ווירקלעך אחרון של פסח האָט דער בעל־שם אים אַריינגערופן צו זיך אין צימער און האָט אים געהייסן פאָרן לחיים ולשלום. ער האָט אים בלויז אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל שטאַרק זיין זהיר ונזהר אין זיינע רייד. באַזונדער אין זיין געבן אַן ענטפער אויף אַ פראַגע. ער האָט אים דערקלערט, אַז „ודע מה שתשוב"... הייסט ניט בלויז, אַז

מען דאַרף וויסן וואָס צו ענטפערן אַן אַפּיקורס, נאָר ודע מה שתשוב הייסט אויך, אַז מען דאַרף וויסן וואָס צו ענטפערן אויף יעדער פראַגע וואָס מען וועט פרעגן. ר׳ וואָלף האָט מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט אויסגעהערט די הייליקע ווערטער פונעם בעל־שם און באַלד נאָך פסח האָט ער מיט אַ שיף זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אָפּשווימענדיק אַ פּאָר וואָכן איבערן ים האָט די שיף זיך אָפּ־געשטעלט לעבן אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל און דער קאַפּיטאַן האָט געמאָלדן די רייזנדע, אַז זיי וועלן זיך דאָ פאַרזאַמען צוויי שעה און ווער עס וויל קען דערווייל אַראָפּגיין און אָנקוקן דאָס אינדזל. ר׳ וואָלף איז אויך אַראָפּגעגאַנגען און איז אַריינגעקומען אין וואַלד וואָס ביים ברעג און האָט זיך דאָרטן מתבודד געווען און פאַרטיפנ־דיק זיך אין זיינע געדאַנקען, האָט ער ניט באַמערקט אַז די צייט איז שוין פאַרביי און ווען ער האָט זיך שוין צוריקגעקערט צום ברעג איז שוין די שיף געהאַט אָפּגעגאַנגען און ער איז געבליבן איינער אַליין איבערן אינדזל, אָבער ער האָט זיך ניט דערשראָקן, ער האָט געהאַט בטחון, אַז השם יתברך וועט אים ניט פאַרלאָזן און אזוי ווי ס׳איז געווען פרייטאָג, ערב שבת, איז ער צוריקגעגאַנגען אין וואַלד און האָט זיך גענומען גרייטן צו קבלת שבת. פלוצים איז צו אים צוגעקומען אַ גרייז גרויער ייד מיט אַן הדרת פנים פון אַ געטלעכן מענטשן. ר׳ וואָלף האָט אים דערציילט וואָס ס׳האָט מיט אים פאַסירט און דער זקן האָט אים באַרואיקט, אַז אַלע צוויי טאָג גייען דאָ דורך שיפן אַהין און צוריק און ער וועט קענען אָפּפאָרן ווען און וווהין ער וועט נאָר וועלן און דערווייל האָט ער אים איינ־געלאַדן אויף שבת. ר׳ וואָלף איז מיט אים מיטגעגאַנגען. דער זקן האָט אים צוגעפירט צו אַ מקוה און האָט זיך אים געהייסן טובלען, דערנאָך זענען זיי אַריינגעקומען אין אַ שיינער שול ווו ס׳איז געווען פאַרזאַמלט אַ היפשער עולם יידן, זיי האָבן מקבל שבת געווען און זענען אַריבערגעגאַנגען אין אַ גרויסן און שיינעם פאַלאַץ, וואו עס זענען געשטאַנען געגרייט רייכע טישן מיט שבתדיקע מאַכלים. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די טיש און דער זקן האָט

געמאַכט קידוש און מ׳האָט געפּראַוועט די פרייטאָג־צו־נאַכטיקע סעודה כיד המלך. מ׳האָט אויך געזאָגט תורה און געזונגען זמירות. אַזוי איז פאַריבער דער שבתדיקער טאָג. נאָכן דאַוונען בציבור האָט מען געפּראַוועט אַ שיינע סעודה מיט תורה זאָגן און מיט זמירות זינגען, צו שלוש סעודות האָט מען מכבד געווען ר׳ וואָלפן מיט תורה זאָגן און מיט בענטשן מזומן. און נאָך דער הבדלה האָט זיך דער עולם אויסגעזעצט אַרום די טישן און דער זקן האָט געפרעגט ר׳ וואָלפן ווי אַזוי ס׳לעבט זיך די יידן אין די גלות־לענדער און ר׳ וואָלף האָט געענטפערט: „געלויבט השם יתברך, ער איז אַן אָב רחום וחנון און פאַרלאָזט ניט זיין פאָלק ישראל״.

אויסהערנדיק דעם דאָזיקן ענטפער האָט דער זקן אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און איז באַלד פאַרשוווּנדן און האָט זיך שוין מער די גאַנצע צייט ניט באַוויזן. ר׳ וואָלף האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט פּוגם געווען מיט זיין ענטפער און אַנשטאָט ער זאָל פאַרזעצן זיין רייזע קיין ארץ־ישראל האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים און האָט איבערגעגעבן דעם בעל־שם וועגן אַלעס וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. דער בעל־שם האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט שלעכט געענטפערט, מיט זיין ענטפער האָט ער מעכב געווען די גאולה. ער האָט אים דערציילט, אַז דער זקן, וואָס ער האָט געזען, איז אברהם אבינו און דער אַנדערער עולם זענען די אָבות יצחק און יעקב און די ראשי השבטים. ער האָט אים אויך דערציילט, אַז פאַר פּסח האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט פאַרן כסא הכבוד און האָבן געליאַרעמט און געשטורעמט, אַז דער רבונו של עולם זאָל זיך שוין מרחם זיין אויף זיין פאָלק ישראל און זיי אויסלייזן פונעם ביטערן גלות און דער רבונו של עולם האָט געענטפערט, אַז עוד לא בא מועד, ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט, אָבער זיי האָבן ניט אָפּגעלאָזט, זיי האָבן געטענהט און אַנגעוויזן, אַז די לאַגע פון די יידן צווישן די פעלקער איז אומדערטרעגלעך און זיי קענען שוין מער ניט וואַרטן, יעדער טאָג שמעקט מיט סכנה, דאַן איז געבליבן, אַזוי ווי ער, ר׳ וואָלף, פאָרט קיין ארץ־ישראל, זאָל מען אים פרעגן

און אויב ער וועט זאָגן, אַז די לאַגע פון די יידן אין גלות איז טאַקע אַזוי געפערלעך אַז זיי קענען שוין מער ניט וואַרטן זאָל מען גלייך אַראָפּברענגען די גאולה, נאָר טאָמער וועט ער זאָגן, אַז ס׳איז ניט מסוכן, די יידן לעבן זיך ווי אַזוי ס׳איז ניט איז דורך, זאָל מען די גאולה אָפּלייגן ביז די צייט וועט קומען. און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט אין זיין ענטפער, אַז השם יתברך פאַרלאָזט זיי ניט, האָט ער אנערקענט אַז זיי קענען נאָך וואַרטן, איז געבליבן אַז מען זאָל מעכב זיין די גאולה.

ר׳ וואָלף האָט זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן פונעם דאָזיקן מכשול און מיט גרויס התלהבות האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ־ישראל זיך משתטח זיין אויף די קברים פון די גרויסע צדי־קים און זיי בעטן, אַז זיי זאָל אים העלפן פאַרריכטן דאָס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט מיט זיין ענטפער.

דער צדיק ר׳ פנחס קאָריצער ז״ל

דער הייליקער צדיק ר׳ פנחס קאָריצער ז״ל איז געווען אַ תלמיד פונעם בעל־שם הקדוש, ר׳איז געווען אַ גרויסער גאון, אַ חריף ובקי אין נגלה און אין נסתר. אויסער דעם האָט ער געשמט פאַר אַ קדוש וטהור, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ריינקייט און הייליקייט. אין דער חסידישער ליטעראַטור געפינען זיך אַ סך מאמרים זיינע. באַזונדערס זענען באַוווסט זיינע ספרים „מדרש פנחס״ און „לקוטי שושנים״. יודעי חן זאָגן, אַז זיינע ספרים זענען געשריבן געוואָרן בקדושה ובטהרה און באַזיצן אַ געטלעכע קראַפט וואָס דרינגט אַריין אין די טיפענישן פונעם מענטשנס נשמה און איז אים מעורר צו תורה און עבודה. חסידים דערציילן, אַז די שכינה פלעגט אַרויסרעדן פון זיין האַלדז און זיינע מאָמרים זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך רוח הקודש. איבערהויפט האָט ר׳ פנחס געשמט מיט זיינע יחודים און דבקות. בעתן דאַווענען פלעגט זיך מתדבק זיין מיטן בורא עולם ביז יציאת נשמה, מען פלעגט ניט באַמערקן אויף אים קיין שום באַוועגונג, קיין ריר מיט קיין אבר און ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די נשמה געפינט זיך ניט אין גוף.

וועגן דער געטלעכער הייליקייט פון ר׳ פנחס קאָריצער איז אַרומגעגאַנגען אין דער חסידישער וועלט פאָלגנדע מעשה: זיין תלמיד דער שעפּיטאָווקער רב ר׳ יעקב שמשון ז״ל איז געווען אין ארץ־ישראל. איינמאָל, בין מנחה למעריב איז ער געזעסן מיט זיינע

תלמידים און געלערנט, פלוצים איז אים באַפאַלן אַ שלאָף און אין חלום האָט ער געזען, אַז די שכינה כביכול שטייט פאַר אים אָנגע־טאָן אין אַ זאַק און וויינט און קלאָגט אויף איר „מאַן" וואָס איז נפטר געוואָרן. דער שעפּיטאָווקער רב האָט זיך מיט גרויס שרעק אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זיך אויף גיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און געמאַכט די ברכה, ברוך דיין אמת און געהייסן זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן רייסן קריעה און זיך זעצן „שבעה" ווייל ר' פּנחס קאָ־ריצער איז נסתלק געוואָרן. אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום איז אָנגעקומען צו זיי די טרויעריקע ידיעה, אַז דער הייליקער צדיק ר' פּנחס קאָריצער איז ווירקלעך נסתלק געוואָרן אין יענעם טאָג און אין יענער שעה.

ר' פּנחס קאָריצער איז געווען זייער אַ גוטהאַרציקער, אַ גרוי־סער רחמן און אַן אמתער אוהב ישראל און אַז ער האָט פאַר עמעצן מתפלל געווען האָט ער ניט גערוט, ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע כוחות און זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען, אַז זיין תפילה זאָל פועל זיין און יענער זאָל געהאָלפן ווערן. איינמאָל איז געקומען צו אים אַ יונגערמאַן, אַ חולה מסוכן, וועלכער איז געווען שטאַרק שלאַף אויף די לונגען און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיינע יונגע יאָרן און אויף זיין אומ־גליקלעכער פרוי מיט זייערע פיר פּיצלעך קינדער און ער זאָל מתפלל זיין פאַר אים, אַז השי"ת זאָל אים צושיקן אַ רפואה שלימה צו זיין שווערער קראַנקהייט.

דער אומגליקלעכער יונגערמאַן איז שוין געהאַט אויסגעווען ביי פיל גרויסע דאָקטוירים און זיי האָבן נישט געקענט געפינען קיין רפואה פאַר אים, ער איז שוין אויך אויסגעווען ביי די גרעסטע צדיקים און רביים און זיי האָבן ניט געקענט געפינען קיין הילף פאַר אים און צולעצט איז ער אויך אָנגעקומען קיין קאָריץ צו ר' פּנחסן.

ר' פּנחס איז געווען שטאַרק גערירט פונעם יונגערמאַנס גרויסן

אומגליק און מיט ברענענדיקער התלהבות און דבקות האָט ער גענומען מתפלל זיין פאַר אים און האָט ניט גערוט ביז ס'איז אים געלונגען אויסצופועלן אַ רפואה צו זיין שווערער שלאַפקייט.

די תלמידים זיינע האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט און האָבן אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט זיך די איבעריקע צדיקים און רביים ניט איינגעגעבן אויסצובעטן אַ רפואה פאַרן קראַנקן יונגענמאַן און ער, ר' פנחס האָט יאָ געקענט פועלן אַז ר'זאָל געזונט ווערן? און ר' פנחס האָט זיי דערקלערט אַז די אַלע צדיקים און רביים צו וועלכע דער חולה מסוכן האָט זיך געווענדט זענען געגאַנגען זוכן פאַר אים אַ רפואה אין שער הרפואות, אָבער שער הרפואות איז געווען שטאַרק פאַרזיגלט און פאַרשלאָסן און ס'איז אוממעגלעך געווען זיך אַריינצובאַקומען אַהינצו, האָבן די צדיקים גערעכנט, אַז מסתמא איז נגזר געוואָרן מן השמים, אַז דער חולה זאָל קיין רפואה ניט האָבן און זיי האָבן זיך גלייך מיאש געווען פון צו קענען עפּעס אויפטאָן פאַר אים און ער, ר' פנחס, האָט לכתחילה אויך אַזוי געטאָן, ער איז אויך געגאַנגען זוכן פאַר קראַנקן א רפואה אינעם שער הרפואות, אָבער אַז ער האָט געטראָפן דעם שער הרפואות פאַרשלאָסן האָט ער זיך ניט מיאש געווען נאָר ער האָט געזוכט אַנדערע מיטלען אויף צו העלפן דעם אומגליקלעכן חולה, און ס'איז אים איינגעפאַלן פרווון פאַרזאָרגן דעם חולה מיט פרנסה און ר'איז געגאַנגען צום שער הפרנסה וועלכן ער האָט צו זיין גרויסער פרייד געפונען אָפן און ניט טראַכטנדיק קיין סך האָט ער אָנגענומען פולע הויפנס מיט פרנסה פאַרן קראַנקן און דערנאָך האָט ער זיך גענומען אויסטענהען מיטן רבונו של עולם און געפרעגט, אין תלמוד ווערט געבראַכט: „מזוני למאן יהיב לחיי הוא דיהיב“, אַז דער רבונו של עולם גיט אַ מענטשן פרנסה איז דאָס צוליב דעם אַז ער זאָל לעבן און אויב ער האָט דעם קראַנקן יונגנמאַן פאַרזאָרגט מיט פרנסה איז דאָס אַ סימן, אַז ער דאַרף לעבן און ניט שטאַרבן און ווי אַזוי וועט ער קענען לעבן מיט אַזאַ געפערלעכער קראַנקהייט?

דער רבונו של עולם האָט אָנערקענט ר׳ פּנחסעס טענה פאַר אַ גע־רעכטע און האָט געגעבן דעם חולה אַ רפואה שלימה.

ר׳ פּנחס קאָריצער פלעגט זיך מפרנס זיין פונעם „מעמד" וואָס זיינע חסידים פלעגן אים צאָלן. יעדעס יאָר פלעגט ר׳ פּנחס אַליין צונויפשטעלן אַ רשימה פון זיינע רייכע און פאַרמעגלעכע חסידים און זיינע גבאים פלעגן אַרומפאָרן איבער די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך ווו די חסידים האָבן געוווינט און איינגעמאָנט דעם מעמד פאַרן צדיקס הויף.

איין יאָר, צונויפשטעלנדיק די רשימה, האָט ר׳ פּנחס דורכגע־לאָזן איינעם פון זיינע אָנגעזעענסטע חסידים, אַ באַוווסטער גביר וועלכער פלעגט יעדעס יאָר ביישטייערן מיט אַ גרויסע סומע פאַר מעמד און אויף זיין פּלאַץ האָט ער אַריינגעשטעלט זיין זון. די גבאים האָט עס שטאַרק געוווּנדערט, אָבער קיינער האָט געוואַגט צו פרעגן וואָס ער טוט. אָנקומענדיק אין דער שטאָט ווו דער גביר האָט געוווינט זענען די גבאים געוווּיר געוואָרן, אַז דער נגיד איז ניט לאַנג געשטאָרבן און זיין פאַרמעגן האָט געירשנט זיין זון וועלן דער צדיק האָט אַריינגעשטעלט אין דער רשימה, דאַן איז שוין פאַר די גבאים קלאָר געוואָרן פאַר וואָס ר׳ פּנחס האָט אַזוי געטאָן. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָבן די גבאים באַמערקט אַז אויך דער זון איז שוין מער נישטאָ אין דער רשימה. זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל זיי האָבן גערעכנט אַז אויך דער זון איז שוין טויט, נאָר אַז זיי זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט ווו ער האָט געוווינט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער לעבט און איז געזונט, ר׳איז נאָר אַראָפּ פון דרך הישר, ווייל קומענדיק אין באַרירונג מיט פאַרשידענע פּריצים און שררות, צוליב די רייכע מסחרים וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט, האָט דער יונגער זון איבערגענו־מען זייער לעבנס־שטייגער און האָט זיך געגומען פירן פּונקט ווי זיי, ער האָט געגעסן טרפות, מחלל שבת געווען, פאַרבראַכט צוזאַ־מען מיט זיי אין הוללות און אין שכרות און האָט זיך דערווייטערט

פון יידן און יידישקייט. אייניקע יאָר זענען פאַריבער און די גבאים האָבן ווידער באַמערקט דעם זון פיגורירן אין דער רשימה. זיי האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט, אָבער זיי האָבן גאָר ניט געפרעגט. קומענדיק צום זון אַהיים האָט ער זיי זייער פריינטלעך אויפגענומען און געגעבן אַ גרויסע סומע געלט פאר מעמד. ער האָט זיי אויך דערציילט וואָס ס'איז מיט אים פאָרגעקומען. געפינענדיק זיך אויף אַ באַל ווו ער האָט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט יונגע פריצים און זייערע פרויען האָט ער זיך שטאַרק אָנגעשיכורט און איינגעשלאָפן. פלוצים האָט ער דערפילט ווי צוויי מענטשן האָבן אים אָנגענומען און אַוועקגעטראָגן פאַרן בית דין של מעלה און אַ מלאך אַ קטיגור איז אָנגעקומען און גענומען אויסרעכענען אַלע חטאים און עברות וואָס ר'איז באַגאַנגען זינט זיין פאָטער איז געשטאָרבן און דער בית דין של מעלה האָט אַרויסגעטראָגן אַ פסק דין אַז ר'זאָל דאָס יאָר שטאַרבן. ער האָט גענומען וויינען און בעטן, אַז מ'זאָל אויף אים רחמנות האָבן און שענקען דאָס לעבן, אָבער קיינער האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיין געוויין און געבעט. פלוצים איז אָנגעקומען דער הייליקער צדיק ר' פנחס קאָריצער און האָט זיך אָנגערופן, אַז מ'זאָל פּרווון דאָס מאָל אים מוחל זיין נאָר מיטן תנאַי, אַז ר'זאָל פאַרלאָזן זיין שלעכטן וועג און זאָל תשובה טאָן און זאָל צוריק ווערן אַ געטרייער און איבערגעגעבענער ייד בלב ונפש און דער בית דין האָט געטאָן אַזוי ווי ר' פנחס האָט געהייסן און אויפכאַפנדיק זיך פון שלאָף איז ער אַוועק אויף גיך אַהיים און זיך צוריקגעקערט צו יידישקייט מיטן גאַנצן האַרצן...

די אַנטפּלעקונג פון ר׳ אלימלך ליזענסקער

דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, דער מחבר פונעם ספר „נועם אלימלך״ איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד ר׳ דוב בער זצ״ל און נאָכן מגידס טויט זענען זיינע תלמידים איבערגעגאַנגען צו ר׳ אלימלכן און האָבן ביי אים געלערנט תורה און חסידות.

ר׳ אלימלך האָט געשמט פאַר אַ גרויסן ענו און וועגן זיין באַשיידנקייט און אומגעהייערער עניוות זענען אַרומגעגאַנגען צווישן פאָלק פאַרשידענע לעגענדעס. מ׳דערציילט, אַז דער לאַדיר רב, ר׳ שניאור זלמן, דער בעל התניא, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ רב אַ מתנגד אין שטוב און דאָרטן האָט ער געטראָפן ליגן אונטער אַ באַנק ר׳ אלימלכס ספר דעם „נועם אלימלך״. ר׳ שניאור זלמן איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט זיך צעשריגן אויפן רב, דעם מתנגד, פאַר וואָס ער האַלט אַזאַ הייליקן ספר אונטער דער באַנק. דער רב, דער מתנגד, האָט אים געפרעגט, מיט אַ טאָן פון ביטול און חוזק, פאַר וואָס ער מאַכט אַזאַ ליאַרעם, ווער איז אַזוינס דער מחבר פונעם ספר?! און ר׳ שניאור זלמן האָט אים אָפּ־געענטפערט, אַז ווער דער מחבר זיינער איז, דאַרף ער נישט וויסן, ס׳וועט זיין גענוג, ווען ער וועט אים זאָגן, אַז ווען ער׳ זאָל דעם מחבר אַליין אַוועקלייגן אונטער דער באַנק, וואָלט ער אויך געש־

וויגן... פונקט ווי דער ספר שווייגט. אַזוי ווייט האָט דערגרייכט זיין ענווּת.

ר׳ אלימלך האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חוטא ופושע און האָט שטענדיק געזוכט אַ תיקון אויף זיינע זינד. ער פלעגט זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף תשובה־טאָן ביז דער ערשטער עברה, אַפילו אויף די עברות, וואָס ער האָט עובר געווען, ווען ר׳איז געווען אַ זויג־קינד און דערפאַר פלעגט ער זיך אָנטאָן שרעקלעכע ענויים און סגיפים. ער פלעגט פאַסטן הפסקות, זיך טובלען אין געפרוירענע מקוהס, זיך שמייסן מיט קראָפּיווע און שטעכיקע גראָז און זיצן צווישן מוראַש־קעס, כדי זיי זאָלן בייסן זיין לייב און פלעגט נאָך זאָגן, אַז ר׳איז אַזוי זינדיק, אַז ר׳איז נישט ראוי, אַז די מוראַשקעס זאָלן אים עסן. און איידער ער איז נתגלה געוואָרן, האָט ער גענומען אויף זיך אָפּריכטן גלות. ער האָט אַרומגעוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף, און ווו ער האָט געטאָגט האָט ער נישט גענעכטיקט. ר׳איז אַרומגעגאַנגען שרעקלעך אָרעם געקליידט, ער האָט געטראָגן אַ צעריסענע קאַפּאָטע, אַרומגענומען מיט אַ שטרוי־ענעם גאַרטל, אַ פּאָר גראָבע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול און אַ פאַר־שמאָלצענעם היטל; דער האַלדז איז ביי אים געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שמוציקער פאַטשיילע און אויף דער פלייצע האָט ער גע־טראָגן אַ קלימערל. ער איז געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן און באַוואַקסן און האָט אויסגעזען ווי אַן אָרעמאַן, אַ שנאָרער, וואָס גייט אַרום איבער די הייזער. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיט אַזאַ הילוך און הלבשה האָט קיינער אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט.

איינמאָל, איז ר׳ אלימלך אָנגעקומען אין זיין וואַנדער־וועג, אין דער שטאָט זאַרנאָוויצע. ער האָט אַפריער גוט באַטראַכט די שטאָט און דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט גיין צום פרנס חודש אַהיים, גאָר־נישט ווי זיין שטייגער איז געווען. אַריינקומענדיק צום פרנס חודש אין שטוב, האָט ער ביי אים געבעטן אַ דערלויבעניש צו זאָגן אַ דרשה אין בית המדרש בין מנחה למעריב. דער פרנס חודש האָט

אים אָפּגעמאָסטן מיט זיינע בליקן, און זעענדיק זיין מאָדנעם הילוך און משונהדיקע הלבשה, וועלכע האָבן אים געגעבן אַן אויסזען פון אַ פאַרגרעבטן שנאָרער און אַ פּשוטן עם־הארץ, האָט ער גערעכנט, אַז ר׳איז ניט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, און האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל גלייך פאַרלאָזן זיין הויז. אָבער ר׳ אלימלך האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ער איז צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל אים נאָר געבן רשות צו האַלטן די דרשה, אַנדערש האָט ער נישט געוואָלט גיין. ביז עס האָט געפּלאַצט דער געדולד ביים פּרנס חודש און אַ שטאַרק אויפגערעגטער, האָט ער אים אָנגענומען פאַר דער פּלייצע און אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס.

דער פּרנס חודש האָט געהאַט אַ זון, אַ בן־יחיד, אַ גאָטס־פאַרכ־טיקער און געלערנטער בחור, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט די שיינע מידות פון רחמנות און גוט־האַרציקייט, און זעענדיק וואָס זיין פאָטער האָט געטאָן דעם אָרימען נע־ונדניק, האָט עס אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און ר׳האָט גענומען בעטן זיין פאָטער, אַז ער זאָל אים דערלויבן זאָגן די דרשה. אויב ער נעמט זיך אונטער — האָט דער נאָבעלער בחור געטענהט — איז אַ סימן, אַז ער קען. און ווען אַרט עס, אַז אַן אָרימער וואַנדערער וועט פאַרדינען עט־לעכע פּרוטות. דער פּרנס חודש האָט נישט געקענט אָפּזאָגן די בי־טע פון זיין בן־יחיד, און האָט געגעבן זיין הסכמה, אַז דער אָרעמאַן זאָל האַלטן די דרשה. דער בחור האָט צוריקגערופן דעם נע־ונדניק און דער פּרנס חודש האָט אים געגעבן אַ קוויטל צום שמש, אַז ער זאָל צונויפרופן די איינוווינער פון שטאָט אין בית־המדרש אַריין צו דער דרשה. דער שמש האָט גענומען זיין גראָבן שטעקן און איז געגאַנגען מבית לבית און געמאָלדן, אַז בין מנחה למעריב וועט אַ בעל דרשן האַלטן אַ ווונדערלעכע דרשה אין בית־מדרש און אַ גרויסער עולם האָט זיך צונויפגעזאַמלט הערן די דרשה.

ר׳ אלימלך איז אַרויפגעגאַנגען אויף דערבימה און האָט געשוויגן. ער האָט זיך גוט אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און האָט ווידער גע־

שוויגן. דערנאָך האָט ער גענומען שמעקן מיט דער נאָז און אָנגע־הויבן וואַרפן בליקן צווישן עולם, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. דער עולם האָט געשטוינט פון פאַרווונדערונג, צוזעענדיק זיינע משונהדיקע תנועות און העויות. דער פרנס־חודש האָט אים גע־פרעגט, וואָס ער שמעקט מיט דער נאָז און ועמען ער זוכט? און ר׳ אלימלך האָט געענטפערט, אַז ער פילט אַ ריח פון אַ שווערער זינד פון הבא על אשת איש ר״ל און ער זוכט דעם חוטא. אפשר איז ער פאַראַן צווישן עולם. דער עולם איז שטאַרק אויפגעקאָכט געוואָרן פונעם מיאוסן בלבול, און האָט זיך געוואָרפן אים שלאָגן. ר׳ אלימלך איז אויף גיך אַרויס פונעם בית־המדרש און זיך געלאָזט לויפן, און דער אויפגערעגטער עולם נאָך אים. ר׳ אלימלך איז גע־לאָפן דורך זייטיקע געסלעך און איז אַריין אין אַ שפייכלער פון שטרוי און דער עולם נאָך אים און דאָרטן האָבן זיי געטראָפן דעם שוחט פון שטאָט מיט אַן אשת־איש. דאַן האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער אָרעמער נע־ונדניק איז אַ גרויסער צדיק. זיי זיינען געפאַלן צו זיינע פיס און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין. זיי האָבן אים אויך געבעטן, אַז ער זאָל זיך צוריקקערן מיט זיי אין שטאָט אַריין, וועלן זיי אים אויפנעמען מיט גרויס כבוד, ווי ס׳פאַסט און עס קומט אַזאַ גרויסן צדיק, ווי ער איז, אָבער ר׳ אלימלך האָט ניט געוואָלט און האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין אָפּריכטן גלות. אַ טייל פונעם עולם האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט, זענען צו אים צוגעשטאַנען און מיט אים מיטגעגאַנגען, און אומעטום, וווהין זיי זענען אָנגעקו־מען, האָבן זיי דערציילט וועגן גרויסן מופת, וואָס דער אָרעמער וואַנדערער האָט באַוויזן ביי זיי אין שטאָט און אין יעדן אָרט זענען צו אים צוגעשטאַנען נייע חסידים ביז ס׳האָט זיך אַרום אים צו־נויפגעקליבן אַ גרויסער עולם חסידים, און ר׳ אלימלך האָט זיך שוין מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פאַר זיי און האָט זיך מודה געווען, אַז ר׳איז ר׳ אלימלך פון ליזענסק, איינער פון די גרעסטע תלמידים פונעם מעזריטשער מגיד און אַזוי אַרום איז ר׳ אלימלך נתגלה געוואָרן.

צווישען די חסידים, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו ר׳ אלימלכן און ניט געוואָלט פון אים אָפּטרעטן, איז אויך געווען דער פּרנס חודש, ער האָט געוואָלט פון אים אַרויסבאַקומען אַ מחילה דערפאַר וואָס ער האָט אים באַליידיקט און אַרויסגעוואָרפן פון זיין שטוב. אָבער ר׳ אלימלך האָט זיך אָפּגעהאַלטן מיט געבן אים די מחילה און דער פּרנס חודש איז דערווייל פאַרבליבן ביי ר׳ אלימלכן אין הויז פאַר אַ משמש.

איינמאָל האָט ר׳ אלימלך באַפוילן דעם פּרנס חודש, אַז ער זאָל אים אַריינברענגען אַ גלאָז טיי. אַריינקומענדיק מיט דער טיי, איז ר׳ אלימלך געזעסן און האָט געשמועסט מיט איינעם אַ זקן, און דערזעענדיק דעם זקן, איז דער פּרנס חודש באַפאַלן אַ גרויסע שרעק. ס׳האָט אים גענומען ציטערן הענט און פיס און די גלאָז טיי איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן. ווען ער האָט געבראַכט אַן אַנדער גלאָז טיי, האָט אים ר׳ אלימלך געפרעגט פאַרוואָס ער האָט צעבראָכן די גלאָז. דער פּרנס חודש האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן זקן און פון גרויס שרעק האָט זיך די גלאָז אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און צעבראָכן געוואָרן. ר׳ אלימלך האָט אויסגעשריגן: ווי איז צום קינד, וואָס קען נישט קוקן דעם טאַטן אין פּנים אַריין! דער זקן איז דאָך געווען אַברהם אבינו. און ר׳האָט זיך אָנגערופן צום פּרנס חודש, אַז דאָס האָט ער געהאַט אַן עונש פאַר דער באַליידיקונג וואָס ער האָט אים אָנגעטאָן און אַרויסגעוואָרפן פון זיין שטוב. איצט האָט ער אים געהייסן פאָרן אַהיים, ווייל גאָט האָט אים שוין מוחל געווען. נאָר מהיום והלאה זאָל ער זיין נזהר בכבודו של כל אדם און זאָל נישט מבזה זיין אפילו קיין אָרעמאַן.

ליזענסקער מגיד גרייט זיך צו די ימים נוראים

ווי נאָר ס׳איז אָנגעקומען דער חודש אלול פלעגט דער הייליקער מגיד ר׳ אלימלך פון ליזענסק זיך פאַרשפּאַרן ביי זיך אין צימער און געפּראַוועט התבודדות. ער פלעגט זיך פאַרטיפן אין עבודת הבורא און ביז נאָך יום כפור האָט ער קיינעם ניט אויפגענומען. ער פלעגט אפילו קיין קוויטלעך ניט נעמען סיידן ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַן ערנסטן ענין, וועגן פּיקוח נפש און אַלע חסידים האָבן געוווּסט, אַז פון ראש חודש אלול ביז מוצאי יום כפור איז דער רבי טרוד און מ׳טאָר אים ניט שטערן.

אין יענער צייט האָט ביי איינעם פון זיינע ערשטע מקורבים געטראָפן אַ גרויסער אומגליק. דער דאָזיקער מקורב איז געווען זייער אַ רייכער מענטש און אַ לאַנגע צייט איז ער געווען אַ חשוך בנים ל״ע. אַלע יאָר פלעגט ער פאָרן צום מגיד און געגעבן גרויסע פּדיונות און געוויינט און געבעטן, אַז ער זאָל זיך איבער אים מרחם זיין און מזכה זיין מיט אַ זרע של קימא און דער מגיד פלעגט זיך פון אים אַרויסדרייען און אַלע מאָל האָט ער אים מדחה געווען מיט אַן אַנדער תירוץ. און איינמאָל האָט דער מגיד שוין מער ניט געקענט צוזען זיין צער און האָט אים געגעבן זיין ברכה און אין אַ יאָר אַרום האָט אים די פרוי זיינע געבוירן אַ בן זכר. דער מקורב איז געווען מלא שמחה, צו זיין גליק איז גאָר קיין גרעניץ ניט געווען. ער האָט דאָס קינד אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער האָט

שטאַרק אַכטונג געגעבן אַז ס'זאָל אים גאָר ניט פעלן. ער האָט אים געלערנט ביי די בעסטע מלמדים און האָט אים מגדל געווען לתורה ולמעשים טובים.

אינעם טאָג פון זיין בר־מצוה, ער איז אויסגעפאַלן פונקט ראש חודש אלול, האָט ער געמאַכט אַ גרויסן יום טוב, ער האָט איינגע־לאַדן אַלע איינוווינער פון שטאָט און האָט אויך געפראַוועט אַ סעודת עניים כיד המלך און געטיילט נדבות און צדקה מיט דער ברייטער האַנט און האָט זיך שטאַרק משמח געווען. און אין מיטן דער שמחה איז געשען דער אומגליק, ווי נאָר דער בר־מצוה בחור האָט זיך אויפגעשטעלט זאָגן זיין דרשה האָט זיך ביי אים פלוצים פאַרענדערט דאָס פנים און האָט אָנגעהויבן מאַכן משונהדיקע העויות און מאָדנע תנועות און געשטאַמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וועלכע האָבן זיך ניט געקלעפּט איינס צום צווייטן. דער גאַנצער עולם איז פאַרציטערט געוואָרן פון שרעק. מען האָט גע־בראַכט באַלד אַ דאָקטער און ער האָט דערקלערט, אַז דער בחור איז געוואָרן א יוצא מדעת ר"ל. ער איז גערירט געוואָרן פון זינען. דער מקורב האָט שיר ניט געפּלאַצט פון צער און ווייטאָג. ר'איז מיט אים אַרומגעפאָרן צו אַלע גרעסטע דאָקטוירים און ס'האָט ניט געהאָלפן. קיינער האָט ניט געקענט געפינען קיין רפואה פאַר אים. דאַן האָט דער מקורב באַשלאָסן פאָרן קיין ליזענסק צום הייליקן מגיד, ער האָט אַפילו געוווסט, אַז אין דער צייט נעמט דער מגיד קיינעם ניט אויף. עס איז אָבער ביי אים געבליבן זיך לאָזן קאָסטן דאָס גאַנצע פאַרמעגן און זיך צושלאָגן צו אים און האָט גלייך באַפוילן איינשפּאַנען זיין בעסטע קאַרעטע און האָט גענומען זיין זון און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַ פּאָר קילאָמעטער פאַר ליזענסק איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַן עלטערער ייד אָנגעטאָן אין אַן אַלטער צעריסענער קאַפּאָטע, און אויסגעקרימטע שיך און אין אַן אָפּגעריבענער היטל. דער אויסזען איז געווען פון אַן אָרעמען וואָס גייט איבער די הייזער. און אַז דער בחור האָט דערזען דעם

יידן האָט ער זיך געווענדט צו זיין פאָטער און האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל אים געבן אַ גרויסע נדבה.

דער מקורב האָט געשטוינט פון פאַרוואונדערונג. ער האָט ניט געגלויבט וואָס זיינע אויערן הערן, ווייל זינט ס'האָט געטראָפן דער אומגליק האָט ניט פּאַסירט אַז דער בחור זאָל אויסרעדן צוויי גלייכע ווערטער און דאָ האָט ער גערעדט צו אים ווי אַ מענטש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד און ער האָט גלייך אַרויסגעכאַפּט אַ גאַנצן רובל און געגעבן דעם יידן. דער ייד האָט געפרעגט, וווהין זיי פאָרן און דער מקורב האָט געענטפערט, אַז זיי פאָרן קיין ליזענסק צום מגיד. ער האָט אים דערציילט, וואָס ס'איז געשען מיט זיין זון און האָט אים אויך דערציילט, אַז נאָר וואָס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום בעסערן אין זיין זונס געזונט־צושטאַנד און דער ייד האָט זיך אָנגערופן אַז ווי ער זעט איז זיין זון שוין פאָלקאָם געזונט. זיין פאַרשטאַנד האָט זיך שוין איינגאַנצן צו אים צוריקגעקערט, דערום עצהט ער זיי, אַז זיי זאָלן זיך צוריקקערן אַהיים און ניט פאָרן קיין ליזענסק, ווייל דער מגיד איז איצט שטאַרק פאַרטאָן אין עבודת הבורא און ס'איז אַ גרויסע עברה אים שטערן אין זיין הייליקער אַרבעט. אָבער דער מקורב האָט געענטפערט, אַז ער קען ביי זיך ניט פועלן זיין אַ פּאָר קילאָמעטער פון ליזענסק און ניט זען דעם מגיד און איז אַריינגעפאָרן קיין ליזענסק.

נאָך פיל מי און גרויסע שוועריקייטן איז אים געלונגען אַריינצוקומען צום מגיד אין צימער און האָט אים אָוועקגעלייגט אַ פדיון פון אַכצן רובל, אָבער ווי נאָר דער מגיד האָט דערזען דאָס געלט האָט ער אויסגעשריגן: ווי, ווי! אלימלכן גיט מען אַכצן רובל און אליהו הנביא גיט מען נאָר איין רובל און אָנגעמענדיק דעם מקורב פאַר דער פלייצע האָט ער אים אַרויסגעפירט פון צימער און אים געהייסן פאָרן לחיים ולשלום אַהיים און האָט פאַרשפּאַרט די טיר הינטער זיך.

דאָן האָט דער מקורב פאַרשטאַנען די אמתע גרויסקייט פונעם

הייליקן מגיד ר׳אלימלך ז״ל איז מן השמים האָט מען בדאַי מטריח געווען אליהו הנביא, אַז ער זאָל ברענגען אַ רפואה פאַר זיין קראַנקן זון, אַבי ער זאָל ניט שטערן דעם מגיד אין זיינע הכנות צו די ימים נוראים, ווען ער דאַרף תפילה טון פאַרן בורא עולם און אויס־בעטן ביי אים אַ סליחה ומחילה וכפרה און אַ שנת גאולה וישועה פאַר זיין פאָלק ישראל.

דער ליזענסקער מגיד און דער איינבינדער

איינמאָל הושענה־רבה, נאָך תיקון חצות, האָט דער הייליקער מגיד ר׳ אלימלך פון ליזענסק געמאַכט אַ שפּאַציר איבער די עולמות העליונים און משוטט זייענדיק איבער די היכלות פון די גרעסטע צדיקים, האָט ער באַמערקט אַ יידן פון זיין שטאָט שטיין ביים היכל פונעם געטלעכן צדיק און גרויסן מקובל, ר׳ שמעלקא פון ניקעלשבורג. ר׳ אלימלך האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן יידן. ער האָט געוווינט ניט ווייט פון זיין הויז. ער האָט געהייסן אברהם און געווען איז ער אַ כורך ספרים, אַן איינבינדער. מען פלעגט אים רופן אברהם דער איינבינדער. דער דאָזיקער איינבינדער איז געווען זייער אַ פּראָסטער און פאַרגרעבטער מענטש, אַ גרויסער עם־הארץ און אַ גאָר קנאַפּער ירא־שמים. אין שטאָט האָט ער געשמט פאַר אַ מענטשן מיט שלעכטע מידות, מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ רע־עין און אַ רע־לבב. ער האָט אויף זיין לעבן קיינמאָל קיין נדבה נישט געגעבן און די גבאים פון צדקה פלעגן שטענדיק אויסמיידן זיין הויז. ר׳ אלימלך האָט זיך זייער געוווּנדערט און נישט געקענט פאַרשטיין מיט וועלכן זכות האָט אַזאַ פּראָסטער נפש מיט אַזעלכע גראָבע מידות זיך אַריינבאַקומען אין די עולמות העליונים, וועלכע זענען באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר גרויסע גאונים און הייליקע צדיקים און וואָס האָט ער צו טון ביים אַריינגאַנג פונעם געטלעכן צדיק, ר׳ שמעלקא פון ניקעשלבורגס היכל?

ר׳ אלימלך האָט באַשלאָסן צו רופן דעם איינבינדער און בעטן ביי אים, אַז ער זאָל אים דערקלערן אָט דעם גרויסן וווּנדער. אָבער ווי נאָר ער האָט אויסגערופן זיין נאָמען אברהם, אַזוי איז פון ער־געץ־ווו אויסגעוואַקסן אַן עלטערער ייד, אַ הויך־וווקסיקער, מיט אַ ברייטן גאונישן שטערן, מיט אַ פּאָר גרויסע, קלוגע אויגן און מיט אַ הדרת פנים פון אַ געטלעכן מענטשן און האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים פאַר וואָס ער איז מזלזל בכבודו פון אַ גרויסן צדיק און רופט אים אברהם און נישט ר׳ אברהם, און האָט אים געוואָרנט, אַז מהיום והלאה זאָל ער זיין שטאַרק זהיר ונזהר און זאָל אים רופן רבי אברהם און נישט סתם אברהם. ר׳ אלימלך האָט געשטוינט פון פאַרוואונדערונג: ער האָט געוווּסט, אַז קיין צדיק נסתר איז דער איינ־בינדער נישט געווען, ווייל ער האָט גוט געעקנט אַלע זעקס און דרייסיק צדיקים נסתרים, די למד־וואָווניקעס, וואָס האָבן זיך געפּו־נען אויף דער וועלט, און דער איינבינדער איז נישט געווען צווישן זיי, און מיט גרויס דרך־ארץ און מיט אַ באַזונדערן יראת הכבוד איז ער צוגעקומען צו רבי אברהם דעם איינבינדער און האָט אים גע־בעטן, אַז ער זאָל אים טאָן אַ טובה און אים זאָגן דורך וועלכע מעשים טובים האָט ער זיך קונה געווען אַ פּלאַץ צווישן די צדיקי עולם, און צוליב וואָס שטייט ער און וואַרט באַם אַריינגאַנג פון ר׳ שמעלקאָס היכל.

ר׳ אברהם דער איינבינדער האָט מיט א באַזונדער נחת־רוח דערפילט די בקשה פונעם הייליקן מגיד און האָט אים דערציילט פון אַלעס, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט אים דערציילט, אַז כל ימיו איז ער געווען זייער אַ פּראָסטער און אַ אומוויסנדער מענטש, אויף וועלכן דער יצר־הרע האָט געהאַט אַ שטאַרקע שליטה און דערפאַר איז ער געווען אַ מזלזל במצוות, ווייל ווען ס׳פלעגט אונטערקומען אַ מצוה צו זיין האַנט, אַזוי פלעגט באַלד אָנקומען דער יצר־הרע און נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל זי טאָן. ער פלעגט אים נישט לאָזן אפילו געבן קיין נדבה און אַז ער איז געשטאָרבן,

האָט מען אים געבראַכט פאַרן בית־דין של מעלה, אַז מ׳זאָל אים משפטן, און באַלד איז געקומען אַ מלאך מיט שוואַרצע פליגלען. מען האָט אים גערופן קטיגור, און האָט גענומען אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל פון חטאים און עברות, וואָס ער איז באַגאַנגען זינט ער איז געוואָרן אַן בן־עונשין, ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן און די אַלע אויסגערעכנטע זינד האָט מען ארויפגעלייגט אויף אַ וואָג־שאָל און מ׳האָט אים געהייסן ברענגען מצוות און מעשים טובים, אַז זיי זאָלן איבערוועגן, און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט, האָט דער בית־דין של מעלה אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, אַז ער זאָל גיין אין גיהנום, און באַלד זענען אָנגעקומען צוויי מלאכי חבלה און אין אָנגענומען פאַר די הענט, גרייט צו פירן אין גיהנום אַריין. פּלוצים איז אָנגעפלויגן אַ מלאך מיט ווייסע פליגלען, מ׳האָט אים גערופן סניגור, און האָט באַפוילן צו וואַרטן, און האָט זיך גע־ווענדט צו אים מיט אַ פראַגע ער זאָל אים זאָגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ זעק, וואָס ליגן ביי אים אויפן בוידעם. און ער, דער איינ־בינדער, האָט דערציילט, אַז כאָטש ער איז אַ גרויסער עם־הארץ און קען כמעט נישט איבערלייענען קיין לשון קודשדיק וואָרט, האָט ער אָבער פאַר לשון קודש גרויס דרך־ארץ און אַ באַזונדערן אָפּשיי, ווייל ער ווייסט, אַז די תורה איז געשריבן אויף לשון קודש: אויף לשון קודש האָבן די נביאים געשטראָפט און געטרייסט דאָס פאָלק און אויף לשון קודש האָט דוד המלך אויסגעזונגען די מזמו־רים פון תהילים, און כאָטש ער האָט נישט אָפּגעהיט די תורה און האָט נישט אויסגעפאָלגט וואָס עס איז געשריבן אין די לשון קו־דשדיקע ספרים, איז אָבער לשון קודש ביי אים זייער הייליק און טייער, און אַז ביי דער ארבעט פלעגט אַראָפּפאַלן אַ בלעטל, אָדער ווי ער האָט עס גערופן: אַ „שמע״, האָט ער נישט געלאָזט, אַז עס זאָל זיך וואַלגערן אויף דער ערד און מ׳זאָל עס טרעטן מיט די פיס, נאָר ער פלעגט זיך אָנבויגן און עס אויפהויבן און אָפּטרייסלען דעם שטויב און עס אַריינלייגן אין אַ זאַק, און אַז דער זאַק איז פול גע־וואָרן, האָט ער אים אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם און דאָרטן אַני־

דערגעלייגט. אַזוי האָט זיך אין משך פון די יאָרן, וואָס ער האָט געאַרבעט איינבינדעריי צוזאַמענגעקליבן אַ סך זעק און דאָס זענען די זעק, וואָס ליגן ביי אים אויפן בוידעם.

דער מלאך מיט די ווייסע פליגלען האָט באַפוילן, אַז מ׳זאָל ברענגען די זעק און מ׳זאָל זיי אַרויפלייגן אויף דער צווייטער וואָג־שאָל, נאָר אַזוי ווי די חטאים און עבירות זענען געווען מערער און שווערער, האָבן זיי נאָך אַלץ איבערגעוווגן.

דאַן האָט דער מלאך מיט די ווייסע פליגלען, דער סניגור, זיך געווענדט צו אים נאָך אַמאָל און האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל דערציילן פאַרן בית־דין של מעלה, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיטן ספר תנ״ך ביים פּריץ אין הויף. און ער, דער איינבינדער, האָט דערציילט, אַז איינמאָל האָט אַ געוויסער פּריץ אים איינגעלאַדן צו זיך אין הויף, אַז ער זאָל פאַרריכטן און איינבינדן זיינע ביכער. צווישן די ביכער האָט גערופן זיין אויפמערקזאַמקייט אַן אַלטער, גראָבער בוך. ער האָט אים אויפגעעפנט, און צו זיין גרויס פאַר־וווּנדערונג, האָט ער דערזען, אַז ס׳איז אַ תנ״ך. ער האָט נישט גע־קענט פאַרשטיין, ווי אַזוי קומט צווישן פּוילישע ביכער אַ יידיש ספר. איבערהויפּט האָט ער נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס טויג עס דעם פּריץ, אין דער צייט ווען ער ווייסט אַפילו נישט פון קיין צו־רת אות און ער האָט געפרעגט דעם פּריץ ווו ער האָט גענומען דעם יידישן ספר און צי וואָס דאַרף ער אים.

דער פּריץ האָט אים דערציילט, אַז דעם דאָזיקן ספר האָט ער נישט לאַנג צוגענומען ביי אַ יידן, וואָס האָלט די קרעטשמע אין איינעם פון זיינע דערפער אַלס נקמה דערפאַר, וואָס ער צאָלט אים שוין נישט אַ שטיק צייט די ראַטע פאַר דער קרעטשמע, און אַרויסוואַרפן אים פון דעם קרעטשמע קען ער ביי זיך נישט פועלן, ווייל ער האָט רחמנות אויף זיינע קינדער, וועלכע זענען טאַקע אין קרעטשמע געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז דער ייד איז שטאַרק צוגעבונדן צום דאָזיקן ספר און

אָן אים וועט אים זיין שווער זיך צו באַגיין, ווייל טאָג און נאַכט פלעגט ער אין אים אַריינקוקן און אים קיינמאָל פון די הענט נישט אַרויסלאָזן, איז כדי אים פייניקן האָט ער ביי אים צוגענומען דעם ספר, ווייל ער ווייסט אַז דאָס חיות גייט אים אויס נאָך אים, און קויפן אַ צווייטן איז ער נישט ביד.

ווען ער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט ער געבעטן דעם פריץ, אַז אָנשטאָט געלט זאָל ער אים געבן דעם תנ״ך. דער פריץ האָט מיט גרויס פרייד איינגעשטימט, און כאָטש ער, דער איינביי־דער, איז בטבע געווען אַ שלעכטער מענטש, און האָט אויף זיין לעבן קיינמאָל קיינעם קיין טובה נישט געטון, איז ער גלייך אַוועק צום יידן אין דאָרף און האָט אים אָפּגעגעבן דעם תנ״ך, און דער מלאך מיט די ווייסע פליגלען האָט גלייך באַפוילן ברענגען דעם תנ״ך און אים אַרויפלייגן אויף דער וואָג־שאָל, און ער האָט אי־בערגעוויגן, אַז דער בית דין של מעלה האָט צוריקגעצויגן דעם פריערדיקן פסק־דין און האָט געפסקנט, אַז ער איז אַ צדיק גמור און זיין אָרט דאַרף זיין צווישן די גרויסע צדיקים אין גן־עדן. נאָר אַזוי ווי זיצן צווישן די גרויסע צדיקים אין גן־עדן מוז מען זיין אַ גרויסער למדן אין נגלה און נסתר, האָט ער נגלה געלערנט ביים גרויסן גאון ביים בעל ההפלאה, און קבלה און סתרי תורה איז ער געקומען לערנען ביים געטלעכן צדיק, ר׳ שמעלקא פון ניקעלש־בורג. דערפאַר שטייט ער און וואַרט ביים אריינגאַנג פון זיין היכל, כדי ער זאָל אים באמערקן און אַריינרופן לערנען.

דער שעפּיטאָווקער רב און דער התר עגונה

דער שעפּיטאָווקער רב ר׳ יעקב שמשון ז״ל האָט כל ימיו משתוקק געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און זיך דאָרטן באַזעצן. ער פלעגט זאָגן, אַז ישוב ארץ־ישראל איז שקול כנגד כל המצוות און איז מכפר אויף אַלע עברות און אויף דער עלטער האָט ער אויספארקויפט אַלעס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און גענומען זיינע הייליקע ספרים און איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל און האָט זיך דאָרטן באַזעצט. אין ארץ־ישראל האָט מען אים באַשטימט פאַרן ממונה איבער די ישיבות פון ירושלים און צפת.

אין יענער צייט האָבן די ישיבות דורכגעמאַכט זייער אַ שווערן פינאַנציעלן קריזיס, וועלכער האָט גאַנץ ערנסט באַדראָט זייער ווייטערדיקע עקזיסטענץ: די מלמדים און משגיחים האָבן שוין מאָנאַטן לאַנג נישט באַקומען אויסגעצאָלט זייערע שכירות; די סוחרים, וועלכע האָבן צוגעשטעלט די פאַרשידענע פּראָדוקטן פאַר די קיכן פון די ישיבות, האָבן געמאָנט גרויסע סומען געלט און האָבן שוין מער ניט געוואָלט באָרגן און ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז די קיכן זאָלן זיך צומאַכן. און דאָס וואָלט גורם געווען דאָס שליסונג פון די ישיבות און פאַנאַנדערלאָזן די תלמידים. די משולחים, וועלכע די גבאים האָבן אַרויסגעשיקט אין די גלות־לענדער צו זאַמלען נדבות פאר די ישיבות, האָבן נישט באַוויזן צו שאַפן אפילו אַ קליינע טייל פון דער סומע, וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט אויף צו לינדערן דעם שווערן קריזיס. אַלע האָבן געפילט און פאַר־

שטאַנען, אַז דער איינציקער, וואָס וואָלט געקענט זיין אומשטאַנד אַרויסצוראַטעווען די ישיבות פון זייער שווערער עקאָנאָמישער סיטואַציע איז דער שעפּיטאָווקער רב ר׳ יעקב שמשון ז״ל: זיין נאָמען איז שטאַרק באַוווסט און באַקאַנט בכל תפוצות ישראל און זיין השפּעה איז זייער גרויס. יעדער איינער האָט זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן יראת־הכבוד און יראת־הרוממות און דאָרטן, ווו אַן אַנדערן גיט מען פּרוטות, וועט מען אים געבן גרויסע סומעס. און די גבאים האָבן זיך געווענדט צו אים מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך די שווערע און הייליקע מיסיע און אַרויספאָרן אי־בער די גלות־לענדער זאַמלען געלט פאַר די ישיבות. דער שעפּי־טאָווקער רב האָט גוט פאַרשטאַנען מיט וועלכע שוועריקייטן און שטערונגען אַזאַ נסיעה איז פאַרבונדן. ער האָט אויך געוווסט, אַז פאַר אַ מענטשן אין זיינע יאָרן שמעקט אַזאַ נסיעה אפילו מיט סכנות נפשות, נאָר וויסנדיק אָבער די גרויסע געפאַר, וואָס לויערט איבער די ישיבות, האָט ער זיך מיט גאָר נישט גערעכנט און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

איינמאָל איז דער שעפּיטאָווקער רב, אויף זיין רייזע, אָנגעקו־מען אין אַ שטאָט, ווו ס׳האָט געהערשט אַ גרויסע מחלוקת. די מחלוקת האָט אויסגעבראָכן איבער א שאלה וועגן אַן התר־עגונה. איניקע רבנים האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף דער עגונה אַרויסגעבן אַ התר, אַז זי מעג חתונה האָבן, און איניקע רבנים זענען געווען קעגן. און ווי דער שטייגער איז — האָבן זיך באַלד געבילדעט צדדים, יעדער צד האָט געהאַט זיינע אָנהענגער און די אָנהענגער האָבן געשאַפן דאָס מחלוקת און אין שטאָט האָט זיך גערעשט און געטומלט. אַז דער שעפּיטאָווקער רב איז אָנגעקומען, האָבן די רבנים זיך געווענדט צו אים, אַז ער זאָל פּסקנען די האַרבע שאלה. זיי האָבן אים דערציילט, אַז ביי זיי אין שטאָט האָבן געוווינט צוויי רייכע סוחרים פון גאָלדוואַרג. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָבן זיי געשלאָסן אַ שותפות און האָבן זיך אַרויסגעלאָזט למרחקים האַנד־לען. זיי זענען אויסגעפאָרן פיל לענדער און זענען אָנגעקומען אין

אַ ווייטן לאַנד, וווּ ס'וווינען בלויז אַראַבער,און אַזוי ווי זיי האָבן נישט געוווּסט וווּהין זיך קערן און ווענדן אינעם פרעמדן און ווייטן לאַנד, האָבן זיי אויסגעזוכט אַן אַראַבער, וואָס פאַרשטייט זייער שפּראַך און האָבן אים געדונגען אַלס וועגווייזער. דער דאָזיקער אַראַבער איז געווען אַ גרויסער שונא־ישראל, און געוויר ווערנדיק, אַז די יידן פאַרמאָגן אַ סך גאָלד, האָט ער אָנגעשטעלט צוויי אַראַבישע שייכן, באַוווּסטע רויבער, און ווען די יידן האָבן זיך געפונען אין וועג, זענען די שייכן אויף זיי אָנגעפאַלן און גענומען געפאַנגען. זיי האָבן ביי זיי צוגענומען אַלעס, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און האָבן זיך אויך איינגעטיילט מיט די יידן אַליין. יעדער שייך האָט גענומען אַ יידן צו זיך אַהיים און האָט אים געגעבן שאָף צו פאַשען. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געפאַשעט די שאָף אין באַזונדערע פעלדער, ווייט איינער פונעם אַנדערן, און פרייטאָג פלעגן זיי פאַשען זייערע שאָף אויף אַ פלאַץ, וווּ די פעלדער פוןביידע שייכן האָבן זיך געגרענעצט. דאָן פלעגן זיי אַריבערקומען איינער צום צווייטן און זיך אויסדערציילן וועגן זייערע איבערלעבענישן אין משך פון דער וואָך. זיי פלעגן אויך דערמאָנען זייערע פאַמיליעס, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים. די ליבע און טייערע נפשות, נאָך וועלכע זיי האָבן שטאַרק געבענקט און פלעגן צוזאַמען באַווייגען און באַקלאָגן זייער ביטערן גורל. אַזוי האָבן זיי אַ גאַנצע וואָך געלעבט אין עלנטקייט און איינזאַמקייט און האָבן מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויפן פרייטאָג, אַז זיי זאָלן זיך קענען ווידער טרעפן.

איין פרייטאָג איז איינער פון די שותפים געקומען מיט זיינע שאָף אויפן באַשטימטן פלאַץ, און צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג האָט ער זיין חבר נישט געטראָפן. ער האָט אים גענומען אַרומזוכן און, צו זיין גרויסער שרעק, האָט ער אים געפונען ליגן צווישן הויכע גראָז געבונדן די הענט און די פיס. ער האָט אים געפרעגט וואָס ס'האָט פאַסירט און יענער האָט מיט צער און ווייטאָג אים דערציילט וועגן גרויסן אומגליק, וואָס ס'האָט אים געטראָפן. ער האָט אים דערציילט, אַז אינעם פעלד, וווּ ער פאַשעט אַ גאַנצע וואָך די שאָף

האָט זיך באַוויזן אַ וואָלף און האָט ביי אים אַוועקגעשלעפּט אַ שע־פעלע. אַז דער שייך איז דערפון געוווּיר געוואָרן, איז ער אַריין אין שרעקלעכן כעס און האָט אים שווער באַשטראָפט און אים גע־וואָרנט, אַז אויב ער וועט ווייטער פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט און וועט צולאָזן דעם וואָלף צו דער טשערעדע, וועט ער אים תיכף טויטן.

צוריק מיט עטלעכע טעג איז דער וואָלף ווידעראַמאָל געקומען און ווידער צוגענומען אַ שעפּעלע. דער שייך איז אַריין אין ווילדער רציחה און האָט אים גלייך געוואָלט הרגענען. נאָר ער איז אים גע־פאַלן צו די פיס און מיט גרויס געוויין און נאָך פיל תחנונים איז אים געלונגען זיך אויסבעטן, און נעכטן איז דער וואָלף נאָכאַמאָל געקומען און ביי אים ווידער צוגענומען אַ שפּעלע. דער שייך האָט גאָר נישט געזאָגט, נאָר ער האָט אים באַלד געבונדן און דאָ אַוועק־געלייגט, און אַז ס׳וועט אָנקומען די נאַכט, וועט ער אים הרגענען.

דער שותף, באַדויערנדיק שטאַרק זיין ביטערן גורל, האָט פאַרגעשלאָגן אים אָפּצובינדן און זיי זאָלן ביידע אַנטלויפן. אָבער דער אומגליקלעכער חבר האָט נישט איינגעשטימט דערצו, ער האָט אָנגעוויזן, אַז דערמיט וועלן זיי שטעלן אין סכנה זייער ביידנס לעבן, ווייל אַנטלויפן וואָלט אפשר געווען מעגלעך ביינאַכט, אָבער בייטאָג וועט זיי דער שייך גרינג כאַפּן און דאַן וועט ער זיי ביידע הרגענען. דערום האָט ער געדאַנקט זיין געטרייען חבר און האָט אים געעצהט, ער זאָל זיך צוריקקערן צו זיינע שאָף. ער האָט אים נאָר געבעטן, אַז ער זאָל זען אים ברענגען צו קבורה, כדי די פויגלען און די הינט זאָלן ניט עסן זיין לייב.

דער שותף איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין אומגליקלעכן חבר און האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און מיט אַ געבראָכע־נעם האַרצן און דערשלאָגענעם געמיט האָט ער זיך מיט אים געזעגנט און צוריקגעקערט צו זיין אַרבעט, און איידער ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער אויסגעגראָבן אַ טיפן גרוב און ווי נאָר ס׳איז גע־

וואָרן שטאַרק פינסטער, האָט ער זיך צוגעשאַרט צום פּלאַץ, ווו ער האָט איבערגעלאָזט ליגן זיין אומגליקלעכן חבר. ער האָט געפונען דעם טויטן קערפּער און האָט אים גענומען און אַוועקגעטראָגן אין גרוב און מקבר געווען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך דעם שותף איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון זיין געפענגעניש און צוריקגעקומען אין זיין שטאָט, און דאָרטן האָט ער דערציילט וועגן דער גאַנצער פּאַסירונג און אויף דעם סמך איז יענעמס ווייב געקומען צו די רבנים, אַז זיי זאָלן איר אַרויסגעבן אַן התר עגונה, אַז זי מעג חתונה האָבן און דאָס האָט פאַרורזאַכט די מחלוקת צווישן רבנים: אייניקע רבנים האַלטן, אַז מען דאַרף איר געבן דעם התר און אַנדערע זענען קעגן. דער שעפּיטאָווקער רב האָט געפרעגט דעם עדות צי ער האָט געזען קלאָר און דייטלעך דאָס פּנים פונעם הרוג, אַז ער זאָל קענען זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דער הרוג איזווירקלעך געווען זיין חבר, און דער עדות האָט געענטפערט, אַז דאָס פּנים האָט ער ניט געזען, ווייל ס'איז געווען שטאַרק פינסטער. ער קען נאָר זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דעם טויטן קערפּער האָט ער געפונען אויפן זעלבן אָרט, ווו ער האָט בייטאָג איבערגעלאָזט ליגן זיין חבר. ער קען אויך באַשטעטיקן אַז דער הרוג האָט געטראָגן די זעלבע קליידער, וואָס זיין חבר. זיין חבר האָט געטראָגן אַ פוטערן פּעלצל און אַ פּאָר לאַנגע שטיוול און טראָגנדיק דעם טויטן קערפּער מקבר זיין, האָט ער אויך אָנגעטאָפּט דעם בגד מיט די שטיוול. אָבער דער שעפּיטאָווקער רב האָט געפּסקענט, אַז אויב דער עדות האָט נישט געזען דאָס פּנים פונעם געהרגעטן, אַז ער זאָל קענען זאָגן באַשטימט, אַז ער, דער געהרגעטער, איז געווען זיין חבר, טאָר מען דער עגונה קיין התר נישט געבן. אייניקע רבנים האָבן אַפילו געהאַט אין האַרצן תרעומות אויפן שעפּיטאָווקער רב, אָבער זיי האָבן נישט געוואגט צו זאָגן אַנדערש ווי ער האָט געפּסקנט.

דעם זעלבן אָוונט, ווען דער שעפּיטאָווקער רב האָט אַרויסגע־

געבן דעם פסק, איז אַנגעקומען אין שטאָט אויך דער צווייטער שותף, דער מאַן פון דער עגונה. ער האָט דערציילט, אַז נאָכדעם ווי זיין שותף האָט אים איבערגעלאָזט און ער איז געבליבן ליגן אַליין אין פעלד, האָט ער גענומען זיך גוט אַריינטראַכטן אין זיין לאַגע, און איינזעענדיק אַז קיין רעטונג איז פאַר אים נישטאָ, האָט ער ער זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צום טויט און גענומען זאָגן ודוי. אין דעם האָט ער דערהערט טריט פון אַ מענטשן. ער האָט גע־רעכנט, אַז דאָס גייט שוין דער שייך אים הרגנען, אָבער געווען איז דאָס דער אַראַבער, זייער געוועזענער וועגווייזער, וואָס האָט זיי איבערגעגעבן צו די רויבער אין די הענט. דער דאָזיקער אַראַ־בער האָט ליב געהאַט דעם שייכס טאָכטער און האָט שוין געזאָלט חתונה האָבן מיט איר, אָבער דער שייך איז געווען קעגן און האָט נישט געלאָזט. ער האָט אים אויך פאַרטריבן פון זיין שטוב און האָט פאַרזאָגט זיין טאָכטער, אַז זי זאָל זיך מיט אים מער נישט באַגעגענען און ווייל זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט, פלעגן זיי זיך טרעפן בגנבה אויף אַ באַשטימטן אָרט אין פעלד, און גייענדיק זיך זען מיט זיין געליבטער, האָט ער אים געפונען ליגן אין זיין קלעגלעכער לאַגע. דער אַראַבער האָט אים געפרעגט וואָס עס איז מיט אים געשען, און וויסנדיק אַז ר'איז שולדיק אין זיין גרויסן אומגליק, האָט ער געוואָרפן אויף אים אַ בליק פול מיט האַס און פאַראַכטונג. אָבער באַלד איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק און האָט אים דערציילט אַזאַ מעשה: אַז זיין האַר, דער שייך, האָט אים אָנ־געבאָטן, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער, מיט זיין גע־ליבטער, נאָר ער, אַלס ייד, קען ביי זיך נישט פועלן חתונה האָבן מיט נישט קיין יידישער פרוי און האָט דעם אָנבאָט אָפּגעוואָרפן, אָבער דער שייך האָט באַשלאָסן אים צווינגען חתונה האָבן מיט זיין טאָכטער. האָט ער אים געבונדן און ביינאַכט וועט ער אים בעל־כרחו אַוועקפירן אין זייער הייליקן טעמפּל און דאָרטן וועט מען קעגן זיין ווילן דורכפירן די חתונה־צערעמאָניע.

דער אַראַבער, הערנדיק, אַז דער שייך וויל נעמען זיין געליב־

טע און חתונה מאַכן פאַרן יידן, האָבן זיך אים אָנגעצונדן אַלע בלוטן, אָבער באַלד האָט ער זיך באַרואיקט און האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן, וואָס זאָל זיין גוט פאַר זיי ביידן: ער וועט אים אָפּבינדן און זיי וועלן זיך בייטן מיט זייערע קליידער, דערנאָך וועט דער ייד בינדן דעם אַראַבער מיט די זעלבע שטריק און אים אַוועקלייגן טאַקע אויפן זעלבן אָרט, ווו ער ליגט, און אַז דער שייך וועט קו־מען ביינאַכט וועט ער אים אין דער פינסטער נישט דערקענען, ער וועט אים אַוועקטראָגן אין טעמפּל און דאָרטן וועט ער מקדש זיין זיין געליבטע און דערפאַר גיט ער אים אָפּ דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט ביי זיך און וועט אים אויך אָנווייזן אַ וועג ווי אַרום ער זאָל קענען אַנטלויפן. ער, דער ייד, האָט איינגעשטימט און געטאָן ווי דער אַראַבער האָט פאָרגעשלאָגן און איבערטוענדיק זיך אין זיינע קליידער, איז ער אַנטלאָפן אויפן וועג, וואָס דער אַראַבער האָט אים אָנגעוויזן, און איז געקומען בשלום אַהיים.

דאַן האָבן די רבנים באַגריפן די טיפע חכמה און גרויסע לומ־דות פונעם שעפּיטאָווקער רב און האָבן געלויבט השי״ת פאַרן גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן און האָט זיי פאַרהיט פון אַ שווערן מכשול.

דער בערדיטשעווער רב ר׳ לוי יצחק ז״ל

ווען דער בערדיטשעווער רב ר׳ לוי יצחק ז״ל איז געבוירן געוואָרן, האָט דער בעל-שם הקדוש צונויפגערופן זיינע חסידים און מקורבים און זיי געטיילט לעקעך און בראָנפן, מעלדנדיק זיי די גוטע בשורה, אַז אַ גרויסע נשמה איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, וואָס וועט זיין אַ מליץ יושר פאַרן כלל ישראל.

יודעי חן האָבן געזאָגט אויפן בערדיטשעווער רב, אַז ער באַ־זיצט די נשמה פון רבי עקיבא׳ן. ווייל פונקט ווי רבי עקיבא האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הייליקייט, דבקות אין השי״ת, און באַזונדער מיט זיין שטאַרקער ליבע צום פאָלק ישראל.

דער בערדיטשעווער רב רעכנט זיך פאַרן גרעסטן מליץ יושר אויף יידן פון אַלע דורות און פון אַלע תקופות. ער האָט זיי שטענ־דיק דן געווען לכף זכות. ער האָט שטענדיק באַרעכטיקט זייערע מעשים און טאָטן ווי שלעכט זיי זאָלן ניט געווען זיין און אפילו אין זייערע פשעים און עוונות האָט ער בלויז געזען צדקות און זכיות.

דער בערדיטשעווער רב איז אַמאָל דורכגעגאַנגען און געזען, אַז אַ בעל-עגלה שטייט אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און שמירט דעם וואָגן, האָט ער זיך אָנגערופן: זע, רבונו של עולם, וואָס אַ

יידישע נשמה איז, אַפילו אין מיטן שמירן דעם וואָגן דאַוונט ער אויך.

דער בערדיטשעווער רב איז אַמאָל פֿאַרפֿאָרן מיט זיינעם אַ תלמיד אין אַן אכסניה אויף נעכטיקן. דאָרטן האָבן אויך גענעכ־טיקט יידן סוחרים, וועלכע זענען געפֿאָרן אויף אַ יאַריד אין אַ נאָענטער שטאָט. גאַנץ פֿרי זענען די סוחרים אויפֿגעשטאַנען, האָבן אויף גיך אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען און זיך געלאָזט פֿאָרן אויפֿן יאַריד. דער תלמיד האָט געמאַכט אויפֿמערקזאַם דעם בער־דיטשעווער רב, אַז די סוחרים האָבן אַזוי שנעל אָפּגעכאַפּט דאָס דאַוונען, אַז ער האָט בשום אופן ניט געקענט פֿאַרשטיין וואָס זיי זאָגן. דער בערדיטשעווער רב האָט אים אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און צוגעפֿירט צו אַ וויגעלע אין וועלכן ס׳איז געלעגן אַ קליין קינד און האָט געמורקעט און האָט אים געפֿרעגט צי ער פֿאַר־שטייט וואָס דאָס קינד זאָגט? דער תלמיד האָט געענטפֿערט, אַז ער פֿאַרשטייט ניט און דער בערדיטשעווער רב האָט צוגעגעבן, אַז ער פֿאַרשטייט אויך ניט וואָס דאָס קינד רעדט, אָבער דער פֿאָטער און מוטער פֿאַרשטייען יאָ, וואָס זייער קינד מיינט. דאָס זעלבע איז אויך מיט די סוחרים: ער, דער תלמיד האָט ניט פֿאַר־שטאַנען וואָס זיי האָבן געדאַוונט, אָבער דער רבונו של עולם, וואָס איז אַן אָב רחום וחנון האָט גוט פֿאַרשטאַנען וואָס זיינע קינדער האָבן געמיינט. דער תלמיד האָט גענומען אין אַכט די הייליקע ווערטער און מהיום והלאה האָט ער שוין קיינמאָל ניט גערעדט שלעכטס אויף יידן.

דער בערדיטשעווער רב האָט זיך אַמאָל אויפֿגעכאַפּט ביי־נאַכט. ער האָט גענומען אַ פֿלאַש בראָנפֿן און זיך געלאָזט גיין צום קהלשן שטיבל, ווו ס׳האָבן גענעכטיקט אָרעמע יידישע וואַנ־דערער. ר׳איז צוגעקומען צו אַן אָרעמאַן, ער האָט אים אויפֿגע־וועקט און אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראָנפֿן און אים דערלאַנגט אַז ר׳זאָל טרינקען. דער אָרעמאַן האָט געקוקט מיט גרויס זשעדנע־

קייט אויפן גלעזל בראַנפן אָבער ער האָט זיך צו דעם ניט צוגע־רירט. דער בערדיטשעווער רב האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס ער טרינקט ניט דעם בראַנפן און דער אָרעמאַן האָט געענטפערט, אַז ער האָט ניט קיין וואַסער אויף זיך וואַשן די הענט און אומגע־וואַשן די הענט קען ער ניט מאַכן קיין ברכה און אָן קיין ברכה קען ער ניט טרינקען דעם בראַנפן. דער בערדיטשעווער רב האָט אים איבערגעלאָזט און איז צוגעקומען צו אַ שענקל ווו ס'האָבן זיך געוואַלגערט שיכורע ערלים. ער איז צוגעגאַנגען צו אַן ערל און האָט אים דערלאַנגט אַ גלעזל בראַנפן. דער ערל האָט גלייך א כאַפּ געטאָן דאָס גלעזל בראַנפן און האָט עס אויף גיך אויסגע־ליידיקט און דער בערדיטשעווער רב האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגערופן: זע, רבונו של עולם, דעם אונטער־שייד צווישן דעם יידן און דעם ערל.

דער בערדיטשעווער רב איז אַמאָל אַריינגעלאָפן פסח אין שול און האָט אויפגעפאָדערט דעם עולם יידן, אַז זיי זאָלן אים באַלד ברענגען צוויי ברויט. דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוווּנדערונג און האָט בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן וואָס ער מיינט. אָבער דער רב איז צו זיי שטאַרק צוגעשטאַנען און האָט פאַרלאַנגט אַז זיי זאָלן אים אָן שום תירוץ גלייך ברענ־גען צוויי ברויט. אייגזעענדיק, אַז ער מיינט עס ערנסט זענען צו־געקומען די ראשי הקהל און אים דערקלערט, אַז ס'איז אוממעג־לעך צו דערפילן זיין פאַרלאַנג, ווייל צוליב דעם איסור חמץ גע־פינט זיך ניט קיין ברעקל ברויט אין זייערע הייזער אפילו אויף אַ רפואה. דאַן האָט דער רב באַפוילן, אַז מ'זאָל אים ברענגען טערקישן טאַבאַק, וועלכן מען שמוגלט בגנבה אַריין פון יענער זייט גרעניץ. ס'האָט קיין סך ניט געדויערט און מ'האָט אים גע־בראַכט עטלעכע זעק טערקישן טאַבאַק און דער בערדיטשעווער רב האָט זיך געווענדט צום רבונו של עולם און געזאָגט: „זע, וואָס דיינע יידן זענען, דאָס מלכות האָט אַוועקגעשטעלט מיליטער

ביי דער גרענעץ, ס׳זאָל היטן, אַז מ׳זאָל ניט אַריינשמוגלען קיין טערקישן טאַבאַק און האָט אָנגעשטעלט פּאָליציי אין שטאָט, אַז זי זאָל אַכטונג געבן, אַז מ׳זאָל ניט פאַרקויפן טערקישן טאַבאַק און נאָך אַלעמען ווערט דער געבאָט ניט אָפּגעהיט — און דו, רבונו של עולם, האָסט ניט, ניט קיין מיליטער און ניט קיין פּאָליציי, דו האָסט בלויז פאַרזאָגט אין דיין תורה: „ולא יראה לך חמץ" און ווי אַזוי היטן אָפּ יידן דעם געבאָט?

איינמאָל פאַר „כל נדרי" איז דער בערדיטשעווער רב צוגעגאַנגען צום אָרון קודש און האָט אים אויפגעעפנט און געזאָגט: רבונו של עולם, דו האָסט געגעבן דעם ניינטן תשרי דעם ערב יום כפור אויף עסן און אויף טרינקען. גיב זשע אַ קוק צי האָט זיך איין ייד אָנגעשיכורט, אַז ר׳זאָל זיך איצט וואַלגערן איבער די גאַסן און צי ס׳האָט זיך איין ייד איבערגעגעסן, אַז ר׳זאָל געווען מוזן בלייבן ליגן אין דער היים. ניין, אַלע יידן געפינען זיך איצט אין די שולן און אין בתי מדרשים און בעטן דיך, אַז דו זאָלסט זיי מוחל זיין די זינד, גיב־זשע זיי אַ מחילה וסליחה און אַ שנת ברכה והצלחה און אַז ס׳איז געקומען צו דער תפלה: ויאמר ה׳ סלחתי כדבריך האָט זיך דער בערדיטשעווער געווענדט צום הימל און געזאָגט: רב"שע, דיינע יידן זענען שוין מיד און אויסגעמאַטערט מאימת יום הדין און האָבן קיין כוח ניט צו זאָגן די דאָזיקע תפלה. זאָג, דו, פאַר זיי: „סלחתי כדבריך"! — און איינמאָל צו נעילה האָט זיך דער בערדיטשעווער רב צוליאַרעמט: אויב דער רבונו של עולם, וועט מוחל זיין די יידן זייערע זינד איז גוט און אויב ניט, וועט ער אויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער, כביכול, דאַוונט אין פסולדיקע תפילין, ווייל אין תלמוד ווערט געבראַכט, „אַז אין די תפילין פון כביכול שטייט געשריבן, „ומי כעמך ישראל גוי אחד" און אַז די יידן זענען זינדיק זענען זיי ניט קיין גוי אחד.

דער בערדיטשעווער רב האָט אַמאָל אָפּגעשטעלט אַ באַוווסטן

עברהניק וואָס האָט עובר געווען על כל התורה כלה און האָט אים געזאָגט, אַז ר׳איז אים מקנא ווייל ווען ער זאָל נאָר וועלן האָט ער די מעגלעכקייט צו האָבן מער מצוות פון אים. דער בעל־עברהניק האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט און האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און דער רב האָט אים דערקלערט, אַז אין תלמוד ווערט געבראַכט, אַז אַ בעל־תשובהניק ווערט פאַררעכנט די עברות פאַר מצוות און אַזוי ווי ער האָט זייער אַ סך עברות איז ווען ער טוט תשובה וואָלטן אַלע זיינע עברות פאַררעכנט געוואָרן פאַר מצוות, וואָלט ער געהאַט מער מצוות פונעם בערדיטשעווער רב. די ווערטער האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן בעל־עברהניק און ער האָט תשובה געטאָן.

דער בערדיטשעווער רב איז אַמאָל אָנגעקומען אין אַ דאָרף וווּ מ׳האָט אים ניט געקענט און איז פאַרפאָרן צו אַ יידישן קצב אויף נעכטיקן. דער קצב, דערזעענדיק אַן אָרטאָדאָקסישן יידן האָט אים געפרעגט צי ר׳איז אַ שוחט און צי ער וועט אים שעכטן אַ קעלבל. דער רב האָט געענטפערט, אַז יאָ, אָבער פאַר אַלעמען זאָל ער אים געבן אַ גמילות חסד צען רובל אויף אַ פּאָר טעג, ווייל ער דאַרף נויטיק האָבן. דער קצב האָט זיך אַנטשולדיקט און דערקלערט, אַזוי ווי ער קען אים ניט, ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל קען ער ניט באַפרידיקן זיין ביטע. און דער בערדיטשעווער רב האָט זיך אָנגערופן: צען רובל געטרויען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן האָט מען מורא און שחיטה, וואָס קען חלילה ברענגען צו אכילת טרפה ר״ל האָט מען קיין מורא ניט צו געטרויען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן. דער קצב האָט גענומען אין אַכט די דאָזיקע הייליקע ווערטער און האָט שוין שטענדיק מקפיד געווען צו שחטן נאָר ביי אַ שוחט בדוק ומנוסה.

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער און זיין נצחון

ווען ר׳ לוי יצחק איז אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו און האָט אָנגעהויבן פּראַווען מגידות און גוט יידישקייט האָט ער אַרויס־גערופן קעגן זיך זייער אַ סך קעגנער. איבערהויפּט איז געווען גרויס די צאָל פון זיינע קעגנער צווישן די חסידים וועלכע האָבן פריער געהערט צום הייליקן מגיד ר׳ ליבער ז״ל. זיי, די חסידים, האָבן געהאַלטן, אַז ער, ר׳ לוי יצחק, איז ניט גענוג צוגעגרייט אין ש״ס און פוסקים. אַז ער איז ניט גענוג באַהאַוונט אין חסידות און אין קבלה און איז ניט ראוי צו זיין דער ממלא מקום פון זייער גרויסן רבין. דערפאַר האָבן זיי זיך באַצויגן צו אים מיט בטול און ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן זייער גרינג־שעצונג צו אים און אים געזוכט צו באַליידיקן און דערנידעריקן.

ר׳ לוי יצחק האָט דאָס אַלעס געפילט און פאַרשטאַנען און האָט אויף זיי קיין תרעומות ניט געהאַט. פאַרקערט, זייענדיק פון דער נאַטור אַן אמתער אוהב ישראל און גרויסער מליץ יושר פאַר יידן, איז ער נאָך געווען אַ מצדד בזכותם, און האָט באַרעכטיקט זייער האַנדלונג לגבי אים דערקלערנדיק, אַז זייער קעגנערשאַפט צו אים נעמט זיך דערפון, וואָס זיי שאַצן ווי געהעריק אָפּ די גרויסקייט פון זייער הייליקן רבין, וועלכער איז באמת געווען אַ געטלעכער מענטש, און אַ מוכתר במעלות ובמידות טובות, אַ

גאון אין ש״ס און פוסקים און אַ טיפער קענער אין חסידות און אין קבלה. דערפאַר קענען זיי ביי זיך ניט פועלן, אַז אַזאַ איינ־פאַכער בן אדם ווי ער, ר׳ לוי יצחק איז, זאָל פאַרנעמען זיין שטול. דעריבער האָט ער אָנגענומען פאַר ליב אַלע זייערע רדיפות און האָט געליטן און געשוויגן און בלויז איין מאָל ווען זיי האָבן אים שוין אַזוי שטאַרק דערקוטשעט, אַז ער האָט שוין מער ניט גע־קענט איבערטראָגן, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און געזאָגט, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג און אַלע וועלן זען און זיך איבערצייגן, אַז מן השמים האָט מען אים געשיקט קיין בערדיטשעוו, אַז ער זאָל פאַרנעמען ר׳ ליבערס פלאַץ און טאַקע מיט דער הסכמה פון ר׳ ליבער ז״ל בכבודו ובעצמו. און דער טאָג איז גיך געקומען.

איינמאָל אין אַ פאַרוואָלקנטן האַרבסט פרימאָרגן האָט ר׳ לוי־יצחק צונויפגערופן זיינע חסידים און מקורבים און האָט פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אים פירן אין ר׳ ליבערס בית המרחץ, ווייל ער וויל האָבן טבילה אין זיין מקוה. די חסידים האָבן אים דערקלערט, אַז אַזאַ זאַך איז אוממעגלעך, זיי האָבן אים דערציילט, אַז ר׳ ליבער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין אויפגעבויעטן בית־מרחץ. זיין בית־מרחץ איז באַשטאַנען בלויז פון אַ דאַך, וועלכער איז געווען אָנגעשפאַרט אויף פיר הילצערנע זיילן. דאָרטן איז געווען זיין מקוה. ווינטער צייט פלעגט זי פאַרפרוירן ווערן און אַז ר׳ ליבער האָט באַדאַרפט טבילה האָבן האָט מען געמוזט אַפריער אויסהאַקן דאָס אייז און נאָכהער האָט ער זיך געטובלט. אַ טאָג נאָך זיין פטירה איז אָנגעקומען אַ שרעקלעכער שטורעם און האָט אַראָפגעריסן דעם דאַך, אומגעוואָרפן די זיילן און פאַר־שאָטן די מקוה און איצט איז שוין פונעם בית מרחץ זיין זכר ניט געבליבן. פאַר דער צייט האָט זיך אויף דעם אָרט צונויפגע־זאַמלט אַ בערגל פון שטיינער און מיסט.

ר׳ לוי יצחק האָט קאַלטבלוטיק און רואיק אויסגעהערט די דערציילונג און האָט דערקלערט, אַז ער נעמט ניט אָן קיינע

תירוצים. ער האָט שטרענג באַפוילן די ראשי הקהל, אַז זיי זאָלן זען וואָס שנעלער אויפגראָבן און אויסרייניקן די מקוה, ווייל ער מוז אומבאַדינגט האָבן טבילה אין ר׳ ליבערס מקוה. איינזעענדיק זיין איינגעשפאַרטקייט און עקשנות האָבן די ראשי הקהל ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר אויסצופאָלגן זיין באַפעל. זיי האָבן באַשטעלט פויערים, אַז זיי זאָלן אויפגראָבן די מקוה. די פויערים האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג. זיי האָבן שווער און מיזאַם אָפּגעאַרבעט אַ וואָך צייט, אָבער אָן שום רעזולטאַט. זיי האָבן אויסגעגראָבן בלויז שטיינער און בלאָטע, און קיין וואַסער האָט זיך ניט באַוויזן.

ר׳ ליבערס חסידים האָבן געקראָגן אַ נייע מעגלעכקייט צו קענען שפּעטן און חוזק פון אים, און אייניקע פון זיי האָבן גע־פּרוווט אַפילו אָנפאַלן און באַליידיקן אים עפנטלעך אויסדריקנדיק זיך בפני קהלה ועדה, אַז מן השמים דערלאָזט מען ניט, אַז ער זאָל זיך טובלען אין דער מקוה פון זייער גרויסן רבין.

זעענדיק, אַז די פויערים קענען גאָר ניט אויפטאָן, האָט ר׳ לוי־יצחק איינגעלאַדן דעם עולם, אַז זיי זאָלן קומען אויפן צווייטן טאָג ווען זיי וועלן זען ווי ער וועט האָבן טבילה אין ר׳ ליבערס מקוה.

אויפן צווייטן טאָג איז זיך צונויפגעקומען אַ גרויסער עולם וועלכער איז געווען זייער נייגעריק צו זען וואָס ס׳וועט פּאַרקו־מען. באַזונדערס איז געווען גרויס די צאָל פון ר׳ ליבערס חסידים וועלכע האָבן גערעכנט, אַז זיי וועלן קענען נאָך אַמאָל פאַרשע־מען ר׳ לוי יצחקן און אים דערנידעריקן. ר׳ לוי יצחק איז צוגע־גאַנגען צום גרויסן עולם און האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן צוויי זקנים קראַנקע און שוואַכע, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף זייערע פיס און האָט זיי געגעבן צוויי לאָפּעטעס און האָט זיי באַ־פוילן גיין און אויפגראָבן די מקוה.

די צוויי זקנים האָבן מיט זייערע ציטערדיקע הענט אָנגעהו־

מען די לאָפּעטעס, וועלכע זענען שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון די הענט און מיט וואַקלדיקע טריט האָבן זיי זיך צוגעשלעפּט צום באַשטימטן אָרט און ווי נאָר זיי האָבן אָנגערירט מיט די לאָפּע־טעס די ערד האָט זיך באַלד באַוויזן וואַסער. דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוווּנדערונג. ר׳ לוי יצחק האָט געהייסן אויפהערן גראָבן און האָט זיך אויסגעטאָן און איז אַריין אין מקוה. אָבער דאָס וואַסער איז געווען זייער ווייניק און האָט קוים גע־קלעקט אויף צוצודעקן די פינגער פון זיינע פיס און דאָ איז גע־שען דער צווייטער ווונדער. דאָס וואַסער האָט זיך פּלוצלינג אַ הויב געטון און דערגרייכט אים ביזקל דעם האַלדז. דער גאַנצער עולם איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ געטלעכער שטילקייט און איז באַהערשט געוואָרן פון אַ הייליקער שרעק.

ר׳ לוי יצחק האָט זיך געווענדט צום עולם און האָט גע־פרעגט, אויב עמיצער פון זיי געדענקט ר׳ ליבערן ווען ר׳איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן אין די צוואַנציקער יאָרן. דער עולם האָט געענטפערט, אַז קיינער פון זיי געדענקט ניט. אַן עלטערער חסיד איז צוגעגאַנגען צו ר׳ לוי יצחקן און האָט דערציילט, אַז אין עק שטאָט שטייט אַ הייזקע און דאָרטן וואוינט אַ ייד אַ זקן, וועלכער געדענקט ר׳ ליבערן, ווען ר׳איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. ר׳ לוי יצחק האָט אים געשיקט רופן, אָבער דער זקן האָט גע־טענהט, אַז פאַר אים, דעם עלטסטן חסיד און מקורב פון ר׳ לי־בערן איז אַ פּחיתת הכבוד, אַז ער זאָל גיין צו ר׳ לוי יצחקן. נאָר אַז מ׳האָט אים דערציילט וועגן די גרויסע מופתים וואָס ר׳ לוי יצחק האָט נאָר וואָס באַוויזן, איז אויף אים געפאַלן אַ פּחד און א שרעק, און ר׳איז געגאַנגען.

ר׳ לוי יצחק האָט געפרעגט דעם זקן וויפל ר׳איז אַלט. דער זקן האָט געענטפערט, אַז ר׳איז אַלט הונדערט זעכצן יאָר און ווען ר׳ ליבער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן, האָט ער שוין גע־דאַוונט ביי אים אין שול. ר׳ לוי יצחק האָט אים געפרעגט, אויב

ער געדענקט, וואָס עס האָט אַמאָל, אַן ערב שבת פּאַסירט ביי ר׳ ליבערן אין שול, און דער זקן האָט געענטפערט, אַז ער געדענקט עס זייער גוט, פּונקט ווי ס׳זאָל נעכטן געווען פּאַרקומען, כאָטש זינט דער פּאַסירונג איז שוין פאַריבער פינף און זיבעציק יאָר. ר׳ ליבער האָט דאַן צוגענומען אין שול אַ נייעם שמש. די פריער־דיקע שמשים פלעגן אויסרייניקן די הענגלייכטער בלויז אויף אַ יום טוב און ער פלעגט אויסרייניקן די הענגלייכטער אויף אַלע שבת. מיטוואָך פלעגט ער אָנהויבן און פרייטאָג פאַרענדיקן. דער עולם האָט גערעכנט, אז ס׳איז דערפאַר וואָס ר׳איז געווען שטארק זהיר אין קדושת יום השבת. און איינמאָל, אַ פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען דער עולם איז זיך צונויפגעקומען צו קבלת שבת האָט מען אים געטראָפן אַרומגעבונדן מיט זיין גאַרטל הענגען אויפן גרויסן הענגלייכטער, און ר׳ לוי יצחק האָט צוגעגעבן, אַז די גאַנצע צייט בלאָנקעט אַרום זיין נשמה אויפן עולם התוהו און קען צו איר רו ניט קומען. ר׳ ליבער האָט זיך שוין פיל מאָל באַמיט און מתפלל געווען אויסצופועלן אַ תיקון פאַר איר און ס׳האָט ניט געהאָלפן. און לעצטנס האָט זיך ר׳ ליבער געווענדט צו אים, צו ר׳ לוי יצחקן, אַזוי ווי ער שמט אין די עולמות העליונים אַלס גרויסער מליץ יושר פאַר יידן, זאָל ער אים העלפן אַרויסצובאַקו־מען אַ תיקון פאַר דער אומגליקלעכער נשמה און נאָך פיל באַ־מיאונגען איז זיי געלונגען אויסצופועלן אַ תיקון פאַר איר. איבער דעם האָט ער באַדאַרפט האָבן ר׳ ליבערס מקוה, כדי זיין נשמה זאָל האָבן טבילה, און זאָל זיך קענען אומקערן צו איר אייביקער רו.

דער עולם האָט מיט שרעק און ציטערניש אויסגעהערט די הייליקע רייד. זיי האָבן געזען בחוש די גרויסקייט פון ר׳ לוי יצחקן. זיינע מתנגדים זיינען אים געפאַלן צו די פיס און אים געבעטן, אז ער זאָל זיי מוחל זיין פאַרן צער וואָס זיי האָבן אים גורם געווען און זענען געוואָרן זיינע אָנהענגער און פאַרערער.

דער בערדיטשעווער רב אין גיהנום

דער בערדיטשעווער רב ר׳ לוי־יצחק ז״ל האָט שטאַרק מקנא געווען דעם געטלעכן צדיק ר׳ אורי פון סטרעליסק, וועמען מ׳פלעגט פרייטאָג, ערב שבת, נאָך האַלבן טאָג איבערגעבן די שליסלען פון גיהנום און ביזקל ער האָט נישט געמאַכט הבדלה איז דער גיהנום געווען געשלאָסן און די פאַרמשפּטע אין גיהנום זענען דערווייל געווען פריי און האָבן זיך אויסגערוט פון די שרעקלעכע ליידן און עינויים קשים, וואָס זיי האָבן געליטען און אויסגעשטאַנען אין משך פון דער וואָך, און מיט אַ באַזונדער הנאה האָבן זיי זיך געוואַלגערט און געקאַטשעט אויף די בערג פון שניי און האָבן אָפּגעקילט זייערע ברענענדיקע וווּנדן, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די פייערדיקע ריטער. ער פלעגט זאָגן, ווען ער זאָל האָבן די זכיה און מ׳זאָל אים איבערגעבן די שליס־לען פון גהינום, אַז ער זאָל זיי האַלטן ביי זיך ביז נאָך הבדלה, וואָלט ער ערשט געמאַכט הבדלה דאָנערשטיק, אויפן פרייעסטן מיטוואָך, כדי די פאַרמשפּטע אין גיהנום זאָלן האָבן מער צייט אויף צו רוען און ווייניקער צייט אויכ ליידן און געפּייניקט ווערן.

אין אַלגעמיין האָט דער בערדיטשעווער רב געהאַט פיל תר־עומות אויפן גיהנום און האָט געהאַט גרויסע טענות צום בורא־עולם, נאָך וואָס ער האָט אים באַשאַפן; ער האָט געהאַלטן, אַז דער גיהנום ברענגט נישט קיין נוצן און ער האָט נישט קיין

זכות־הקיום: ער פלעגט זאָגן, אַז דער גיהנום פאַרשאַפט נאָר די מענטשן גרויסע יסורים און שרעקלעכע שמערצן, אָבער ער האָט נאָך קיין איין זינדיקן נישט אויגעבעסערט: ער האָט געטענהט, אַז מיט שלעכטן טוט מען קיינמאָל גאָר נישט אויף. מיט גוטן מאַכט מען שטענדיק בעסער און אויב מען וויל — האָט ער געזאָגט, — אַז די זינדיקע מענטשן זאָלן פאַרלאָזן זייער שלעכטן וועג, זאָל מען זיי אָנשטאָט אין גיהנום, שיקן אין גן־עדן, וועט דאָס זיין פאַר זיי דער גרעסטער עונש, זיי וועלן זען, אַז פאַר שלעכטע מעשים צאָלט מען זיי מיט גוטן, וועלן זיי זיך שעמען און מער ניט טאָן קיין עבירות, זיי וועלן חרטה האָבן אויף זייערע זינד און תשובה טאָן מיטן גאַנצן האַרצן.

אַזוי האָט דער בערדיטשעווער רב כל־ימיו דן געווען דעם גיהנום לכף חובה און האָט אָנגעוויזן, אַז די וועלט וואָלט אויס־געזען פיל שענער און בעסער און וואָלט געווען אָרנטלעכער און יושרדיקער, ווען דער גיהנום זאָל נישט זיין.

און ווען דער בערדיטשעווער רב איז נסתלק געוואָרן, איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין די הימלען. בליץ שנעל האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע שבעה רקיעים די ידיעה, אַז ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער איז נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה און אַלע נשמות פון די גרעסטע צדיקים און הייליקע מקובלים האָבן זיך פאַרזאַמלט און זיינען אַרויסגעגאַנגען אים אַקעגן מקבל פּנים זיין און ברוב פאר והדר, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גרויסן און הייליקן צדיק ווי דער בערדיטשעווער רב, האָבן זיי אים געבראַכט פאַרן כסא־הכבוד, און גלייך זענען געקומען צופליען מלכים מיט ווייסע פליגלען, סנגורס און יעדער איינער האָט אויסגערעכנט אַ לאַנגן צעטל מיט מצוות און צדקות, וואָס דער בערדיטשעווער רב האָט געטאָן. זיי האָבן אויך אויסגערעכנט אַלע שיינע מידות און גוטע זיטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז באַזונדער האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט דער מידה פון אהבת

ישראל און זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, איז נאָך אין קיין שום דור נישט געווען אַזאַ גרויסער אוהב ישראל, ווי דער בערדיטשעווער רב.

דער בית־דין של מעלה האָט געפרעגט, צי ס׳איז פאַרן אַ מלאך אַ קטגור, וואָס זאָל אָנווייזן עפּעס א חטא אויפן בערדיטשע־ווער רב, אָדער ער זאָל אויפהויבן קעגן אים וועלכן ס׳ניט איז קטרוג. אָבער אַזאַ מלאך האָט זיך נישט געפונען און דער בית־דין של מעלה האָט געפסקנט, אַז ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער איז מוכן ומזומן לחיי העולם הבא און האָט גלייך באַפוילן, אַז צוויי מלאכים זאָל אים אַוועקפירן אין גן־עדן, ווו ס׳זענען שוין צוגעג־רייט געוואָרן פאַר אים אַ שטול און אַ גאָלדענע קרוין צווישן די גרעסטע צדיקים, וועלכע זיצן אָנגעטאָן די קרוינען אויף די קעפ און האָבן הנאה מזיו השכינה.

דער בערדיטשעווער רב האָט געבעטן, אַז איידער מ׳פירט אים אַוועק אין גן־עדן, זאָל מען אים געבן רשות צו באַזוכן דעם גיהנום, ווייל ר׳איז זייער נייגעריק אָנצוקוקן און זען ווי אַזוי מ׳איז זיך דאָרטן נוהג מיט די פאַרמשפּטע און ווי אַזוי מען באַ־שטראָפט זיי און אַזוי ווי די חז״ל האָבן געזאָגט, אַז רצונו של אָדם זהו כבודו, האָט דער בית־דין של מעלה געהייסן, אַז מ׳זאָל גלייך טאָן זיין רצון און צוויי מלאכים האָבן אים גענומען און אַריינגעפירט אין גיהנום.

דער בערדיטשעווער רב איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדו־רי־גיהנום און מיט צער און מיט ווייטאָג האָט ער זיך צוגעקוקט און געזען ווי אַזוי מ׳פייניקט שוידערלעך און אכזריותדיק די אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, און האָט שטאַרק באַדויערט זייער גורל. ער האָט זיך מצער געווען מיט זייער צער, געוויינט מיט זייער ווייטאָג און געזוכט זיי באַהילפיק זיין מיט אַלע מעגלעכקייטן, כדי צו פאַרגרינגערן זיי־ערע ליידן און שמערצן, און ווען די מלאכים, זיינע באַגלייטער, האָבן

אים געמאכט אויפמערקזאם, אַז ס׳איז שוין צייט צו פאַרלאָזן דעם גיהנום, און גיין אין גן־עדן, האָט ער זיי געענטפערט קלאָר און דייטלעך, אַז ער וועט אַרויסגיין פון דאַנען נאָר דאַן, ווען מ׳וועט מיט אים צוזאַמען אויך אַרויסלאָזן די אַלע אומגליקלעכע מענט־שן. די געפּלאָגטע און געפּייניקטע, וועלכע זענען דאָ פאַרשפּאַרט. אָן זיי וועט ער בשום אופן דעם גיהנום נישט פאַרלאָזן.

די מלאכים האָבן אים דערקלערט, אַז די זאַך, וואָס ער פאַר־לאַנגט, איז אוממעגלעך צו דערפילן, ווייל באַפרייען די אַלע רשעים און זינדיקע פון גיהנום הייסט מבטל מאַכן דעם דין פון שכר ועונש און מבטל מאַכן דעם דין פון שכר ועונש קען ברענגען די איינוווינער פון דער וועלט צו אַ טעות, אַז זיי זאָלן מיינען, אַז ס׳איז לית דין ולית דיין. אָבער דער בערדיטשעווער רב האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין באַשלוס און געטענהט, אַז כל זמן מ׳וועט נישט באַפרייען די אַלע אומגליקלעכע מענטשן, וועט ער פון גיהנום נישט אַרויסגיין. ער האָט אָנגעוויזן, אַז לויט די רייד פון די חז״ל זענען גאָר קיין זינדיקע מענטשן אויף דער וועלט נישטאָ. ס׳זענען פאַראַנען בלויז זינד און זאָל נאָר דער רבונו של עולם אויסראָטן די זינד, וועלן מענטשן מער נישט זיין קיין זינדיקע און מען וועט שוין מער נישט דאַרפן האָבן קיין גיהנום. און ער האָט צוגעגעבן, אַז אים איז ליבער בלייבן אין גיהנום און ליידן צוזאַמען מיט די ליידנדע און געפּייניקטע, איידער זיצן און פאַרברענגען אין גן־עדן.

חסידים דערציילן, אַז דער דאָזיקער טאַט פונעם בערדיטשע־ווער רב האָט אויפגערודערט אַלע גרויסע צדיקים און האָט אויך אויפגעהויבן פון קבר דעם בעל־שם הקדוש אַליין בכבודו ובעצמו. זיי זענען אין גרויס איילעניש געקומען צולויפן און האָבן זיך משתטח געווען פארן כסא־הכבוד און געליאַרעמט און געשטורעמט, ווי אַזוי מען דערלאָזט, אַז אַזאַ גרויסע און הייליקע נשמה ווי דער בערדיטשעווער רב זאָל ליידן גיהנום. און ווי יודעי חן גיבן איבער,

איז שוין דער בית־דין של מעלה געווען גרייט צו גיין אויף גרויסע פשרות און הנחות מיטן בערדיטשעווער רב. ער האָט שוין מסכים געווען, אַז מ׳זאָל נאָר איבערלאָזן די, וואָס האָבן עובר געווען אויף די דריי האַרבע עבירות: עבודה זרה, גליו עריות ושפיכות דמים, אויף וועלכע די חז״ל זאָגן: „יהרג ואל יעבור״. אָבער דער בערדיטשעווער רב איז דערויף נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל באַפרייען אַלע יידן אָן אויסנאַם, נישט רעכנדיק זיך מיט די זינד, וואָס זיי זענען באַגאַנגען, און מיט די עבירות, וואָס זיי האָבן עובר געווען. אויב נישט — האָט ער געדראָט — וועט ער דעם גיהנום נישט פאַרלאָזן.

אין דעם האָט ער דערהערט, אַז עס רעשט זיך און טומלט זיך שטארק צווישן די דורי מעלה. ער האָט גענומען פרעגן ביי די מלאכים, זיינע באַגלייטער, וואָס ס׳איז געשען, און זיי האָבן אים דערציילט, אַז נאָר וואָס איז פלוצים נסתלק געוואָרן דער צדיק־הדור און דאָס איילן זיך אַזוי די צדיקי עולם צו זיין לוויה. און די פלוצימדיקע הסתלקות פונעם צדיק הדור, די מצוה פון הלוית המת און דער גרויסער חשק צו טאָן אַ חסד של אמת האָט דעם בערדיטשעווער רב אַזוי שטאַרק פאַרשיכורט, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך און איז אויף גיך אַרויסגעלאָפן מלוה זיין דעם גרויסן נפטר. און אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער געטראָפן די טויערן פון גיהנום פאַרהאַקט און ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אַריינקומען אַהינצו, און בעל כרחו איז ער אַוועקגעגאַנגען אין גן־עדן און האָט פאַרנומען די שטול, וואָס איז געווען פאַר אים צוגעגרייט.

ר׳ משה־לייב סאסאווער דער ישובניק

אין אַ דאָרף ניט ווייט פונעם שטעטל סאסאוו האָט געוווינט אַ ייד, וואָס איז געווען באַוווסט איבערן גאַנצן געגנט מיטן נאָמען דער ישובניק.

דער ישובניק איז געווען זייער אַ פּראָסטער, אָבער אַ שטאַרק־גלויביקער און אַ גרויסער ירא־שמים. אַלע טאָג פלעגט ער אַוועק־גיין אינעם נאָענטן וואַלד און אָנהאַקן דאָרטן אַ בינטל האָלץ און עס אַוועקגעטראָגן אין שטאָט פאַרקויפן און דערפון האָט ער זיך דערנערט מיט זיין פאַמיליע. און כאָטש ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות און אין נויט, פלעגט ער נאָך פודעסטוועגן פון זיינע אָרימע פאַרדינסטן אָפּשפּאָרן אויך פאַר צדקה־צוועקן, ווייל די מצוה פון צדקה איז געווען ביי אים זייער הייליק און טייער. זיין הייזקע איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון דאָרף און יעדער דורכ־גייער און וואַנדערער האָבן דאָרטן שטענדיק געפונען אַ היימישע רו און אַ זאַטן מאָלצייט. אָפטמאָל האָט דער ישובניק אַוועקגעגעבן זיין לעצטן ביסן אַ הונגעריקן דורכגייער און נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז ער און זיינע בני־בית האָבן אַוועקגעגעבן זייערע גע־לעגערס מיטן בעטגעוואַנט צו נע־ונדניקעס און אַליין האָבן זיי זיך געוואַלגערט אויף דער הוילער ערד. אינגאַנצן אַרום איז געווען באַוווסט, אַז דער ישובניק איז אַ גוטהאַרציקער מענטש און אַ גרויסער בעל־צדקה.

איינמאָל, איין אַן ערב־שבת, האָט דער ישובניק געבראַכט אין שטעטל אַ בינטל האָלץ צו פאַרקויפן, און ס׳האָט זיך נישט געמאַכט קיין קונה. דער הייליקער צדיק, ר׳ משה־לייב סאסאווער, האָט באַמערקט שטיין דעם ישובניק מיטן בינטל האָלץ נאָך גאַנץ־פרי, ווען ר׳איז געגאַנגען אין שול אַריין דאַוונען בציבור, און האָט אים שוין נישט אָפּגעלאָזן פון אויג. אומקערנדיק זיך פון דאַוונען אַהיים, האָט ער געזען דעם ישובניק נאָך שטיין מיטן בינטל האָלץ און אויך נאָך מיטאָג, ווען ר׳ משה־לייב איז געגאַנגען אין מרחץ אַריין, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן בינטל האָלץ און האָט נישט געהאַט קיין קונה, און ערשט בייטאָג, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון מרחץ, האָט ער געזען ווי אַן עלטערע פרוי איז צוגעקומען און האָט אָוועקגעקויפט דאָס בינטל האָלץ. ר׳ משה־לייב איז אויף גיך צוגעגאַנגען צום ישובניק און האָט אים דערציילט, אַז אין עק שטאָט שטייט אַ צעבראָכענע הייזקע, אין וועלכער ס׳וווינט אַן אָרימע אלמנה, וועמענס מאַן ס׳איז נישט לאַנג געשטאָרבן, מיט אירע צוויי פּיצלעך קינדער, פון וועלכע דאָס קלענסטע איז נאָך אַ זויג־קינד. פון גרויסע צרות און עגמת־נפש נאָך איר פאַרשטאָרבענעם מאַן איז די אומגליקלעכע אלמנה שלאָף געוואָרן און ליגט צו־בעט און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אַרומקוקן אויף איר און אויף די צוויי קליינע יתומימלעך, וועלכע גייען שיר ניט אויס פון הונגער. דער ישובניק האָט באַלד אַרויסגעכאַפּט צוויי גראָשן און געגעבן ר׳ משה־לייבן, אַז ער זאָל קויפן אַ גלאָז מילך פאַרן זויג־קינד. ר׳ משה־לייב האָט אים געבעטן, אַז ר׳זאָל אויך עפּעס שענקען פאַרן צווייטן הונגעריקן קינד און דער ישובניק האָט אים געגעבן נאָך צוויי גראָשן, אַז ר׳זאָל קויפן אַ קוכן און איינשטילן דעם הונגער אויך פונעם צווייטן קינד. ר׳ משה־לייב האָט אים באַדאַנקט און האָט אים געפרעגט, אפשר קען ער נאָך אויך מיט עפּעס באַהילפיק זיין אויף צו קויפן רפואות פאַר דער קראַנקער אלמנה, און דער ישובניק האָט געענטפערט, אַז צו זיין גרויסן באַדויערן קען ער אים שוין מער גאָר ניט געבן. ער האָט

אים דערציילט, אַז פאַרן בינטל האָלץ האָט ער אָפּגענומען זעקס גראָשן און ער האָט גערעכנט פאַר צוויי גראָשן קויפן ליכט לכבוד שבת, פאַר צוויי גראָשן — ווײַן אויף קידוש און פאַר צוויי גראָשן — חלות אויף המוצא. נאָר אַז ער האָט דערהערט, אַז אַ קליין עופהלע, אַ יונק שדים לײַדט הונגער, האָט עס אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און ער האָט באַשלאָסן מאַכן קידוש איבער חלה און די צוויי גראָשן, וואָס ער האָט באַשטימט אויף צו קויפן ווײַן, בעסער אוועקגעבן אויף אַ גלאָז מילך פאַרן זויג־קינד, דאָס זעלבע האָט ער אויך געטון מיט די צוויי גראָשן, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר חלות אויף המוצא און האָט זיי אַוועקגעגעבן צו קויפן אַ קוכן און שטילן דעם הונגער פונעם צווייטן אָרימען קינד, אָבער אויך אַוועקגעבן די לעצטע צוויי גראָשן, וועלכע ער האָט באַשטימט צו קויפן ליכט לכבוד שבת, קען ער שוין ביי זיך נישט פועלן, ווייל אָן ליכט האָט דער שבת קיין שום פּנים נישט.

ר׳ משה־לייב האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די תמימותדיקע רייד פונעם פשוטן דאָרפס ייד, און געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָט ער אַ פרעג געטאָן צי ער האָט עפּעס פאַרמעגן אין דער היים. דער ישובניק האָט געענטפערט, אַז ער פאַרמאָגט גאָר נישט אויסער אַן אַלטע און מאָגערע קו, וועלכע העלפט אים מיט אַביסל אין דער פּרנסה, און ר׳ משה־לייב האָט אים אָנגעזאָגט, אַז קומענדיק אַהיים זאָל ער פאַרקויפן די קו און מיטן געלט זאָל ער טאָן דעם ערשטן מסחר, וואָס וועט זיך אים טרעפן און השי״ת וועט אים העלפן און ער וועט שטאַרק מצליח־זיין.

זייער פריילעך האָט זיך דער ישובניק צוריקגעקערט אַהיים און האָט דערציילט זיין פרוי וועגן אַלעס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. אָבער די פרוי האָט געזאָגט, אַז זי וועט בשום אופן נישט לאָזן פאַר קויפן די קו, ווייל אַלע אין שטוב האָבן זי ליב, זיי זענען צו איר שטאַרק צוגעבונדן און אָן איר וועלן זיי זיך נישט קענען באַגיין.

שבת־צונאַכטס, נאָך הבדלה, איז דער ישובניק מיט זיין פרוי

אַריינגעקומען אין שטאַל און גענומען צוגרייטן עסן פאַר דער קו. פּלוצים האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פור פאַר דער טיר און צוויי מענטשן זענען אַראָפּגעקומען, און אַריינקומענדיק אין שטאַל, האָבן זיי זיך געווענדט צום ישובניק און זיין פרוי, אַז זיי זאָלן זיי פאַרקויפן די קו. דער ישובניק איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט און האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן און די פרוי האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף די אומגעוווּנשענע געסט און האָט זיך אָנגערופן, אויב זיי וועלן געבן הונדערט רובל, וועט זי פאַרקויפן די קו. זי האָט מיט אַ כיוון אָנגעבאָטן אַזאַ הויכן פּרייז, כדי פּטור ווערן פון זיי, ווייל אין דער אמתן האָט די קו אַפילו קיין צוואַנציק רובל ניט די ווערט געהאַט. די מענטשן האָבן ניט געמאַכט קיינע שהיות און האָבן גלייך באַצאָלט הונדערט רובל און גענומען די קו און זענען אַוועקגעגאַנגען. דער ישובניק און זיין פרוי האָבן געשטוינט פון פאַרוווּנדערונג, זיי האָבן געזען אין דעם אַן אות מן השמים, אַז זיי זאָלן אויספאָלגן דעם אָנזאָג פונעם הייליקן צדיק ר׳ משה סאסאַווער.

אויפן צווייטן טאָג איז דער ישובניק אויפגעשטאַנען גאַנץ־פרי און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צו טאָן מיטן געלט דעם ערשטן מסחר, וואָס וועט זיך אים מאַכן. אַרום האַלבן טאָג איז ער אָנגעקומען אין אַ שכנותדיקן דאָרף, ווו ער האָט געטראָפן אַ צוזאַמענקונפט פון פריצים און רייכע סוחרים. ער האָט זיך גענומען פונאַנדערפרעגן, וואָס עס קומט פאָר און מ׳האָט אים דערציילט, אַז ס׳ווערן פאַרקויפט דורך אַ ליציטאַציע די גיטער פון פריץ: די פעלדער, די וועלדער, די מיל, דער טייך און דער גאַנצער הויף מיטן לעבעדיקן און טויטן אינוווענטאַר. און האַלטנדיק דעם אָנזאָג פונעם הייליקן צדיק, האָט ער זיך גלייך גענומען באַטייליקן אינעם קויף. זעענדיק, אַז אַן אָפּגעריסן יידל מיט אַן אָרימען אויסזען שטופּט זיך צו קויפן דעם פריצס מאַיאָנטקעס, האָבן די פריצים און רייכע סוחרים אים אָפּגעמאָסטן מיט בליקן פול מיט חוזק און שפּאָט און האָבן באַשלאָסן אים אָנלערנען: זיי וועלן אים צולאָזן

דעם קויף און אַזוי ווי ער וועט נישט האָבן קיין געלט צו באַצאָלן, וועלן גיין פאַרלוירן די עטלעכע רובל, וואָס ער וועט געבן אַלס אויפגאָב און וועט אויך קריגן שמיץ, וועלן זיי האָבן אַ פריילעכע פאַרוויילונג און דערנאָך וועלן זיי באַנייעס דורכפירן די ליציטאַציע איבערן פריצס גיטער. און כך־הוה, זיי האָבן אים צוגעלאָזט און דער ישובניק האָט אָוועקגעקויפט דעם מאַיאָנטעק. ער האָט געגעבן די הונדערט רובל אַלס האַנט־געלט און ביז דריי טעג דאַרף ער צושטעלן דאָס גאנצע געלט. די פריצים און די רייכע סוחרים האָבן געקייכט פון געלעכטער, אָבער דער ישובניק האָט זיך נישט געמאַכט קיין וועזן פון זיי. ער האָט געהאַט אמונה אין די ווערטער פונעם הייליקן צדיק, ר׳ משה־לייב, און געהאַט בטחון אַז השי״ת וועט אים נישט פאַרלאָזן, און האָט זיך אומגעקערט רואיק אַהיים.

אַרום האַלבער נאַכט, ווען דער ישובניק האָט זיך שוין געגרייט גיין שלאָפן, האָט זיך דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער טיר. ער האָט זי אויף גיך אויפגעמאַכט און אין שטוב איז אַריינגעקומען עפּעס אַ גלח און האָט דערקלערט, אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז דער ישובניק האָט אָוועקגעקויפט דעם פריצס גיטער, וויל ער צושטיין פאַר אַ שותף. דער ישובניק האָט געענטפערט, אַז ער איז גרייט אים צונעמען פאַר אַ שותף, נאָר מיטן באַדינג, אַז דער גלח זאָל באַצאָלן פאַר זיין העלפט דעם גאַנצן באַטרעף פונעם מאַיאָנטעק, ווייל ער האָט די ווערט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די פרייז וואָס ער האָט אים געקויפט. דער גלח האָט מסכים געווען און האָט אים גלייך אויסגעצאָלט דאָס געלט און זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז נאָכדעם, וואָס דער ישובניק וועט איבערנעמען אויף זיין נאָמען דעם פריצס גיטער, וועלן זיי מאַכן צווישן זיך אַ קאָנטראַקט.

צום באַשטימטן טאָג האָט דער ישובניק געבראַכט דאָס גאַנצע געלט. די פריצים און די רייכע סוחרים האָבן שיר נישט געפּלאַצט פון קנאה און ווייטאָג, זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווו האָט אַזאַ אָרעם יידל גענומען אַזוי פיל געלט. ווען דער

ישובניק איז אַרויסגעקומען פונעם פריצס הויף, האָבנדיק שוין אויף זיין נאָמען אַלע גיטער, האָט ער דערזען אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן. ער האָט זיך גענומען צעפרעגן, וואָס עס איז געשען, און מ׳האָט אים דערציילט, אַז נאָר־וואָס איז געפאָרן אַ גלח מיט זיינע פערד און וואָגן און פּלוצים האָבן זיך די פערד דערשראָקן און גע־נומען האַסטיק לויפן, דער וואָגן איז צעבראָכן געוואָרן און דער גלח איז אַרויסגעפאַלן און דערהרגעט געוואָרן. דער ישובניק איז צוגעגאנגען צום פּלאַץ, ווו ס׳איז געלעגן דער געהרגעטער גלח, און האָט אין אים דערקענט זיין שותף, און אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוווּסט ווער ער איז און פון וואַנען ער איז, איז דער גאַנצער מאַ־יאָנטעק געבליבן פאַרן ישובניק.

דער לובלינער חוזה

דער הייליקער צדיק ר׳ יעקב יצחק פון לובלין איז געווען איינער פון די גרעסטע צדיקים פון זיין דור. יודעי חן האָבן געזאָגט, אז אין זיין נשמה איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו און אין זיינע אויגן איז געווען אַ שיין פון דער ליכטיקייט פון ששת ימי בראשית, מיט וועמענס כוח מ׳האָט געקענט זען און קוקן פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. חסידים דערציילן, אַז מען האָט אים דערלאַנגט אַ קוויטל האָט ער גלייך דערקענט פון אַוועלכן שורש דער מענטש שטאַמט און צי ר׳איז אַ צדיק אָדער אַ רשע; צי ר׳איז רייך אָדער אָרעם; צי ר׳איז אַ בר־מזל אָדער אַ שלים מזל און צי ער וועט ירשענען עולם הבא אָדער גיהנום. דער קאָזניצער מגיד ר׳ ישראל ז״ל האָט אים גערופן: דער אורים ותומים און זיינע חסידים האָבן אים גערופן „דער חוזה״, דער זעער, ווייל ער האָט געהאַט אַ נביאישן קוק, אַלעס איז געווען פאַר אים קלאָר און אָפן און קיין זאַך איז ניט געווען פאַרשטעלט און פאַרבאָרגן פון זיינע אויגן. וועגן זיין געטלעכער זעאונגס קראַפט זענען אַרומגעגאַנגען אין דער חסידישער וועלט וואונדערבאַרע שיינע מעשהלעך.

מען דערציילט, אַז באַלד נאָך זיין בר־מצוה האָט זיין פאָטער אים פאַרקנסט פאַר דער טאָכטער פון אַ רייכן דאָרפס ייד, אָבער אַז ס׳איז געקומען דער טאָג פון דער חתונה און ער האָט דערזען די כלה, האָט ער ניט געוואָלט גיין צו דער חופה, ער האָט גע־

טענהט, אַז די כלה זעט ניט אויס ווי קיין יידישע טאָכטער און דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט און איז אַנטלאָפן צום געטלעכן צדיק ר׳ שמעלקא פון ניקעלשבורג. זיין פאָטער איז אים נאָכגעלאָפן און אים אויפגעפאָדערט, אַז ער זאָל זיך צוריקקערן און חתונה האָבן פאַר דער כלה, אָבער דער חוזה האָט אפילו ניט גע־וואָלט הערן פון דעם, ער האָט געזאָגט, אַז פאַר אַ כלה וואָס האָט ניט קיין יידישן אויסזען וויל ער ניט חתונה האָבן. זיין פאָטער האָט געטענהט, אַז די כלה זעט ניט אויס אַנדערש ווי אַנדערע יידישע טעכטער און האָט געבעטן ר׳ שמעלקאן אַז ער זאָל ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל זיך צוריקקערן, אָבער ר׳ שמעלקא האָט ניט געוואָלט זיך מישן. ער האָט געזאָגט, אויב ער וויל ניט חתונה האָבן מיט דער כלה דאַרף מען אים ניט צווינגען. מסתמא ווייסט ער וואָס ער טוט. און אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום איז די כלה אַנטלאָפן צום גלח און האָט זיך געשמדט, דאַן האָבן אַלע באַגריפן און פאַרשטאַנען וואָס דער חוזה האָט געמיינט ווען ער האָט גע־זאָגט, אַז די כלה האָט ניט קיין יידישן אויסזען.

אַ קצב איז אַמאָל געקומען צום חוזה און האָט אים דערציילט, אַז ער האָט איינגעקויפט עטלעכע צענדליק קי אָבער ער האָט זיי מורא שעכטן טאָמער וועלן זיי טריף ווערן, וועט ער שאָדן האָבן אַ סך געלט. דער חוזה האָט אים געהייסן אויפשרייבן אויף יעדער קו אַ נומער, וועט ער אים זאָגן אַוועלכע נומערן ער זאָל שעכטן און אַוועלכע ער זאָל פאַרקויפן. און כך הוה, די קי וואָס דער חוזה האָט אים געהייסן שעכטן זענען אַלע כשר געוואָרן. און איינמאָל האָט דער קצב געמאַכט אַ טעות און האָט אויך געשאָכטן אַ קו פון די קי וואָס דער חוזה האָט אים געהייסן פאַרקויפן, איז זי טריף געוואָרן.

אין לובלין איז געווען אַ מנהג, אַז דער שמש פלעגט אַרומגיין פאַרטאָג און אויפוועקן דעם עולם, אַז זיי זאָלן אויפשטיין, און גיין אין שול אַריין, צו עבודת הבורא. איין פאַרטאָג ווען דער שמש איז

אַרויסגעגאַנגען וועקן דעם עולם האָט דער חוזה געכאַפּט אַ קוואָרט וואַסער מיט אַ האַנטוך און איז אים געלאָפן אַקעגן און האָט אים געגעבן, אַז ער זאָל זיך וואַשן די הענט. די שטוב מענטשן האָבן זיך זייער געוווּנדערט און האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין צוליב וואָס ער האָט עס געטאָן און זיי האָבן געפרעגט דעם שמש וואָס ס'האָט פּאַסירט, און דער שמש האָט זיי דערציילט, אַז יענע נאַכט איז ער געווען אויף אַ שמחה און נעמענדיק אַן איבעריק ביסל משקה, האָט ער זיך פאַרשלאָפן און פאַרשפּעטיקט אויפשטיין און אַזוי ווי ער האָט זיך זייער געאיילט, האָט ער פאַרגעסן זיך אָפּגיסן נעגל וואַסער און דער חוזה האָט עס פאַרויסגעזען, האָט ער אים אַרויסגעטראָגן אַ קוואָרט מיט וואַסער אַז ער זאָל זיך אָפּגיסן נעגל־וואַסער.

אין אַ שטעטל ניט ווייט פון לובלין האָט אויסגעבראָכן אַ קינדער־מגפה ר"ל. אַלע טאָג האָט דער טויט אַוועקגעריסן עטלעכע קליינינקע קינדערלעך, אומשולדיקע עופהלעך. די איינוווינער פון שטעטל האָבן איינגעלייגט וועלטן אויף אָפּצושטעלן די מגפה, מ'האָט גוזר תענית געווען, מ'האָט געריסן קברים און מען האָט גאָרניט געקענט אויפטון. מ'האָט אויך אַראָפּגעבראַכט די בעסטע און גרעסטע דאָקטוירים און ס'האָט ניט געהאָלפן. דאַן זענען איידעלע ייִדן לומדים, יראים ושלבים, אַוועקגעפאָרן קיין לובלין צום חוזה אים בעטן, אַז ער זאָל מתפלל זיין, אַז דער טויט זאָל זיך אָפּטאָן פון זייער שטעטל. ווען די ייִדן זיינען אַריינגעקומען צום חוזה האָט ער זיי געפרעגט, פאַר וואָס ס'איז ניט געקומען מיט זיי דער גרויסער צדיק, וועלכער איז מיטגעפאָרן מיט זיין קיין לובלין. די ייִדן האָבן אים געענטפערט, אַז אויסער דעם בעל עגלה איז קיינער מיט זיי ניט מיטגעפאָרן און דער בעל עגלה — ווערדליק זיי קענען אים — איז ווייט פון צו זיין אַ צדיק און ווער שמועסט נאָך אַ גרויסער צדיק אַוודאי און אוודאי ניט, ווייל ר'איז זייער אַ פּראָסטער מענטש, אַ פאַרגרעבטער, אַ קנאַפּער ירא שמים און אַ גרויסער שיכור. אָבער דער חוזה האָט זיי געזאָגט, אַז ער זעט אַז מיט זיי

איז מיט געפֿאָרן אַ גרויסער צדיק, זאָלן זיי אים באַלד ברענגען, ווייל נאָר ער איז ביכולת אָפּצושטעלן די קינדער־מגפה בײַ זיי אין שטעטל.

די יידן האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייער אכסניה רופן דעם בעל־עגלה, אָבער זיי האָבן אים שוין דאָרטן ניט געטראָפֿן. האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אים זוכן אין די שענק און אויך דאָרטן איז ער ניט געווען און גייענדיק איבער די גאַסן פון שטאָט האָבן זיי דערזען אַ חתונה. זיי זענען צוגעקומען נענטער און האָבן געזען ווי עס שפּילן כלי־זמר און זייער בעל־עגלה אַ טויט שיכורער טאַנצט און הופּעט אויף וואָס די וועלט שטייט. זיי האָבן אים אָוועקגערופן און געפרעגט וואָס ס׳איז מיט אים די שמחה און דער בעל עגלה האָט זיי דערציילט אַז ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען קיין לובלין האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן איבערן שטאָט און פאַרביי־גייענדיק אַ קליינע און אָרימע הייזקע האָט ער געהערט ווי עמע־צער וויינט. ר׳איז אַריינגעקומען אינעווייניק און האָט געזען ווי ס׳זיצט אַ מיידל אָנגעטאָן אין אַ חופּה־קלייד און וויינט און יאָ־מערט ביטער, אַז עס צעגייט זיך דאָס האַרץ. האָט ער גענומען זיך פאַנאַנדערפרעגן ביי די שטוב מענטשן וואָס ס׳קומט דאָ פאָר און זיי האָבן אים דערציילט, אַז דאָס מיידל איז אַן אָרעמע יתומה און היינט איז ביי איר חתונה, אָבער דער חתן האָט צוגעשיקט זאָגן, אַז אויב מ׳וועט אים ניט געבן קיין טלית און פופציק רובל מזומן גייט ער ניט צו דער חופּה. אירע קרובים, אויך אָרעמע מענטשן, האָבן מיט גרויס מי און פיל שוועריקייט קוים צונויפגעזאַמלט צוואַנציק רובל און מער האָבן זיי ניט. האָט ער ניט געקענט צוזען דעם צער פון דער אָרעמער כלה און האָט אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע געלט וואָס זיי האָבן אים באַצאָלט שכר־עגלה און איצט איז ער זיך משמח מיט דער כלה. די יידן האָבן זיך איבערגעקוקט, זיי האָבן געזען בחוש, אַז דער חוזה האָט ריכטיק פאָרויסגעזען און אַז דער בעל עגלה איז ווירקלעך אַ גרויסער צדיק און זיי האָבן אים

געבראַכט צום חוזה. דער חוזה האָט זיך מיט אים שטאַרק דער־פרייט און האָט אים געהייסן זאָגן דריי מאָל דעם פסוק „המלאך הגואל" און די קינדער־מגפה אין שטעטל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער חוזה האָט אויך געהאַט פיל שונאים און קעגנער וועלכע האָבן אים שטענדיק גערודפט. איינמאָל איז מען געקומען צום חוזה און מען האָט אים דערציילט, אַז אַ געוויסער רבי, איינער פון זיינע גרעסטע קעגנער, האָט צוגעזאָגט זיינע חסידים, אַז אינעם טאָג וואָס ער, דער חוזה, וועט נפטר ווערן, וועט ער זיי געבן משקה. דער חוזה האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז דער דאָזיקער רבי מאַכט אַ גרויסן טעות, ווייל אין דעם טאָג וואָס ער וועט נפטר ווערן וועלן זיי ניט נאָר משקה, נאָר אפילו קיין וואַסער ניט קענען טרינקען. און כך הוה. דער חוזה איז נפטר געוואָרן אום תשעה באב, ווען אַלע יידן פאַסטן און מען טאָר גאָר ניט נעמען אין מויל.

דער קאַלאָווער רבי ר׳ יצחק אייזיק ז״ל

דער היליקער צדיק און גאון ר׳ יצחק אייזיק ז״ל אָדער ווי דער עולם פלעגט אים רופן „ר׳ אייזיקל״, איז געווען אַ קינד פון זייער אָרעמע עלטערן. זיין פאָטער איז כל ימיו געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און אַ חולה מסוכן. ר׳איז נפטר געוואָרן ווען ר׳ אייזיקל איז נאָך געווען אַ פיצל קינד און זיין מוטער, די אלמנה, פלעגט אַרבעטן שווער און ביטער איבער אירע שוואַכע כוחות און האָט ניט געקענט דערנערן זיך מיט איר קליינעם יתום. אַלט זייענ־דיק זעקס יאָר איז ער שוין געווען געצווונגען איר אַרויסצוהעלפן אין דער פרנסה. צוליב דעם צוועק האָט ער זיך פאַרדונגען פאַר אַ פאַסטוך. ער האָט געפאַשעט די גענדז ביי די יידישע איינוווינער פון דער שטאָט קאַלאָוו.

אין יענער צייט האָט ר׳ לייב שרהס אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט זוכן אַ גרויסע נשמה וועלכע זאָל זיין ראוי און פאַסיק צו פאַרשפרייטן דעם בעל־שמס חסידות איבער אונגאַרן, ווייל אונ־גאַרן איז דאַמאָלסט געווען אַ מדינה פול מיט מתנגדים און אַפי־קורסים ר״ל, וואָס פלעגן חוזק און שפעטן פון חסידות און קבלה און קומענדיק קיין קאַלאָוו האָט ער הינטערן שטאָט דערזען דאָס קליינע פאַסטוכל און ר׳איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. חסידים דערציילן, אַז ער האָט באַמערקט, אַז די שכינה רוט אויף אים, ווייל די הויט פון זיין פנים האָט געשיינט און געשטראַלט, ווי

די הויט פון משה רבינוס פנים ווען די שכינה פלעגט זיך מיט אים מתיחד זיין. ר׳ לייב שרהס איז געגאַנגען מיט אים צו זיין מוטער די אלמנה און האָט איר פאַרגעלייגט, אַז זי זאָל אים איבער־געבן איר זון וועט ער אים מגדל זיין ווי אַן אייגן קינד. זיין מוטער האָט מסכים געווען און ר׳ לייב שרהס האָט אים אַוועקגעפירט צום הייליקן צדיק און גאון ר׳ שמעלקא פון ניקעלשבורג, אַז ער זאָל מיט אים לערנען. ר׳ שמעלקא האָט מיט אים געלערנט ש״ס און פוסקים און דאָס קליינע פּאַסטוכל האָט געלערנט מיט גרויס התמדה און איז גיך באַוווסט געוואָרן פאַר אַן עלוי, אויסצייכענדיק זיך מיט זיין טיפע לומדות און בקיאות.

אין אַ צייט אַרום איז דורכגעפאָרן ניקעלשבורג דער געטלע־כער צדיק ר׳ אלימלך פון ליזענסק און שמועסנדיק מיט ר׳ איי־זיקלען איז ער שטאַרק איבעראַשט געוואָרן פון זיין שאַרפזיניקייט און קלוגן פאַרשטאַנד און האָט אים גענומען צו זיך קיין ליזענסק און דריי יאָר צייט האָט ער מיט אים געלערנט סתרי תורה, חסידות און קבלה. נאָכהער האָט ער זיך צוריקגעקערט צו ר׳ שמעלקאַן קיין ניקעלשבורג און פאַרגעזעצט לערנען אין נגלה און אין נסתר ביז ר׳איז מפורסם געוואָרן פאַר אַ גרויסן גאון און גרוי־סער מקובל.

אַז די ראשי הקהלה פון קאלאוו זענען געוווּיר געוואָרן וואָס פון זייער אַמאָליקן פּאַסטוכל איז געוואָרן, זענען זיי געקומען צו אים און געבעטן אַז ער האָט איבערנעמען ביי זיי אין שטאָט דעם כסא הרבנות. אָבער זייענדיק פון דער נאַטור אַ גרויסער ענו האָט ר׳ אייזיקל אַפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם. אָבער צווישן די ראשי הקהל האָט זיך אויך געפונען איינער אַ ייד מיט נאָמען ר׳ יעקב פיש, וועלכער האָט זוכה געווען צו קריגן אַ ברכה פונעם בעל שם הקדוש אַליין בכבודו ובעצמו. געווען איז, אַז דער בעל שם האָט עמיצן געבענטשט מיט דער רעכטער האַנט איז דאָס געווען אַ סימן אויף אַריכות ימים און אויב — מיט דער לינקער האַנט

איז דאָס געווען אַ סימן אויף עשירות, און ער, ר׳ יעקב פיש האָט זוכה געווען, אַז דער בעל שם האָט אים געבענטשט מיטביידע הענט, דאָס הייסט סיי מיט עשירות און סיי מיט אַריכות ימים. און ער איז טאַקע געווען אַ גרויסער עושר, ער האָט פאַרמאָגט אַ סך פעלדער און וועלדער און פיל אַנדערע גיטער און האָט שטאַרק מאַריך ימים געווען, ער האָט געלעבט הונדערט מיט זעכצן יאָר און כל ימיו איז ער געווען געזונט און שטאַרק און פריש ווי אַ יונגערמאַן. זייענדיק אַן עושר דורך דער בעל־שמס ברכה פלעגט ער שטענדיק טאָן צדקה און חסד מיט אָרעמע און נויט־באַדערפטיקע און די גאַנצע צייט וואָס ר׳אייזיקל האָט זיך געפונען אין ניקעלשבורג האָט ער השגחה געגעבן אויף זיין אָרעמער מוטער, די קראַנקע אלמנה און האָט זי אויסגעהאַלטן מיט אַלעם גוטן און זעענדיק אַז ר׳ אייזיקל וואַרפט אָפּ די בקשה פון די ראשי הקהל איז ער אַרויס קעגן אים מיט אַזאַ טענה, אָדער ער זאָל אָננעמען דעם כסא הרבנות און אויב ניט זאָל ער אים באַלד באַצאָלן דעם גאַנצן חוב וואָס עס קומט אים דערפאַר וואָס ער האָט אויסגע־האַלטן זיין אָרעמע מוטער. ר׳ אייזיקל האָט אַ טראַכט געטאָן אַביסל און געענטפערט: אַמאָל אַז איינער האָט זיך געפונען אין אַ נויט און האָט ניט געקענט אָפּצאָלן זיינע חבות איז ער געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט און ער, ניט קענענדיק אָפּצאָלן זיין חוב איז געצוווּנגען זיך צו פאַרקויפן פאַר אַ רב... אָבער ר׳איז זיי מודיע, אַז ניט קיין רבנות נעמט ער אויף זיך, נאָר עבדות נעמט ער אויף זיך און ר׳ אייזיק איז געוואָרן רב אין קאַלאוו.

ר׳ אייזיקל קאַלאווער איז געווען אַ גרויסער ענו און אַ גרוי־סער סבלן, ער איז איז אויף זיין לעבן קיינמאָל אין כעס ניט גע־ווען, ער האָט זיך שטענדיק געפונען צווישן פשוטן פאָלק און מיט אויסערגעוויינלעכן געדולד איז ער אויסגעשטאַנען זייערע ווילדע קאַפּריזן און זיי געלערנט תורה און מוסר לויטן דרך און שטייגער פונעם בעל־שם הקדוש. אַ דאַנק זיין עניוות און סבלנות איז

אים געלונגען מתקן צו זיין פיל פאַרבלאַנדזשעטע נשמות, מחזיר למיטב זיין פיל יידן וועלכע האָבן אָפּגעקירעוועט פונעם גוטן וועג און פיל רשעים, וואָס זענען שוין געשטאַנען ביי די טירן פון גיהנום האָט ער געהאָלפן אַז זיי זאָלן ווערן חוזרים בתשובה.

ר׳ אייזיקל קאלאווער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן בעל מופת און צווישן פאָלק זענען אַרומגעגאַנגען ווונדערבאַרע שיינע מעשיות און לעגענדעס וועגן די גרויסע מופתים און וווּנדער וואָס ער האָט באַוויזן.

ס׳ווערט דערציילט, אַז איינמאָל ערב יום כיפור פאַר כל נדרי, דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט אין שול און שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין די ווייסע קיטלען און איינגעהילט אין די טליתים און געזאָגט תפילה זכה מיט גרויס כונה, האָט ר׳ אייזיקל פלוצים צוגערופן דעם גביר פון שטאָט ר׳ יעקב פיש און האָט אים געהייסן איינשפּאַנען זיין קאַרעטע וועלן זיי זיך דורכפאָרן אַ ביסל שפּאַצירן אויסער דער שטאָט. ר׳ יעקב׳ן האָט אפילו געוווּנדערט אָט דער מאָדנער פאַרלאַנג, ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואָס איז דאָס פלוצים פאַר אַ שפּאַציר אין מיטן דערינען ערב יום־כיפור פאַר כל נדרי. אָבער ער האָט ניט געוואָגט אויסצורעדן קיין וואָרט און האָט גלייך געהייסן זיינע דינער אויסצופאָלגן דעם באַפעל פון רבין. אַ דינער האָט באַלד געבראַכט אַן איינגעשפּאַנטע קאַרעטע און זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט און זענען געפאָרן שפּאַצירן טאַקע איבער ר׳ יעקבס פעלדער. פלוצים האָט ר׳ אייזיק געהייסן זיך אָפּשטעלן און גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער, גרייטנדיק זיך צו האָבן טבילה. ר׳ יעקב האָט געשטוינט פון פאַרוווּנדערונג, ווייל איבערן גאַנצן אַרום איז ניט געווען צו באַמערקן אַפילו קיין סימן פון קיין וואַסער. אָבער ווי נאָר ר׳ אייזיקל האָט זיך אויסגעטאָן איז געוואָרן אַ גרוב מיט ריינער וואַסער און ר׳איז אַראָפּגעגאַנגען אַהינצו און האָט זיך געטובלט. נאָכהער האָט ער זיך אויף גיך אָנגעטאָן און צוריקגעפאָרן אין שול און גענומען זאָגן כל נדרי.

ר׳ יעקב איז באַהערשט געוואָרן פון אַ געטלעכער שרעק. ער האָט ניט געקענט באַגרייפן, פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען אַ גרוב מיט וואַסער אויף יענעם פּלאַץ. דעם גאַנצן יום כפּורדיקן טאָג האָט ר׳ יעקב זיך ניט געקאָנט באַרואיקן דערפון וואָס זיינע אויגן האָבן געזען און האָט קוים דערצויגן אַז ס׳זאָל נאַכט ווערן און באַלד מוצאי יום כפּור נאָך תּפלת מעריב איז ער גלייך געלאָפן אין פעלד אַריין זיך איבערצייגן צי ס׳איז דאָרטן ווירקלעך פאַראַן אַ גרוב מיט וואַסער. אָבער צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג איז ניט געווען צו באַמערקן קיין וואַסער. און ניט קענענדיק באַהערשן זיין גרויסע נייגעריקייט האָט ער זיך איינגעשטעלט און איז אַריינגעקומען צו ר׳ אייזיקלען און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים דערקלערן דעם גרויסן ווונדער און אים זאָגן פון וואַנען ער האָט גענומען אַ גרוב מיט וואַסער אויף זיך טובלען. און ר׳ אייזיקל האָט אים דערקלערט, אַז ווען זיי האָבן זיך געפונען אין פעלד איז דאָרטן דורכגעגאַנגען בארה של מרים, מרימס ברונעם, וועלכער האָט באַגלייט די יידן אין דער מדבר איז ער אַריינגעגאַנגען אין ברונעם און האָט זיך געטובלט.

ניט קענענדיק פאַרטראָגן די צרות וואָס די יידן שטייען אויס אין גלות האָט ר׳ אייזיקל געוואָלט זיין אַ דוחק את הקץ, ער האָט געוואָלט מקרב זיין די גאולה און מיט געוואַלד אַראָפּברענגען משיחן. איינמאָל פּסח, צום ערשטן סדר, האָט ער זיך איינגע־עקשנט און ניט געוואָלט אָפּריכטן דעם סדר סיידן דער אויבער־שטער וועט אים צוזאָגן, אַז ער וועט באַלד אַראָפּשיקן משיחן און ער זאָל אויסלייזן זיין פאָלק ישראל פונעם ביטערן גלות. חסידים דערציילן, אַז די דאָזיקע עקשנות זיינע האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש אין הימל. ביים רבין אין הויף איז שוין געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם צווישן זיי פיל חשובע געסט, גרויסע צדיקים און באַוווּסטע גאונים וועלכע זענען געקומען ממרחקים בייצוזיין ווי דער רבי פּראַוועט דעם סדר, אַלע טישן זענען שוין געווען באַ־זעצט, אויך די רביצין מיט אירע טעכטער און שניר און די אי־

בעריקע נשים צדקניות זענען שוין געווען אויסגעזעצט אַרום דעם אַזוי געררופענעם ווייבערשן טיש און אַלע האָבן מיט גרויס שפּאַנונג אַרויסגעקוקט, אַז ס'זאָל זיך שוין אָנהויבן, אָבער דער רבי איז דעם גאַנצן אויפדערנאַכט פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער און קומט ניט אַרויס, ס'איז שוין באַלד חצות הלילה און דער רבי באַווייזט זיך ניט, יעדער איינער האָט געזען בחוש אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. פלוצים איז צוגעפאָרן אַ קאַרעטע איינגעשפּאַנט צו פיר ברענענדי־קע פערד און דריי זקנים מיט פיר זקנות זענען פון איר אויס־געשטיגן. ר' אייזיקל איז אויף גיך אַרויס צו זיי און געשמועסט מיט זיי אייניקע מינוט און האָט זיך באַלד גענומען פראַווען דעם סדר, אַז ר'איז געקומען צו גאל ישראל, האָט ער דערציילט פאַרן עולם, אַז ער האָט ניט געוואָלט זיך זעצן צום סדר סיידן דער רבונו של עולם וועט אים צוזאָגן, אַז ער וועט באַלד אַראָברענגען די גאולה אויף דער וועלט, זענען אָבער געקומען די שלשה אבות און ארבע אמהות און האָבן אים אויפגעפּאָדערט בגזרת כבוד אב ואם, אַז ער זאָל אויפגעבן זיין עקשנות און גיין אָפּריכטן דעם סדר, ווייל עוד לא בא מועד, ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט פון דער גאולה און ער האָט געמוזט אויספאָלגן זייער באַפעל און איז גע־גאַנגען פראַווען דעם סדר.

דער קאַלאָווער רבי און דער חזן

אין קלויז ביים קאַלאָווער רבין, ר׳ אייזיקל ז״ל, איז געווען אַ חזן, וועלכן מ׳האָט גערופן ר׳ שואלקע פיק. דער דאָזיקער ר׳ שואלקע איז געווען זייער אַ פרומער ייד, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער ירא שמים; אַ מענטש אַ בעל־מידות מיט זייער אַ שיינעם הדרת־פנים; ער האָט פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַרן שיינעם קול־נגינה. זיין דאַווענען איז געווען מתיקותדיק און ער האָט געצויגן עולם און ווען ער האָט געדאַוונט איז די קלויז געווען פול מיט מתפללים וועלכע זענען געקומען שעפן תענוג און הנאה האָבן פון זיינע מתיקותדיקע תפילות. דער חזן ר׳ שואלקע איז געווען פון דעם זעלטענעם טיפּ מענטשן, וואָס מ׳פלעגט זאָגן אויף זיי, אַז רוח הבריות נוחה הימנו. ער איז געווען אַ מעורב עם הבריות. יעדער איינער האָט אים ליב געהאַט און האָט זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס אַכטונג און רעספּעקט. אויך דער רבי ר׳ אייזיקל האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים. ער פלעגט זאָגן, אַז ר׳ שואלקע פאַר־מאָגט אַלע מעלות וואָס אַ חזן דאַרף האָבן און ר׳איז ראוי צו זיין אַ שליח ציבור און זיין תפילה מוז פועל זיין. יומם ולילה איז ר׳ שואלקע געזעסן ביים רבין אין קלויז און האָט געלערנט און אַז מ׳איז געקומען צום רבין פרעגן אַ שאלה און ר׳איז געווען פאַרנו־מען, פלעגט ער אָפּשיקן צו אים, צו ר׳ שואלקען, אַז ער זאָל פּסקענען, ווייל אויסער דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער למדן,

איז ער אויך געווען אַ מוסמך: ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות פון די גרעסטע רבנים פון זיין דור און פלעגט זיך אויך אָפט מפלפל זיין מיט זיי אין שאלות ותשובות.

איינמאָל פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט ר׳ שואלקע אָנגעטאָן דעם טלית, ווי זיין שטייגער איז געווען, אין איז צוגעגאַנגען צום עמוד מקבל שבת זיין, און ווי נאָר ער האָט אויסגעשריען די ווערטער „לכו נרננה״, אַזוי האָט מען גלייך באַמערקט אַן ענדערונג אין זיין קול, ער האָט אַרויסגעלאָזט מאָדנע, משונהדיקע קולות פון וועלכע דער גאַנצער עולם איז פאַרציטערט געוואָרן. זיין קול איז געווען גראָב, טעמפּ, הייזעריק און גרילצנדיק און איז אויסגעקומען ווי ס׳רעוועט און כאָרכלט אַ נישט־דערקוילעטער אָקס. יעדער איינער האָט גלייך דערפילט, אַז מיטן חזן איז געשען אַ גרויסער אומגליק און אַז ער האָט פאַרלוירן זיין וווּנדערבאַרן שיינעם קול נגינה. אויך דער רבי איז אויף גיך געקומען צולויפן פון זיין חדר מיוחד און זעענדיק ווי ר׳ שואלקע שטייט ביים עמוד און רייסט זיך מיט אַלע כוחות, אַז ס׳באַשלאָגט אים אַזש אַ קאַלטער שווייס און קען נישט אַרויסגעבן קיין נאָרמאַלן קלאַנג, האָט עס אים פאַרקלעמט ביים האַרצן און האָט אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל אַוועקגיין און האָט געהייסן אַן אַנדער יידן צוגיין צום עמוד און מקבל שבת זיין.

אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט דער עולם געהאַלטן אין איין רעדן פונעם גרויסן אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן ר׳ שואלקען דעם חזן. אייניקע האָבן אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז ס׳איז אים געקומען פון אַ פאַרקילונג, אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן אַז ער האָט עפּעס א מיחוש אין האַלדז און האָבן געראָטן, אַז ער זאָל פאָרן צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר און זאָל זיך אויסהיילן. קיינער האָט נישט געקענט ביי זיך פּועלן, אַז אַזאַ שיינער קול־נגינה ווי ס׳האָט פאַרמאָגט ר׳ שואלקע דער חזן, זאָל גיין לאיבוד.

שבת צו נאַכט, נאָך הבדלה, האָט דער רבי אַריינגערופן צו זיך

אין צימער ר׳ שואלקען און האָט אים דערקלערט, אַז דער אומ־גליק איז אויף אים געקומען נישט פון קיין פאַרקילונג און אויך נישט איבער דעם וואָס ער זאָל האָבן עפּעס אַ מיחוש אין האַלדז, נאָר דאָס איז אויף אים אַזוי נגזר געוואָרן מן השמים אַלס שטראָף דערפאַר, וואָס ער האָט נישט חס געוועזן אויפן געלט פון אַן אָרעמער אלמנה און האָט אויך געבראַכט צו דעם, אַז זי זאָל האָבן אַ פאַרשטערטן שבת. ער האָט אים דערמאָנט, אַז ערב שבת איז געקומען צום אים אַן אָרעמע אלמנה פרעגן אַ שאלה אויף אַן עוף און ער האָט עס טריף געמאַכט, אָבער ווען ער זאָל זיך געוועזן געבן די מי און געזוכט ביי די פּוסקים האחרונים וואָלט ער עס געוועזן געקענט כשר מאַכן און דערפאַר וואָס ער האָט שאָדן געטאָן אַן אָרעמער אלמנה און האָט אויך גורם געוועזן, אַז זי זאָל האָבן אַ פאַרשטערטן שבת, האָט זיך אויפגעהויבן קעגן אים קטרוג און דער בית דין של מעלה האָט געפּסקנט, אַז ער טאָר מער נישט זיין קיין שליח ציבור, דערפאַר האָט מען ביי אים צוגענומען דעם קול־נגינה. אַז רב שואלקע האָט עס דערהערט האָט ער אויסגעבראַכן אין אַ יאָמערלעכן געוויין און געבעטן דעם רבין, אַז ער זאָל זיך באַמיען און אַרויסבאַקומען פאַר אים אַ תיקון, און דער רבי האָט אים געענטפערט, אַז ער זאָל זען תשובה טאָן מיטן גאַנצן האַרצן און זאָל אויך טאָן אַ סך צדקה וחסד איז וסר עוונו, וועט השם יתברך זיך איבער אים מרחם זיין און וועט מבטל זיין די גזירה און וועט אים צוריקקערן זיין שיינע קול־נגינה. ר׳ שואלקע האָט געענוי און פּינקטלעך אויסגעפאָגט אַלעס וואָס דער רבי האָט אים אָנגעזאָגט און האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון די עולם־הזהדיקע עניינים און האָט יומם ולילה עוסק געווען נאָר אין תורה, תפילה און אין מעשים טובים. אַזוי זענען פאַראיבער היפּשע עטלעכע יאָר.

איינמאָל, יום־כיפּור, נאָך תפילת נעילה, האָט דער רבי צוגערופן ר׳ שואלקען און האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל דאַווענען פאַרן עמוד דעם וואָכעדיקן מעריב. ר׳ שואלקע האָט גלייך אויסגעפאָלגט

דעם באַפּעל פונעם רבין און האָט זיך געשטעלט דאַוונען, און אַז ס׳איז געקומען צום קאַפּיטל „אהבת עולם״, האָט דער רבי אַ קלאַפּ געטאָן איבערן באַלעמער, אַז דער עולם זאָל ווערן שטיל און האָט געהייסן ר׳ שואלקען אַז ער זאָל זאָגן דעם אהבת עולם מיטן זעלבן ניגון ווי ער האָט אים געזאָגט בשעת ר׳איז געקומען צו אים אין קלויז דאָס ערשטע מאָל אַלס חזן. דער גאַנצער עולם האָט גע־שטוינט פון פאַרווונדערונג, זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי דער רבי הייסט אים זינגען אין דער צייט ווען ער ווייסט, אַז גאָט האָט אים אַזוי שווער און ביטער געשטראָפט און האָט ביי אים צוגענומען זיין קול נגינה. דער עולם האָט אויך נישט געקענט צו־לאָזן דעם געדאַנק, אַז נאָך אַזאַ טאָג זאָל זיך דעם רבין גלוסטן, חלילה, פראַווען לצנות און חוזק מאַכן פונעם אומגליקלעכן חזן. ר׳ שואלקע האָט געטאָן אַזוי ווי דער רבי האָט אים געהייסן, און ווי נאָר ער האָט געעפנט דאָס מויל איז געשען אַ וווּנדער. זיין קול האָט זיך צעקלונגען הויך, שטאַרק און שיין איבערן גאַנצן קלויז און מיט ברענענדיקער התלהבות האָט ער געגומען אויסזינגען דעם אהבת עולם, אַרויסרופנדיק באַגייסטערונג ביי אַלע מתפללים, וועל־כע זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפּט פון גרויס איבעראַשונג און פרייד, וואָס דער חזן האָט שוין צוריק באַקומען זיין שיינעם קול־נגינה. און ווען דער עולם איז אַרויסגעקומען פון קלויז, האָט אים דערוואַרט נאָך אַ גרעסערער איבעראַשונג: אין הויף פון דער קלויז זענען געליגן געהרגעטע און פאַרווונדעטע אַ פּאָר צענדליק פּויע־רים. די יידן האָבן זיך, לכתחילה דערשראָקן, אָבער דער רבי האָט זיי באַרואיקט, אַז זיי זאָלן נישט מורא האָבן. מ׳האָט געבראַכט פּאָליציי און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּויערים זענען מיט־גלידער פון אַ געוויסער באַנדע רוצחים, וואָס דרייען זיך אַרום אין די נאָענטע וועלדער און הרגענען און ראַבעווען די דורכפאָרער און דורכגייער און די דאָזיקע באַנדע האָט אויך געוואָלט אויסהרגענען די יידן פון שטעטל און זענען געקומען צו אַ באַשלוס, אַז די בעסטע צייט דורכצופירן זייער מערדערישן פּלאַן איז מוצאי יום־כיפּור,

ווען די יידן גייען אַרויס פון קלויז, ווייל דאַן זענען זיי אויסגע־מאַטערט און אָפּגעשוואַכט פון תענית, וועלן זיי נישט קענען זיך קעגנשטעלן און איידער ס׳איז נאַכט געוואָרן האָבן זיי זיך אַריינגע־גנבעט אין הויף פון קלויז און האָבן געוואַרט, אַז די יידן זאָלן אַרויסגיין, וועלן זיי זיי באַפאַלן און זיי אויסהרגענען, אָבער ווען זיי האָבן דערהערט דעם ווונדערבאַרן שיינעם געזאַנג, זיינען זיי אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז זיי האָבן פאַרגעסן ווו זיי געפינען זיך און אַריינפאַלנדיק אין אַ ווילדן עקסטאַז, האָבן זיי געהרגעט און געשלאָגן איינער דעם צווייטן. דער גאַנצער עולם איז באַ־הערשט געוואָרן מיט אַ געטלעכער פרייד. די יידן האָבן דערזען די אמתע גרויסקייט פון זייער הייליקן רבין און האָבן פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער האָט געהייסן דעם חזן זינגען דעם „אהבת עולם". דורכן געזאַנג האָט ער זיי מציל געווען פון אַ זיכערן טויט און האָט אויך געמאָלדן דעם חזן, אַז ער איז שוין אָפּגעקומען פאַר זיין זינד ס׳איז שוין בטל געוואָרן די גזירה און ער קען שוין ווידער פאַרנעמען אין קלויז דעם אַמט פון חזנות.

דער דינאוועך רבי און דער
סידור פונעם האר״י הקדוש

דער דינאוועך רבי ר׳ צבי אלימלך ז״ל פלעגט זיך נוהג זייך, אַז ס׳זאָל ליגן פאַר אים אָפן דער סידור פונעם האַר״י הקדוש בעת ער האָט געזאָגט די תפילות פון ימים נוראים. זיינע חסידים און מקורבים האָבן זיך דערויף שטאַרק געוואונדערט, ווייל דער רבי ז״ל האָט נישט געדאַווענט פונעם סידור, ער האָט אַפילו קיין בלעטל נישט איבערגעמישט און אַזוי ווי ער האָט אים געעפנט, אַזוי איז ער געלעגן ביזן סוף פון דאַווענען.

איינמאָל מוצאי יום כפור, ווען דער דינאָוועך רבי איז געזעסן ביים טיש אַרומגערינגלט פון אַ גרויסן עולם חסידים און אנ״ש און האָט זיך משמח געווען ביי אַ גלעזל משקה געבענדיק אַ לויב און אַ שבח דעם בורא עולם פאַרן גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט זיין פאָלק ישראל אויסהערנדיק זייערע תפילות און האָט זיי מוחל געווען זייערע זינד, איז צו אים צוגעגאַנגען איינער פון זיינע גאָר נאָענטע מקורבים און געפרעגט, וואָס איז די סיבה, וואָס ער האַלט אָפן ביי די תפילות ימים נוראים דעם סידור פונעם האַר״י הקדוש, ווייל ווי מ׳זעט באַנוצט ער זיך נישט מיטן סידור ביים דאַווענען, וואָרום ער מישט נישט איבער די בלעטלעך און אויב אַזוי, צוליב וואָס טויג אים דער אָפענער סידור פונעם האַר״י הקדוש? דער דינאוועך רבי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפץ, ער האָט זיך אַ

ווײלע פּאַרטיפֿט אין זײַנע געדאַנקען און האָט באַפֿוילן אַז ס׳זאָל ווערן שטיל ווײַל ער וועט זיי דערציילן אַ מעשה פֿונעם בעל־שם הקדוש. דער גאַנצער עולם איז באַלד באַהערשט געוואָרן פֿון אַ געטלעכער שטילקייט און האָט אָנגעשפּיצט מויל און אויערן צו הערן די הייליקע מעשה.

איינמאָל — האָט דער דינאַווער רבי אָנגעהויבן — איז דער בעל־שם הקדוש געקומען אין בית המדרש צו כל נדרי שטאַרק צערודערט און צעטראָגן. דער עולם האָט עס גלייך באַמערקט, אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט אים פֿרעגן די סיבה פֿון זיין צוטראָגנקייט. מ׳האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן, דער בעל־שם האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפֿינען. מ׳האָט געזען, אַז קוים וואָס ער האָלט זיך אויף די פֿיס און טאַקע באַלד ווי מען האָט פֿאַרענדיקט זאָגן כל נדרי איז דער בעל־שם אַריין צו זיך אין צימער און האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוען אויף זיין בעטל.

די מתפּללים האָבן מיט מורא און פּחד מפסיק געווען דאָס דאַווענען און געוואַרט מיט די איבעריקע תּפילות ביז דער בעל־שם וועט זיך צוריקקערן. פּונקט אין אַ שעה אַרום האָט זיך דער בעל־שם ווידעראַמאָל באַוויזן אין בית המדרש אָבער שוין אַ מונטערער און אַ פֿריילעכער און מיט גרויס התלהבות מתוך שמחה האָט ער געענומען זינגען די תּפילות פֿונעם יום־כּפּורדיקן מעריב. דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פֿון פֿאַרוונדערונג צוזעענדיק די פּלוצימדיקע ענדערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען אינעם בעל־שמס שטימונג, אָבער עפּעס פֿרעגן האָט זיך קיינער נישט איינגעשטעלט.

מוצאי יום־כּיפּור האָט דער בעל־שם צוגערופֿן צו זיך זיינע עלטערע תּלמידים און האָט זיי דערציילט אַז ערגעץ אין אַ דאָרף האָט געוווינט אַ ייד אַן אַרענדאַר. דער ייד איז געווען זייער אַן אָרנטלעכער און דער פּריץ האָט אים שטאַרק ליב געהאַט. ער פֿלעגט ביי אים ניט מאָנען קיין שטייערן פֿאַר דער קרעטשמע וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער

אים נאָך מזכה זיין מיט פאַרשידענע מתנות: מיט אַ זעקל מעל, אַ פּורל האָלץ א. א. וו. און דער ייד האָט זיך געלעבט שטיל און רואיק. איינמאָל אין אַ שטורעמדיקער ווינטער־נאַכט זענען באַנדיטן באַפאַלן די קרעטשמע און האָבן דערמאָרדעט דעם אַרענדאַר מיט זיין פרוי, בלויז זייער פּיצל קינד, דאָס זעקס מאָנאַטנדיקע יינגעלע וואָס איז געשלאָפן אין וויגעלע, האָבן די באַנדיטן געשוינט און עס נישט געטויט. דער פּריץ האָט געקראָגן רחמנות אויפן אומגליק־לעכן קינד און האָט עס אַריינגענומען צו זיך אין הויז און אַזוי ווי ער איז געווען אַ קינדערלאָזער האָט ער עס אַדאָפּטירט פאַר אַן אייגן קינד. און דאָס קינד איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן ביים פּריץ אין הויף און האָט גאָרניט געוווסט פון קיין יידן און יידיש־קייט.

איינמאָל, אין אַ שיינעם פרילינגס־טאָג, ווען דאָס יינגל איז שוין אַלט געווען דאָס 13טע יאָר איז ער געפאָרן מיטן פּריץ באַט־ראַכטן די פעלדער און וועלדער, טייכן און מילן, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיינע גיטער און פאַרבייפאָרנדיק די קרעטשמע, האָט דער פּריץ אַנטדעקט פאַרן יינגל, אַז אין דער דאָזיקער קרעטשמע האָבן אַמאָל געוווינט זיינע עלטערן, זיי זענען געווען יידן, זייער אָרנטלעכע מענטשן, נאָר באַנדיטן זענען זיי באַפאַלן, אין אַ פינס־טערער נאַכט, און האָבן זיי דערהרגעט און ער, דאָס יינגל, איז דעמאָלט געבליבן אַ קיילעכיק יתומל פון זעקס מאָנאַטן, האָט ער, דער פּריץ אויף אים רחמנות געקראָגן און צוגענומען צו זיך פאַר אַ זון.

די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט שטאַרק צעטומלט דאָס יינגל: אַ מרה שחורה האָט זיך איבערגעצויגן אויף זיין פּנים און ער איז פאַרזונקען געוואָרן אין טיפער עצבות נישט קענענדיק באַגרייפן וואָס אַרום אים קומט פאָר. דער פּריץ, איינזעענדיק און וועלנדיק אים אויפמונטערן און פריילעכער מאַכן, האָט זיך אָנגערופן, אַז ער, דאָס יינגל, דאַרף זיך שעצן גליקלעך וואָס ער איז אַריינגעפאַלן

צו אים אין די הענט, וואָרום אַט די אַלע גיטער, פעלדער און וועל־דער, טייכן און מילן, וועלכע ער האָט נאָר וואָס געזען וועלן נאָכן פריצס טויט אַריבערגיין צו אים בירושה און ווען ער זאָל געוועזן אויפגעצויגן ווערן ביי זיינע יידישע עלטערן וואָלט ער פון זיי גע־ווען געירשנט בלויז דחקות און אָרעמקייט. צוקומענדיק צום הויף האָט ער אים אַריינגעפירט אין אַ קליין קעמערל, ווו ס׳זענען געווען אָנגעוואָרפן אַלטע צעבראָכענע מעבל, צעריסענע מלבושים און אַ הויפן פון אַלטע ספרים פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשטעקט אַ גראָ־בער סידור „קרבן מנחה״ וואָס זיין מוטער ע״ה פלעגט אין אים דאַוונען. אַט דאָס אַלעס — האָט אים דער פריץ אָנגעוויזן — איז די ירושה וואָס ס׳איז אים געבליבן פון זיינע יידישע עלטערן.

פון דעמאָלט אָן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער נשמה פונעם יינגל. ס׳האָט אים שטאַרק געצויגן צו יידן און צו יידישקייט. אַלע מאָל פלעגט ער זיך אַריינגנבענען אינעם קליינעם קעמערל און אָפּשטיין שעהנווייז ביים בערגל ספרים קוקנדיק אויף דעם ווי אויף אַ טייערן אוצר און געוויר ווערנדיק, אַז אין די נאָ־ענטע דערפער וואָס געהערן צום פריץ וואוינען יידן, פלעגט ער זיך אָפּט אַריבערכאַפּן אַהינצו שמועסן מיט זיי און באַאָבאַכטן זייער לעבן. נישט איינמאָל האָט ער געזען זיינע עלטערן אין חלום און זיי האָבן אים באַפוילן, אַז ער זאָל זיך צוריקקערן צו זיין גאָט און צו זיין פאָלק.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט דאָס יינגל באַמערקט, אַז די יידן פון דאָרף קלויבן זיך אַלע מיט זייערע פרויען און קינדער צו פאָרן אין שטאָט אַריין. די זאַך האָט אים זייער געוווּנדערט און ער האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס היינטיקס מאָל נעמען זיי מיט מיט זיך אין שטאָט אַריין אויך זייערע קליינע קינדער און די יידן האָבן אים דערציילט אַז ס׳קומען אָן די ימים נוראים, ראש־השנה און יום כפור און אין די דאָזיקע טעג דאַרף יעדער ייד מתפלל זיין בצבור כדי אויסצובעטן ביים רבונו של עולם אַ מחילה, סליחה און

כפרה אויף אַלע זיינע זינד און פועלן ביי אים אַ שנת ברכה והצלחה. דאָס יינגל האָט זיי שטאַרק מקנא געווען און האָט אויך געוואָלט מיטפאָרן מיט זיי; ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַרן פריץ. נאָר אַז ס׳איז אָנגעקומען ערב יום־כפור האָט אים אָנגענומען אַ גרויס בענקשאַפט און ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן. ער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין קעמרל און האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן דעם סידור „קרבן מנחה״ אין וועלכן זיין מוטער ע״ה פלעגט דאַווענען און איז אַנטלאָפן אין דער שכנותדיקער שטאָט און איז אַריינגעקומען אין דער שול פונקט צו כל־נדרי און זעענדיק, אַז אַלע יידן שטייען אָנגעטון אין ווייסע קיטלען און איינגעהילט אין טלתים, האַלטן מחזרים אין די הענט און דאַווענען מיט גרויס כונה האָט ער אויסגעפלאַצט אין אַ יאָמערלעכן געוויין. ער האָט געהאַט גרויס צער דערפון וואָס ער קען אויך נישט דאַווענען צוזאַמען מיט אַלע יידן. איבער דעם איז דער בעל־שם הקדוש געווען אַזוי שטאַרק צוטראָגן ביים זאָגן כל נדרי, ער האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פונעם אומגליקלעכן יינגל און האָט מתפלל געווען פאַר אים, אַז דער רבונו של עולם זאָל מקבל זיין זיין תפילה אָן ווערטער און אים העלפן זיך צוריקקערן צו יידישקייט. פלוצים האָט דאָס יינגל אויפגעעפנט דעם סידור און האָט אויסגעשריגן: „רבונו של עולם! איך ווייס נישט וואָס צו דאַווענען; אָט איז דער סידור: אין אים זענען פאַראַנען אַלע תפילות: פאַרשטיי אַליין מיין געבעט און העלף מיר!״ און גאָט ב״ה האָט זיך אויף אים מרחם געווען און אָנגענומען זיין תפילה. איבער דעם איז דער בעל־שם דערנאָך געווען אַזוי פריילעך. און דער דינאָווער רבי האָט אויסגעלאָזט, אַז ער ווייסט נישט וואָס פאַראַ כונות ער זאָל מכון זיין ימים נוראים. ביי די תפילות עפנט ער אויף דעם סידור פונעם האר״י הקדוש וואָס אין אים זענען פאַראַנען אַלע כונות און זאָל דער רבונו של עולם אַליין פאַרשטיין וואָס ער מיינט און זאָל אים העלפן אויסבעטן אַ שנת ברכה והצלחה פאַר כל ישראל.

די אַנטפּלעקונג פון ר׳ ישראל רעזשינער

אַז ר׳ שלום שכנא, ר׳ אברהמעלע מלאכס זון, דעם מעזריטשער מגידס אייניקל, האָט געהאַלטן ביי נפטר ווערן האָט ער צוגערופן צו זיך זיין זון ר׳ ישראל רעזשינער וועלכער איז נאָך דאַן געווען גאָר אַ יונגער בחור און אים געזאָגט: „זיי וויסן, מיין קינד, אַז דו ביסט באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ גדול בישראל, אין דיין נשמה איז פאַראַנען אַ ניצוץ פונעם בעל־שם הקדוש און אויף דיר איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער צדיק הדור. לכן זאָלסטו זען גיין אין די וועגן פונעם בעל־שם הקדוש, זיך באַהעפטן אין זיין תורה און דינען דעם בורא עולם מתוך הרחבת הלב והמוח, אַזוי ווי ער ז״ל האָט זיך נוהג געווען. אָבער, וויסן זאָלסטו, מיין קינד, — האָט ר׳ שלום שכנא פאַרגעזעצט — אַז די זאַך איז דערווייל אַ געטלעכער סוד און דו דאַרפסט זיין שטאַרק זהיר ונזהר, אַז קיין שום בן אָדם זאָל דערפון ניט געוויר ווערן, ווייל ס׳איז נאָך ניט געקומען דיין צייט און לע״ע איז פאַראַנען אַן אַנדער צדיק הדור און אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז „אין מלכות נוגעת בחברתה״.

ר׳ישראל רעזשינער האָט מיט גרויס פּחד און מורא אויסגעהערט די געטלעכע רייד און געפרעגט מיט אַ ציטערדיקע שטימע: „הייליקער פאָטער, ווי אַזוי וועל איך וויסן אַז ס׳איז שוין געקומען מיין צייט און איך דאַרף זיך שוין מער ניט היטן?״ און ר׳ שלום שכנא האָט געענטפערט: „אַז דו וועסט הערן דערציילן אַ מעשה

וועגן בעל שם וועלכע דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט געהערט, זאָלסטו וויסן, אַז הגיעה שעתך, ס'איז געקומען די צייט אַז דו זאָלסט נתגלה ווערן און פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פונעם צדיק הדור און זיין אַ רועה נאמן צו די טויזנטער יידן וואָס זענען דורשטיק נאָך אַ געטלעך וואָרט.

אויסהערנדיק די דאָזיקע הייליקע רייד האָט ר' ישראל רעזשי־נער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן, מיטן גאַנצן ברען פון זיין יונגער נשמה אין דער לערע פונעם בעל־שמס חסידות און ניט נאָר אינעם זין פון עבודת הבורא, נאָר אויך אין פּריוואַטן לעבן האָט ער שטאַרק אַכטונג געגעבן און מדקדק געווען אַז זיין אויפפי־רונג זאָל זיין פונקט ווי דער בעל־שם ז"ל האָט זיך נוהג געווען.

און כדי ער זאָל קענען גענוי און פּינקטלעך אויספאָלגן און מקיים זיין די צוואה פון זיין הייליקן פאָטער און גיין אין די דרכים פונעם בעל־שם הקדוש און זיך מתדבק זיין אין זיין לערע לויט אַלע פּרטים און דקדוקים, האָט זיך ר' ישראל רעזשינער אַוועקגע־לאָזט און אַרומגעוואַנדערט צווישן די צדיקים און רביים וועלכע האָבן זיך גערעכנט פאַר די תלמידים פונעם בעל־שמס תלמידים און האָט ביי זיי געלערנט, געזוכט און געפאָרשט וועגן דער אויפ־פירונג און לעבנס־שטייגער פונעם בעל־שם הקדוש און אגב, האָט ער אויך געטראַכט, אפשר וועט זיך אים איינגעבן צו הערן ערגעץ ווו אַ נייע מעשה וועגן בעל־שם וואָס זאָל אים דינען פאַר אַ באַ־ווייז, אַז ס'איז שוין געקומען זיין צייט נתגלה ווערן. און ריכטיק אומעטום וווהין ר'איז געקומען האָט מען אים דערציילט וווּנדער־באַרע שיינע מעשיות וועגן בעל־שם, אָבער אַפילו קיין איינע פון זיי איז ניט געווען פאַר אים קיין נייעס, אַלע זענען אים שוין פון לאַנג געווען באַוווסט און באַקאַנט. אַזוי זענען אַריבער היפשע עטלעכע יאָר.

איינמאָל האָט ר' ישראל רעזשינער באַשלאָסן צו באַזוכן דאָס שטעטל מעזשביז, ווו דער בעל־שם האָט געוווינט, מיט דער האָפע־

נונג דאָרטן געוווּר וועררן מער איינצלהייטן און פּרטים וועגן בעל־שם לעבן. אָנקומענדיק קיין מעזשביז האָבן די איינוואוינער פון שטעטל, וויסנדיק זיין גרויסן יחוס, אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און מיטגעהאָלפן אין זיין הייליקער אַרבעט. מ'האָט אים דערציילט, אַז אין דאָרף ביים שטעטל לעבט אַ פּויער, וואָס גע־דאַנקט נאָך דעם בעל־שם. דער פּויער איז שוין זייער שטאַרק אַלט, אָבער ער באַזיצט נאָך געניג כּוח און פּאַשעט נאָך אַלץ די טשע־רעדע פון דאָרף אַזוי ווי ער האָט געטאָן ייִנגלווייז. דער רעזשינער האָט זיך זייער דערפרייט מיט דער דאָזיקער ידיעה און האָט גלייך געשיקט אַ ספּעציעלן שליח נאָכן פּויער, אָבער דער פּויער האָט זיך אַנטזאָגט צו קומען, דאַן האָט ער געשיקט אַ צווייטן שליח מיט אַ שיינער מתּנה, אָבער דער פּויער האָט זיך איינגעעקשנט און גע־ענטפערט, אַז אויב עמיצער דאַרף אים, זאָל ער זיך מטריח זיין און קומען צו אים. דער רעזשינער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און אין דער באַגלייטונג פון די יקירי קרתּא, פון די אָנגע־זעענסטע מענטשן פון שטעטל מיטן רב בראש, האָט ער זיך גע־לאָזט גיין צום פּויער אַהיים.

אַריינקומענדיק צום פּויער אין הייזקע האָבן זיי אים געטראָפן ליגן אויף אַ הילצערנעם דיל לעבן אויוון. די געסט האָבן אים, הפּנים, קנאַפּ וואָס איבערגעראַשט, ווייל ער האָט זיך, אַפילו, פונעם אָרט נישט גערירט.

דער רעזשינער האָט אים געפרעגט וואָס ער ווייסט וועגן בעל־שם און דער פּויער האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט, אַז דער בעל־שם איז געווען אַ געטלעכער מאַן און האָט דערציילט פאָלגנדע מעשה: זייענדיק אַ קינד פון אַ יאָר אַכט־צען, האָט מען אים באַ־שטימט פאַרן דאָרף פּאַסטוך. ער פלעגט פּאַשען די טשערעדע פון דאָרף הינטערן וועלדל ניט ווייט פון שטעטל, ביי דער זייט זענען פאַראַנען צוויי גרויסע און הויכע בערג וואָס אַ טיפער טאָל טיילט זיי פונאַנדער. אָפטמאָל פלעגט ער זען דעם בעל־שם אַרומשפּאַ־

צירן איבער די בערג. איינמאָל זעט ער ווי דער בעל־שם לויפט איבער אַ באַרג דעם קאָפּ פאַרריסן צום הימל און איז שטאַרק פאַרמוחט. דער פאַסטוך מורא־האָבנדיק, אַז דער בעל־שם וועט ניט באַמערקן, אַז דער באַרג ענדיקט זיך און וועט אַראָפּפאַלן אין טיפן טאָל און דערהרגעט ווערן האָט גענומען שרייען און געוואַל־דעווען, כדי צו רופן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער גרויסער גע־פאַר, אָבער דער בעל־שם איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע געדאנקען, אַז ער האָט גאָרניט געהערט און האָט זיך ווייטער געיאָגט איבערן באַרג.

ביים קליינעם פאַסטוכל האָט דאָס האַרץ שיר זיך ניט אָפּגע־ריסן פון שרעק קוקנדיק ווי דער בעל־שם דערנענטערט זיך מיט האַסטיק־שנעלע טריט צו אַ זיכערן טויט, אָבער צו זיין גרויסער איבעראַשונג, זעט ער, אַז ווי נאָר דער בעל־שם האָט דערגרייכט צום עק באַרג אַזוי האָט דער צווייטער באַרג זיך צוגערוקט, און דער בעל שם האָט אויף אים אַרויפגעשפּאַנט און דערנאָך האָט זיך דער באַרג צוריק אָפּגערוקט. דאַן האָט דער פּויער פאַרשטאַנען, אַז דער בעל־שם איז אַ הייליקער מענטש און די פּאַסירונג איז ביי אים ביז דאַמאָלסט פאַרבליבן פאַר אַ געטלעכן סוד.

אין יענער צייט — האָט דער פּויער פאַרגעזעצט זיין דער־ציילונג — האָט זיך באַוויזן אַ וואָלף אין וואַלד, וואָס פלעגט אים אַנטאָן גרויסע שאָדנס. פון מאָל צו מאָל פלעגט ער זיך אַריינרייסן אין טשערעדע און אַוועקשלעפּן אַ ציגעלע אָדער אַ שעפּעלע. דער פאַסטוך צוזאַמען מיט די פּויערים פון דאָרף האָבן אָנגענומען פאַר־שידענע מיטלען אויף צו פאַרטרייבן דעם וואָלף און ס׳האָט ניט געהאָלפן, דאַן האָט ער באַשלאָסן זיך ווענדן נאָך הילף צום בעל־שם און איינמאָל, ווען דער בעל־שם האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די בערג האָט ער אים אָפּגעוואַרט ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים און האָט אים דערציילט וועגן זיין אומגליק און געבעטן ביי אים הילף. דער בעל־שם האָט אויף אים רחמנות געקראָגן און אים

געגעבן זיין שטעקן און אָנגעזאָגט, אַז ווען דער וואָלף וועט זיך באַווייזן זאָל ער אויפהויבן דעם שטעקן און אויסרופן: „אַנטלויף, וואָלף, דער בעל־שם וועט דיך שלאָגן״! און כך הוה, ווי נאָר דער וואָלף האָט זיך באַוויזן האָט ער אויפגעהויבן דעם שטעקן און האָט א געשריי געטאָן: „אַנטלויף, וואָלף, ווייל דער בעל־שם וועט דיך שלאָגן״! און דער וואָלף האָט זיך דערשראָקן און איז פאַרשווונדן געוואָרן און האָט זיך שוין מער ניט באַוויזן.

אַז דער פויער האָט געענדיקט צו דערציילן האָט ער פלוצים אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און איז באַלד אויפן אָרט אויסגעגאַנגען. אַלע מענטשן זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ געטלעכער שרעק.

ר׳ ישראל רעזשינער האָט זיי איבערגעגעבן וועגן דער צוואה פון זיין הייליקן פאָטער און פאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך די סיבה, פאַרוואָס דער פויער האָט אַזוי פיל מאריך ימים געווען. ער האָט באַדאַרפט מעלדן ר׳ ישראל רעזשי־נער אַז ס׳איז שוין געקומען זיין צייט נתגלה צו ווערן און ער זאָל פאַרנעמען דאָס פלאַץ פונעם צדיק הדור.

די באַפרייאונג פון ר׳ ישראל רעזשינער

ווען דער הייליקער צדיק ר׳ ישראל רעזשינער איז נתגלה געוואָרן און האָט אָנגעהויבן פּראַווען מגידות און גוט־יידישקייט האָבן זיינע שונאים און מתנגדים דערלאַנגט אויף אים אַ מסירה צום גובערנאַטאָר, אַז זיין לערע און התנהגות זענען קעגן דער יידישער תורה און קעגן די געזעצן פון דער מלוכה און דורך זיי פירט ער אַראָפּ די יידישע מאַסן פונעם דרך הישר. דער גובערנאַטאָר האָט באַפוילן, אז מ׳זאָל אים אַרעסטירן און משפטן און מ׳האָט אים גלייך אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער זשיטאָמירער תפיסה.

זיינע חסידים און מקורבים האָבן איינגעלייגט וועלטן, כדי אים באַפרייען פון דער תפיסה און ס׳האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן, זיי האָבן אויך אָנגעשפּאַרט אין אַלע הויכע פענצטער און האָבן גאָרניט געקענט פועלן. דעם מגיד האָט געדראָעט זייער אַ שווערע און האַרבע שטראָף, ס׳האָט אים געדראָעט פאַרשיקט ווערן אין די קאַלטע סטעפעס פון סיביר. אָבער ווען ס׳איז געקומען דער יום הדין איז געשען א מופת: ווי נאָר מ׳האָט אַריינגעפירט דעם רעזשינער מגיד אין געריכטס־זאַל אַזוי האָט זיך דער הויפּט־ריכטער, וועלכער האָט אים געדאַרפט משפטן, אויפגעהויבן פון זיין שטול און איידער עמיצער פון די באַשולדיקטע האָט באַוויזן אויסצורעדן אַ וואָרט, האָט ער אים פרייגעשפּראָכן. דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוואונדערונג און פון גרויס איבעראַשונג. חסידים

דערציילן, אַז דער דאָזיקער ריכטער איז געווען אַ זון פון אַ באַ־ ווסטער און אַנגעזעענער שררה און זייענדיק אַ קינד פון אַ יאָר צען־צוועלף איז ער קראַנק געוואָרן אויף זייער אַ געפערלעכער קראַנקהייט. דער פאָטער זיינער האָט געבראַכט צו אים די בעסטע און גרעסטע דאָקטוירים, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געקענט אויפ־ טאָן, זיי האָבן ניט געקענט געפינען קיין רפואה צו זיין קראַנקהייט און האָבן אים שוין געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. צופעליק איז זיין פאָטער געוואָר געוואָרן פון דער געטלעכער גרויסקייט פונעם ראַדזיוויִלער מגיד ר׳ יצחק ז״ל און איז געקומען צו אים און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין קראַנקן זון און אויס־ פועלן פאַר אים אַ רפואה. חסידים דערציילן, אַז דער ראַדזיווילער מגיד האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האָט אויסגערופן: „רבונו של עולם, דו האָסט אַזוי פיל ערלים אויף דיין וועלט, וואָס אַרט דיך, אַז דו וועט האָבן נאָך איין ערל? לאָז אים לעבן, ער וועט אַמאָל טאָן אַ טובה אַ גרויסן יידן!" און דער חולה איז גלייך געזונט געוואָרן און אַז ער האָט געזען אַריינקומען דעם רעזשינער אין גע־ ריכטס־זאַל האָט פאַר זיינע אויגן אַ שוועב געטאָן דאָס געשטאַלט פונעם ראַדזיווילער מגיד און ער האָט אים איבער דעם באַלד באַפרייט.

אָבער אויך נאָך דער באַפרייאונג האָט דער רעזשינער מגיד זיך ניט געפילט זיכער, זיינע שונאים און מתנגדים האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט, זיי האָבן אים פאַרפאָלגט אויף יעדן שריט און טריט און האָבן אים ניט געגעבן קיין רו. אַלע מאָל זיינען נולד געוואָרן נייע מסירות, וועלכע האָבן געשטעלט זיין לעבן אין גרויס סכנה און דער רעזשינער מגיד האָט ניט געפונען קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר פאַרלאָזן רוסלאַנד און זיך אַריבערשמוגלען קיין עסטרייך־ אונגאַרן מיט דער האָפענונג, אַז דאָרטן וועט ער קענען זיכער, פריי און אומגעשטערט פּראַווען מגידות און גוט־יידישקייט. אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג האָט ער פאַרנומען אַלעס וואָס ער האָט

פאַרמאָגט און האָט זיך אָוועקגעלאָזט צו דער עסטרייכישער גרע־נעץ אָבער קומענדיק אַהנצו האָט ער געטראָפן די גרענעץ שטאַרק באַוואַכט. פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען זייער אַ סך סאָלדאַטן און וועגן איבערגיין האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. דער רעזשי־נער מגיד האָט זיך דאַן געפונען אין זייער אַ פאַרצווייפלטער לאַגע, זיך צוריקקערן קיין רעזשין האָט ער ניט געקענט און אַריבערגיין די גרענעץ איז געווען אוממעגלעך. אַז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט האָט זיך פלוצים באַוויזן פאַר אים אַ עלטערער ייד און האָט אים דערציילט, אַז ער וווינט ניט ווייט פון דער גרענעץ און אַז ער איז איינער פון די ערשטע מקורבים פונעם געטלעכן צדיק ר׳ מאירל פון פרעמישליאַן, פון וועמען דער רעזשינער האָט שטאַרק גע־האַלטן. און איינמאָל, זייענדיק ביי ר׳ מאַירלען ביים שלוש סעודות, האָט ר׳ מאַירל גענומען אַ קליין קוילעטשל פון צוויי חלהלעך און האָט עס צעבראָכן אויף צווייען, איין חלהלע האָט ער פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין שופלאַד און דאָס צווייטע חלהלע האָט ער אים געגעבן און האָט אים אָנגעזאָגט, אַזוי ווי ער וווינט ביי דער גרענעץ, איז אויב ער וועט אַמאָל אָנטרעפן אַ יידן וועמענס אויסזען וועט זיין ווי אַ מלאך אלוקים זאָל ער אים געבן דאָס חלהלע וועט עס אים דינען פאַר אַ שמירה און איבערגעבנדיק אים דאָס חלהלע איז ער גלייך נעלם געוואָרן. דער רעזשינער האָט באַטראַכט דאָס חלהלע און האָט זיך געלאָזט אין וועג און איז אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ בשלום און האָט זיך באַזעצט אין שטאָט סאַדיגערע.

אָבער אויך אין זיין נייעם וווין־אָרט האָבן זיך זיינע צרות און יסורים ניט געענדיקט. אויך דאָרט האָט ער קיין רו ניט געהאַט. די עסטרייכישע רעגירונג האָט אים ניט געוואָלט געבן קיין וווין־רעכט ביי איר אין לאַנד און געדראָעט אים צוריקשיקן קיין רוס־לאַנד און אַדאַנק די באַמיאונגען פון זיינע רייכע חסידים און מקורבים איז דער ענין איבערגעגעבן געוואָרן צו דער באַהאַנדלונג פונעם סענאַט אין ווין. און דער מגיד האָט די גאַנצע צייט געלעבט

אין פחד און און שרעק און איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרדאַגהטער און אַ פאַר־מרה־שחורהטער און האָט קיינעם ניט צוגעלאָזט צו זיך און קיינעם ניט אויפגענומען.

אין אַ טאָג איז געקומען אַ ייד און האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל אים צולאָזן צום מגיד. די גבאים האָבן אים געזאָגט, אַז דער מגיד איז אַ שרוי ביסורים און ער נעמט קיינעם ניט אויף, אָבער דער ייד האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל איבערגעבן דעם מגיד, אַז ער קומט צו אים מיט אַ זייער אַ וויכטיקער שליחות פונעם הייליקן צדיק ר׳ מאַירל פון פרעמישליאַן. אַז דער מגיד האָט עס דערהערט האָט ער גלייך געהייסן אַריינלאָזן דעם יידן.

דער ייד האָט אים דערציילט, אַז ער איז ר׳ מאַירלס אַ חסיד און איז חשוך בנים ל״ע און שוין אַ שטיק צייט, אַז ער גייט נאָך ר׳ מאַירלען, אַז ער זאָל אים בענטשן מיט אַ זרע של קימא און יעדעס מאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט פון אים און לעצטנס איז ער צו אים צוגעשטאַנען. האָט ער אים געשיקט צו אים, צום רע־זשינער, אַז ער זאָל אים געבן זיין ברכה. אַז דער מגיד האָט עס דערהערט האָט ער פאַרוואָרפן מיט די הענט און פיס. ער האָט גע־טענהט אַז ר׳ מאַירל איז אַליין ביכולת בענטשן וועמען ער וויל און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען. אָבער דער ייד האָט אַרויסגענומען אַ קליין חלהלע און געזאָגט, אַז דאָס דאַזיקע חלהלע האָט אים געשיקט ר׳ מאַירל. דער מגיד האָט גענומען דאָס חלהלע און האָט זיך אַביסל פאַרדבקעט דערנאָך האָט ער ארויסגענומען דאָס ער־שטע חלהלע און האָט זיי ביידע געגעבן דעם יידן און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער וועט קומען אַהיים זאָל ער פראַווען א סעודת עניים און זאָל מאַכן „המוציא״ איבער די חלהלעך און השם יתברך וועט זיך איבער אים מרחם זיין און ממלא זיין זיין בקשה, דער ייד האָט אים געדאַנקט און איידער ר׳איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער אים אויך דערציילט אַז ס׳איז שוין פוצן יאָר, אַז ער האָט די חזקה צו זינגען אַלע שבת ביי ר׳ מאַירלס טיש דעם פזמון „יום זה מכובד״ און ניט

טראַכטנדיק קיין סך האָט ער געגומען זינגען מיט גרויס דבקות און מתיקות „יום זה מכובד", אַז אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען אין הויף זענען זיך צונויפגעלאָפן און זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט און האָבן ניט געקענט באַגרייפן, וואָס איז דאָס פאַר אַ זמירות זינגען, פלוצים אין מיטן דער וואָך. אָבער אויך דער מגיד האָט זיך דערוואַרעמט און געגומען נאָכזינגען און מיט אַמאָל איז דער גאַנצער עולם באַהערשט געוואָרן מיט אַ געטלעכער שטימונג און אַלע צוזאַמען האָבן געגומען זינגען מיט התלהבות און ברען דעם זמר „יום זה מכובד" און אין מיטן זינגען איז אָנגעקומען די פריילעכע ידיעה, אַז דער סענאַט האָט דערלויבט דעם מגיד ווינען אין לאַנד. דאַן האָבן אַלע פאַרשטאַנען די באַדייטונג פונעם פלוצימדיקן זינגען דעם פזמון „יום זה מכובד" אין אַ וואָכעדיקן טאָג. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער טאָג איז ווירקלעך אַ יום מכובד פאַרן רעזשינער מגיד און פאַר אַלע זיינע חסידים און מקורבים.

דער ראַזלער מגיד ר׳ יהודה־צבי ז״ל

דער גרויסער גאון און הייליקער צדיק פון ראזלע ר׳ יהודה צבי ז״ל האָט געשטאַמט פון אַ גאונישער און אָנגעזעענער מיוחס־דיקער משפחה, וועלכע האָט זיך זייער קונה־שם געווען אין דער יידישער וועלט, מיט איר טיפע לומדות און הייליקע התנהגות. זיין פאָטער, דער געטלעכער צדיק ר׳ משה פון סאמבאַר, איז געווען אַ באַוווסטער גאון און מקובל, וואָס זיין יחוס האָט זיך געקייטלט ביז דעם תוספות יום טוב. ר׳ צבי יהודה איז געווען אַ גרויסער למדן, א מלא וגדוש אין ש״ס ופוסקים, אַ טיפער קענער אין חסידות און קבלה און אַ גרויסער בקי אין די ספרים פון האר״י הקדוש נאָכפאָלגנדיק זיין דרך אין חסידות. ר׳ יהודה צבי האָט מחבר געווען פיל ספרים און די באַוווסטע צווישן זיי זענען דער „עדת קדושים״, „עמוד התורה״ און „תעלומות חכמה״.

יודעי חן דערציילן, אז ווער עס האָט מעיין געווען אין זיינע ספרים האָט בשום אופן ניט געקענט גלויבן, אַז אַ ילוד אשה האָט זיי אָנגעשריבן, ווייל אַזעלכע טיפע געדאַנקען און סתרי תורה האָט נאָר געקענט אַרויסזאָגן א מלאך אלקים.

חסידים דערציילן אַז צו זעקס חדשים מיט אַ טאָג איז זיין מוטער געגאַנגען מיט אים צו קינד, ווייל דער ראָזלער מגיד איז געווען בבחינת פרץ, דער פאָטער פון די מלכי בית דוד, וואָס

האָט זיך געריסן, מיט געוואַלד, אַרויס לאור העולם און מחמת די מוטער זיינע איז געווען אַ מקשה ללד ר״ל, זי האָט געליטן שרעקלעכע חבלי לידה, איז דער פאָטער זיינער דער הייליקער צדיק ר׳ משה ז״ל, אַוועקגעגאַנגען אין שול און גענומען מתפלל זיין צום בורא עולם, וועלכער איז אַ פוקד עקרות, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין יונגער פרוי און זאָל זי וואָס גיכער אויפבינדן אין דעם האָט ער באַמערקט, אַז די חסידים סודען זיך עפּעס. ער האָט זיך גענומען פאַנאַנדערפרעגן און איז געוווּיר געוואָרן, אַז עמעצער האָט געוואָרפן אַ חשד אויף דער רביצין, אַז דאָס קינד איז אַ פריצייטיקס... דער מגיד איז געוואָרן שטאַרק צעטראָגן, ער האָט מפסיק געווען זיין תפילה און האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים. די רביצין, זעענדיק זיין צוטראַגנקייט האָט געמיינט, אַז ס׳איז איבער זיין גרויסער זאָרג וועגן איר צושטאַנד. האָט זי אים באַרואיקט, אַז זי וועט שוין באַלד אויפגעריכט ווערן ווייל זי פילט אַז דאָס קינד קומט שוין גלייך אַרויס... אָבער דער מגיד האָט איר דערקלערט די אמתע סיבה פון זיין צוטראַגנקייט... דאַן האָט די רביצין אַרויפגעלייגט בײדע הענט אויפן בויך און אויסגערופן: „קינד מיינס, קער זיך אום צוריק און האַלט זיך אויף נאָך אַ שטיקל צייט און ראַטעווע דיין מאַמען פון חרפה און בזיון!״ און דאָס קינד האָט געפאָלגט. ער האָט זיך צוריקגעקערט און זיך אויפגעהאַלטן נאָך צוויי חדשים. אַזוי האָט דער ראָזלער מגיד נאָך זייענדיק בבטן אמו שוין מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אם.

דער ראָזלער מגיד איז געווען אַ גרויסער ענו, ער האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס דער עולם האָט אים געהאַלטן פאַר אַ רבין. ער האָט זיך געשראָקן, טאָמער מאַכן זיי אַ טעות און ער איז גאָר קיין רבי ניט און אַז מ׳פלעגט אים געבן אַ קוויטל מיט אַ פדיון פלעגט ער ניט וועלן נעמען. ער האָט געטענהט, וואָס וועט ער טאָן, אַז אויף יענער וועלט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ער איז ניט קיין רבי, ווו וועט ער נעמען אומצוקערן דאָס געלט פון די פדיונות? און ווען זיינע חסידים זענען נאָכהער צו אים צוגעשטאַ־

נען און ער איז געווען געצוווּנגען נעמען ביי זיי פּדיונות פלעגט ער דאָס געלט אוועקגעגעבן אויף צדקה, שטיצנדיק דערמיט אפילו זיינע פּערזענלעכע שונאים און מתנגדים און אַליין פלעגט ער זיך דערנערן פון רבנות. און חוץ לזה איז ביים ראזלער מגיד מפּני כּמה טעמים געשטאַנען רבנות אויף אַ פיל העכערער מדרגה ווי רביישקייט. ער פלעגט זאָגן, אַז אַ רב קען אָנווייזן, וואָס ער האָט געמוזט איבערלערנען ביז ר'איז געוואָרן רב, ער האָט געמוזט איבערלערנען לפּחות די פיר חלקים ש"ע און אַ רבי קען ניט אָנווייזן וואָס ער האָט געמוזט איבערלערנען ביז ר'איז געוואָרן רבי; אויף אַ רב איז פאַראַנען אַ מבין און אויף קיין רבין איז קיין מבין ניטאָ, אויף פירן רבנות דאַרף מען האָבן בלויז איין שטאָט און אויף פּראַווען רבישקייט מוז מען האָבן אַ סך שטעט. ער פלעגט אויך זאָגן, אַז צו זיין אַ רבי איז אַ גרויסע תאוה און נאָכגעבן זיך די דאָזיקע תאוה מעג נאָר דער וואָס האָט באַוויזן גובר זיין און צעבּרעכן אַלע איבעריקע תאוות פון עולם הזה און ער פילט זיך ניט בכוח אַז ער זאָל עס קענען דערגרייכן, דערום פלעגט ער בעטן זיינע חסידים אַז זיי זאָלן אים האַלטן נאָך פאַר אַ רב און ניט פאַר קיין רבין.

דער ראזלער מגיד איז געווען אַ גרויסער מחמיר און איידער ר'איז געוואָרן אַ מורה הוראה האָט ער זיבעציק מאָל איבערגעלערנט די דינים פון איסור והיתר, פונדעסטוועגן איז ער איינמאָל שיער ניט נכשל געוואָרן. ערב שבת איז אַמאָל געקומען אַ קצב אים פרעגן אַ שאלה, ער האָט געפונען אַ נאָדל אין דער ריאה פון דער בהמה. דער מגיד האָט עפּעס שטאַרק ניט מדקדק און האָט כּשר געמאַכט. פאַר ליכט בענטשן האָט ער געגומען אַריינטראַכטן אין דער שאלה און האָט אויסגעפונען, אַז ס'איז טריף. דער מגיד האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל פונעם פלייש האָבן יידן פון שטאָט שוין לאַנג אָפּגעקאָכט זייערע שבתדיקע מאכלים. ער איז שוין געווען גרייט צו שיקן זיין שמש איבערן שטאָט און אויסרופן, אַז סיי די מאכלים און סיי די כּלים זענען טריף, נאָר ער האָט זיך

דעם קויף און אַזוי ווי ער וועט נישט האָבן קיין געלט צו באַצאָלן, אָבער באַטראַכט, אַז ער וועט זיך פריער אָנפרעגן ביי זיין פעטער און שווער, דער הייליקער צדיק ר׳ צבי הערש ז״ל, אָבער, אַז ער איז אַריינגעקומען צו אים איז ער שוין געשטאַנען די מנחהדיקע שמונה עשרה. דער מגיד איז געשטאַנען ווי אויף ברענענדיקע קוילן, ער האָט ניט געקענט געפינען קיין עצה וואָס צו טאָן. פלוצלינג איז ר׳ צבי הערש אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה און האָט זיך אָנגערופן צו אים: „גיי, זיי מקבל שבת, מן השמים האָט מען מיר מודיע געווען אַז ס׳איז כשר!״ דער מגיד איז געגאַנגען מקבל שבת זיין, אָבער ער האָט זיך אינגאנצן ניט באַרואיקט, ווייל תורה לא בשמים היא. גייענדיק פון דער שול אַהיים הערט דער מגיד ווי צוויי מיידעלעך שמועסן צווישן זיך און איינע דערציילט דער צווייטער, אַז זי האָט היינט גאַנץ פרי פאַרבאַהאַלטן די נאָדל אין דער ריאה פון דער בהמה, דאַן איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די נאָדל האָט מען אַריינגעשטעקט אין דער ריאה לאחר שחיטה.

דער ראזלער מגיד איז נפטר געוואָרן אין יאָר תר״ח זיבן טאָג אין חודש חשון, אין עלטער פון 57 יאָר. נאָך מיט צוויי וואָכן פריער הושענא רבה נאָך הושענות האָט ער אַריינגערופן אַ סופר צו זיך און האָט זיך פאַרשפאַרט מיט אים אין צימער און האָט אים געהייסן שרייבן א צוואה, ער האָט אים דערציילט, אז מן השמים האָט מען אים מודיע געווען, אַז ער זאָל זיך גרייטן גיין בדרך כל הארץ און אַז ער פילט אַז באַלד נאָך יום־טוב וועט ער נסתלק ווערן. אינעם טאָג פון זיין פטירה האָט ער געצומען זאָגן מיט גרויס התלהבות און אויף אַ שטאַרק הויכן קול די עשרת הדברות, אַז דער גאַנצער עולם איז פאַרציטערט געוואָרן. דערנאָך האָט ער גענומען לייענען קריאת־שמע און אַז ער האָט פאַרענדיקט די ערשטע פרשה האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

באַלד נאָך קבלת התורה

פון ל״ג בעומר ביז דעם ערשטן טאָג שבועות פלעגט דער צאַנזער מגיד, ר׳ חיים האַלבערשטאם ז״ל, שבת ביים טיש נישט זאָגן קיין תורה. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז נישט קיין דרך ארץ צו זאָגן תורה פאַר קבלת התורה. ער פלעגט זאָגן, אַז אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז יעדער ייד מחויב זיך הייליקן און רייניקן, ביז ער זאָל דערגרייכן די קדושה עליונה, מיט וועלכער אונדזערע עלטערן זענען געווען דורכגעדרונגען ביים מעמד הר סיני, און כדי צו דערגרייכן צו דער דאָזיקער קדושה עליונה, דאַרף יעדער ייד זיך מתדבק זיין במדותיו של הקדוש ברוך הוא, דאָס הייסט, אַזוי ווי גאָט ברוך הוא איז אַ רחום, דאַרף אויך דער ייד זיין אַ רחום; אַזוי ווי גאָט ברוך הוא איז א חנון, דאַרף אויך דער ייד זיין אַ חנון א. א. וו. און דער צאַנזער מגיד פלעגט שטרענג אָנזאָגן זיינע חסידים און מקורבים, אַז זיי זאָלן זיין שטאַרק זהיר וזהיר אין די פליכטן, וואָס בין אָדם לחבירו און פון ל״ג בעומר ביז דעם ערשטן טאָג שבועות זאָלן זיי גוט בודק זיין זייערע מעשים און מתקן זיין אַלע פגימות, ווייל דער „ואהבת לרעך כמוך״ איז דער הויפּט־יסוד, אויף וועלכן ס׳איז באַזירט די גאַנצע תורה. און דער צאַנזער מגיד פלעגט אין משך פון די פיר וואָכן אָפּטמאָל פאַרקוקן אויפן לימוד התורה און זיך מער אָפּגעבן מיט מצוות מעשיות. ער פלעגט עוסק זיין אין צדקה און אין מעשים טובים

און פּאָר שבועות פלעגט ער אויפנעמען בלויז אָרימע און נויט־באַדערפטיקע יידן און גוט אויספאָרשן זייער לאַגע, נאָכהער פלעגט ער צווישן זיינע רייכע און פאַרמעגלעכע חסידים און מקורבים שאַפן די נויטיקע מיטלען און יעדן איינעם באַהילפיק זיין לויט זיינע באַדערפענישן. אַזוי האָט זיך כל־ימיו נוהג געווען דער צאַנזער מגיד.

איין יאָר האָט זיך פּאָר שבועות צונויפגענומען אין צאַנז אַ גרויסע מחנה אָרעמע און נויטליידנדע יידן. זיי זענען געקומען צום מגיד, אַז ער זאָל זיי העלפן.

דער מגיד האָט זיי אויפגענומען און די אָרעמע און אומגליקלעכע יידן האָבן אויסגעגאָסן פאַר אים זייער שווער, ביטער האַרץ. יעדער איינער האָט געשילדערט זיין שרעקלעכע לאַגע און געבעטן דעם מגיד, אַז ער זאָל אים וואָס גיכער און שנעלער העלפן. אייניקע יידן האָבן אים דערציילט, אַז זיי זענען „יורדים" ר"ל; זיי האָבן פאַרלוירן זייער געלט אין אַ שלעכטן מסחר און האָבן געבעטן דעם מגיד, אַז ער זאָל זיי העלפן זיך צוריקשטעלן אויף זייערע פיס. אַנדערע יידן האָבן זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז זיי האָבן שוין דערוואקסענע טעכטער, בוגרותן, וואָס ס'איז שוין צייט זיי חתונה צו מאַכן און זיי האָבן נישט מיט וואָס. ס'זענען אויך געווען אַזעלכע יידן, וועלכע האָבן מיט צער און מיט ווייטאָג אים איבערגעגעבן, אַז זייערע פרויען, די עקרת הבית, זענען געפערלעך שלאַף און ס'פעלט זיי די נויטיקע מיטלען זיי צו היילן. עס האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר נשרפים, וועלכע האָבן געבעטן דעם מגיד, אַז ער זאָל זיי העלפן צוריק אויפבויען זייערע חורבות, און סתם יידן מחוסר פרנסה ל"ע זענען געקומען צו אים בעטן, ר'זאָל זיי בייהילפיק זיין, אַז זיי זאָלן האָבן פון וואָס צו ציען חיונה.

דער מגיד איז געווען טיף גערירט פון זייערע דערציילונגען און האָט זיך מצער געווען מיט זייער צער און געוויטאָגט מיט

זייער וויטאָג און געזוכט מיטלען, ווי אָרום זיי באַהילפיק צו זיין, פאַרגרינגערן זייער לאַגע און לינדערן זייער נויט. און כאָטש ס'איז ביי אים נישט געווען קיין בייעס; ער איז געווונט אַלע יאָר צו זוכן מיטלען כדי צו העלפן זיינע אָרימע און נויטבאדערפטיקע חסידים, האָבן אָבער יענעם יאָר די נויטליידנדע איבערגעשטיגן סיי אין זייער צאָל און סיי אין זייער נויט און דער מגיד איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק דערשלאָגן און צעטראָגן און געזוכט עצות ווי אַזוי צו שאַפן די נויטיקע מיטלען אויף צו העלפן די אָרימע און נויטליידנדע יידן.

דעם ערשטן טאָג שבועות גאַנץ פרי איידער מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען, האָט דער מגיד געהייסן דעם שמש, אַז ער זאָל איינלאַדן עטלעכע רייכע יידן אויף קידוש. די איינגעלאַדענע זענען געווען שטאַרק איבערראַשט און האָבן געשטוינט פון פאַר־וואונדערונג, ווייל געוויינלעך האָט זיך געפירט אַז דער מגיד האָט שבועות נאָכן דאַווענען געפראַוועט „טיש" פאַרן גאַנצן עולם חסי־דים, אָן אונטערשייד פון אָרעם ביז רייך, אָבער אַז דער מגיד זאָל פראַווען אַ קידוש פאַר ספּעציעל־איינגעלאַדענע, האָט זיך קיינמאָל נישט געמאַכט. איניקע האָבן געזען אין דעם אַ פאַרגי־טיקונג פאַר זיי פונעם צדיק דערפאַר, וואָס פאַר שבועות האָט ער אויפגענומען בלויז אָרעמע חסידים און אויף זיי, אויף די רייכע און מער פאַרמעגלעכע, האָט ער זיך כמעט ווי נישט אומגעקוקט. איבער דעם איז ער זיי איצט מהנה מיט קידוש און וועט זיי אויך מזכה זיין — נאָך אַ לאַנגער הפסקה פון נישט זאָגן קיין „תורה" — צו זיין די ערשטע צו הערן פון אים אַ שיינעם דרוש אָדער אַ ניי פשטל.

נאָכן דאַווענען זענען אַלע איינגעלאַדענע געקומען צום מגיד אויף קידוש. דער טיש איז געווען געגרייט מיט כל־טוב. אינגיכן איז אויך אַריינגעקומען דער מגיד און ווינטשנדיק אַלעמען אַ גוט־יום־טוב, האָט ער זיך געזעצט אויף זיין שטול און האָט זיך גע־ווענדט צו די איינגעלאַדענע מיט פאָלגנדע ווערטער:

אַזוי ווי אַ גרויסער טייל פון אַנשי שלומינו ראַנגלט זיך אין מאַטעריעלער דחקות און אין נויט און זיי צו העלפן, מוז ער אומ־באַדינגט נויטיק האָבן צען טויזנט גילדן, פאָדערט ער זיי אויף, אַז איידער מען מאַכט קידוש, זאָלן זיי שאַפן צווישן זיך די דערמאָנ־טע סומע. אַנדערש וועט ער קיין קידוש נישט מאַכן. און ער האָט זיך גלייך אויפגעהויבן פון זיין שטול און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַלע אַנוועזנדע זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט און מיט שרעק און ציטערניש האָבן זיי גלייך געשאַפן צווישן זיך די גע־פאָדערטע סומע. מ׳האָט געמאָלדן דעם מגיד און ער האָט זיך באַלד צוריקגעקערט אַ פריילעכער, אַ שיינענדיקער און געמאַכט קידוש און געטרונקען לחיים און זיך אָנגערופן צו די ביוועזנדע:

„איר זענט געוויס נייגעריק צו הערן איצט פון מיר עפּעס אַ דבר־תורה, אַ דרוש אָדער סתם אַ פּשטל. זאָלט איר וויסן, אַז די רייד, וואָס איך האָב אייך פריער געזאָגט, זענען די שענסטע דרשה, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַלטן און אַז זי איז די פּאַ־סיקסטע נאָך קבלת־התורה, ווייל דאָס איינציקע, וואָס גאָט ברוך הוא פאָדערט פונעם מענטשן, איז טאָן צדקה און חסד און די אַלע חוקים ומשפטים, וואָס מ׳האָט זיי היינט געגעבן אויפן באַרג סיני, זענען זיי אויך כדי מ׳זאָל לעבן דורך זיי. און אַ דאַנק מיינע פרי־ערדיקע רייד וועלן צוריק אויפלעבן צענדליקער יידישע משפחות.

אַלע ביוועזנדע זענען באַהערשט געוואָרן מיט אַ געטלעכער פרייד. זיי האָבן זיך געפילט גלייך ווי זיי האָבן זיך נאָר־וואָס צו־ריקגעקערט פון באַרג סיני און די דאָזיקע הייליקע רייד האָבן זיי געהערט נישט פונעם מגיד, נאָר מפּי הגבורה, פון גאָט ברוך הוא אַליין.

דער עונש פאַר אַ פורימדיקן שפּאַס

דער צאַנזער מגיד ר׳ חיים האַלבערשטאַם ז״ל האָט געהאַלטן אַז פורים איז זייער אַ גרויסער און הייליקער יום־טוב. ער פלעגט זאָגן, אַז די באַדייטונג פון פורים איז זייער וויכטיק אויף צו פאַר־שטאַרקן און באַפעסטיקן די מידה פון בטחון ביי יידן. ער פלעגט אָפט איבערחזרן די ווערטער פון מגילת אסתר, אַז די יידן האָבן גענומען אויף זיך און אויף זייערע קינדער און אויף אַלע, וואָס באַהעפטן זיך אין זיי, צו פייערן פורים אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן און פלעגט אויך דערמאָנען דעם מאמר חז״ל, אַז לעתיד לבוא וועלן אלע ימים טובים בטל ווערן און בלויז פורים וועט בלייבן. דערפאַר איז פורים ביי אים געווען זייער הייליק און טייער און ער פלעגט אים פייערן מיטן גרעסטן פראַכט און גלאַנץ.

ומשנכנס אדר און ווען ס׳איז אָנגעקומען דער חודש אדר, פלעגט זיך ביים מגיד אין הויף אָנהויבן די הכנות צו פורים. קודם כל האָט מען מגיה־געווען די מגילות און מען האָט פאַרגרייט גראַגערס און הילצערנע סאַנדאַלן, וועלכע דער מגיד און זיינע נאָענטע מקורבים פלעגן זיך נוהג זיין אָנטאָן אויפן לינקן פוס, כדי צו שלאָגן המנען בשעתן לייענען די מגילה. מען האָט אויסגע־ווייסט און אויסגעקאַלכט דעם גרויסן סאַלאָן און מ׳האָט אויסגע־שטעלט לאַנגע שורות טישן און בענק; מ׳האָט פאַרגרייט פאַרשי־דענע וויינען און געטראַנקען און מען האָט באַשטעלט סאַרווערינס

אויף צו באַקן און קאָכן די ספּעציעלע פּורימדיקע געבעקסן פאַר משלוח מנות און די ספּעציעלע פּורימדיקע מאכלים פאַר דער סעודה, וועלכע איז געפּראַוועט געוואָרן רייך און ברייט כיד המלך. מען האָט אויך באַשטעלט פּורים־שפּילער, וואָס זאָלן מבדח זיין און פריילעך מאַכן דעם עולם בשעת דער סעודה און מען האָט אויך אויסגעוויילט אַ פּורים־רבֿ, אַ פּורים־ראש־הקהל און אַ פּור־רים־שמש און מ׳האָט זיי איבערגעגעבן די כלומרשטע אָנפירונג פון דער קהילה איבער דעם פּורימדיקן טאָג, לויטן נוסח פון „ונהפוך הוא״, אַרויסרופנדיק דערמיט פרייד און געלעכטער ביי אַלע בייוועזנדע.

אין אַלגעמיין האָט פּורים ביים צאַנזער מגיד אין הויף גע־הערשט אַביסעלע הפקרות. מ׳האָט דאָרטן פריי און אומגעשטערט אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּעט פון וועמען מ׳האָט נאָר געוואָלט, מ׳האָט אפילו געקיבעצט און געחוזקט פון באַוווּסטע רבנים און פון גרויסע לומדים און תלמידי־חכמים, מען האָט נישט געשאָנע־וועט אַפילו דעם מגיד אַליין און ווען דער עולם איז שוין געווען שטאַרק בגלופינדיק, פלעגט אַ חסיד זיך פאַרשטעלן פאַרן מגיד. ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ שטריימל און אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע און זיך אַוועקגעזעצט אויפן מגידס שטול און נאָכגעמאַכט דעם מגיד, ווי ער פּראַוועט גוט־יידישקייט און ווי ער זאָגט תורה און דער מגיד אַליין האָט עס צוגעזען און געקייכט פון געלעכטער. אַזוי האָט מען זיך געפרייט און פאַרבראַכט פּורים ביים מגיד אין הויף.

אַנדערע רביים און „גוטע יידן״ פון יענער צייט האָבן געקוקט קרום אויף דער דאָזיקער התנהגות פון דעם צאַנזער מגיד. זיי האָבן געטענהט, כאָטש ס׳איז אמת, אַז אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז אַ מענטש איז מחויב זיך צו פרייען און הוליען פּורים עד דלא ידע... פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ גרויס הפקרות און חלול השם צו דערלאָזן, אַז יידן זאָלן זיך פאַרשטעלן פאַר קאָמעדיאַנטן און מחלל זיין הייליגקייטן און שפּעטן און חוזק־

מאַכן פון תלמידי חכמים און פון גרויסע יידן יראים ושלמים און האָבן פאַראויסגעזאָגט, אַז דער צאַנזער מגיד וועט וועז ניט איז כאַפּן אַן עונש פאַר דעם הפקרות, וואָס ער האָט דערלאָזט ביי זיך אין הויף און זייער פאָרויסזאָגונג איז מקוים געוואָרן.

איינמאָל איז אויף פורים אַראָפּגעקומען קיין צאַנז אַ משולח. דער משולח איז געווען זייער אַ וואוילער ייד, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער ירא שמים, נאָר איין שוואַכקייט האָט ער געהאַט, ער האָט ליב געהאַט דעם עמוד. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־מנגן, כאָטש אין דער אמתן האָט ער גאָר נישט גע־האָט קיין קול נגינה. זיין קול איז געווען א קוויטשידיקער און האָט געגרילצט אין די אויערן. דערפאַר האָט מען אים אין זיין שטעטל גערופן „דער גראַגער". דערנערט האָט ער זיך מיט זיין פאַמיליע פון אַ קלייטל פון עסנוואַרג, אין וועלכן זיין ווייב האָט זיך באַ־שעפטיקט און ער האָט זיך שטענדיק פאַרנומען מיט קהלשע עני־נים און אַזוי ווי צוריק מיט אַ שטיקל צייט איז ביי זיי אין שטעטל פון אַ יאַרצייט ליכט פאַרברענט געוואָרן די גרויסע שול, האָט אים קהל אַרויסגעשיקט איבער דער סביבה זאַמלען נדבות אויף צוריק אויפבויען די שול און אָנקומענדיק אויף פורים קיין צאַנז, איז ער געגאַנגען צום מגיד צו דער סעודה און טרעפנדיק דאָרטן אַ גרויסן עולם יידן, האָט ער גלייך גענומען זיך באַווייזן פאַר זיי מיט זיינע „ידיעות" אין נגינה.

די פורים־לצים האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער דאָזי־קער אומגעריכטער מציאה און האָבן זיך גענומען לוסטיק־מאַכן אויף זיין חשבון. זיי האָבן אים אונטערגעצויגן און ער האָט גע־האַלטן אין איין גרילצן און גראַגערן פאַרשידענע פורימדיקע פזמונות און חזנישע שטיקלעך, אַרויסרופנדיק אַ הילכיקן געלעכ־טער ביי אַלע ביוועזנדע.

אין דעם האָט זיך לצים פאַרגלוסט אַ שפּאַס־טאָן און מ'האָט אים פאַרגעלייגט צו בלייבן ביי זיי חזן אין גרויסן בית־המדרש.

דער משולח האָט עס אָנגענומען פֿאַר ערנסט און האָט מסכּים געווען און טאַקע באַלד האָט מען אים געמאַכט אַ כּתב, אויף וועלכן עס האָט זיך אונטערגעשריבן דער פּורים־רבֿ און דער פּורים־ראָש־הקהל.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט דער משולח, נישט חושד־זייענדיק גאָרניט, אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו זיינע בני בית און האָט זיי מודיע געווען, אַז מ׳האָט אים דאָ צוגענומען אַלס אַ חזן אין גרויסן בית־המדרש און האָט זיי געהייסן אויספֿאַרקויפֿן אַלעס און גלייך קומען קיין צאַנז, און אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי טאַקע אָנגעקומען מיטנעמענדיק מיט זיך זייערע שטוב־זאַכן און אַנדערע מטלטלין און דאָ זענען זיי באַלד געוווּיר געוואָרן, אַז דער גאַנצער ענין פֿון חזנות און דער כּתב איז בלויז געווען אַ שפּאַס פֿון די פּורים־לצים, וואָס ביים מגיד אין הויף.

ס׳איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן אויף וויפֿל געבראָכן און דערשלאָגן עס האָט זיך געפֿילט דער משולח און זיינע בני בית פֿון דעם דאָזיקן שמערצלעכן שפּאַס.

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש אין דער חסידישער וועלט און עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטאַרקער קטרוג קעגן דעם צאַנזער מגיד.

— ס׳טייטש! — האָט מען געליאַרעמט — ער האָט דאָך אומגליקלעך געמאַכט אַ יידישע פֿאַמיליע; ער האָט דאָך זיי געבראָכן פֿון ברויט... ער האָט געבראַכט דערצו, אַז דער משולח און זיינע בני בית זאָלן ווערן נע־ונדניקעס, זיי זאָלן בלייבן אין דער פֿרעמד ווי אויפֿן וואַסער, ניט האָבנדיק פֿון וואַנען אַ טאָג איבערצוקומען..

חסידים דערציילן, אַז דער דאָזיקער קטרוג האָט דערגרייכט צום בית־דין של מעלה און דער בית־דין האָט געפּסקנט, אַז דעם צאַנזער מגיד זאָל געצאָלט ווערן מידה כּנגד מידה: אַזוי ווי ער האָט גורם געווען, אַז דער משולח און זיינע בני־בית זאָלן ווערן

נע־ונד, זיי זאָלן אויסוואַנדערן פון זייער היים, זאָל אויך ער, דער צאַנזער מגיד, ווערן נע־ונד, זאָל אָפּריכטן גלות און אַ יאָר כסדר זאָל ער זיין נע־ונד פון זיין היים.

אָבער מרדכי היהודי, וואָס איז אַ דורש טוב און אַ מליץ יושר פאַר אַלע יידן, איז געקומען און האָט זיך משתטח געווען פאַרן כסא הכבוד און האָט געפּועלט, אַז מען זאָל מבטל מאַכן דעם פּסק־דין, ער האָט אָנגעוויזן אַז דער צאַנזער מגיד האָט עס געטאָן לשם שמים, ער האָט עס געטאָן צוליב זיין גרויסער ליבשאַפט און הייליקער אַכטונג צום יום־טוב פּורים, ער האָט עס געטאָן מיט ריינער כוונה, כדי מקיים זיין דעם פּסוק „לעשות אותם ימי משתה ושמחה" און אין דער זעלבער נאַכט איז ער געקומען צו חלום צום צאַנזער מגיד און האָט אים מודיע געווען וועגן קטרוג און וועגן פּסק־דין און האָט אים געעצהט, וואָס גיכער איבערבעטן דעם משולח און מתקן זיין די גרויסע עולה וואָס מ׳איז קעגן אים באַגאַנגען.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער מגיד פאַררופן אַן אסיפה פון זיינע עלטערע תלמידים און נאָענטע מקורבים. מען האָט אויך געבראַכט דעם משולח, דער מגיד האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים מוחל זיין פאַר דעם צער און עגמת נפש, וואָס מ׳האָט אים פאַרשאַפט ביי אים אין הויף און אַלס פאַרגיטיקונג פאַרן היזק וואָס ער האָט גורם געווען, נעמט ער אים צו אַלס זיין גבאי און משמש.

דער משולח האָט מוחל געווען, נאָר מיטן תנאַי, אַז מהיום והלאה זאָל מען ביים מגיד אין הויף זיין זהיר ונזהר בכבודו של כל אדם און פייערנדיק פּורים, זאָל מען שוין מער פון קיינעם ניט שפּעטן און חוזקן.

דער טשאָרטקאָווער רבי ר׳ דוד משה ז״ל

דער טשאָרטקאָווער רבי ר׳ דוד משה איז געבוירן געוואָרן דעם צווייטן טאָג שבועות, בשעת זיין פאָטער, ר׳ ישראל רעזשינער איז געזעסן מיט זיינע חסידים און מקורבים און געפּראַוועט טיש. די עלטערע חסידים זענען צו אים צוגעקומען און פאַרלאַנגט, אַז ר׳זאָל זיי געבן משקה אינעם זכות וואָס השי״ת האָט אים געהאָלפן און די רביצין האָט אים צו מזל געבוירן אַ בן־זכר. אָבער דער רעזשינער רבי האָט זיי געענטפערט, אַז משקה דאַרפן געבן זיי, די חסידים און נישט ער, ווייל דאָס קינד וואָס איז אָקאָרשט געקומען אויף דער וועלט וועט זיין אַ גרויסער צדיק און וועט פיל מיטהעלפן צו מקרב זיין זייערע הערצער לאביהם שבשמים.

דער טשארטקאָווער רבי איז געווען א קדוש וטהור מבטן ומלידה און ווי נאָר ר׳איז אַרויסגעגאַנגען לאויר העולם האָט מען אויף אים באַלד אַרויפגעלייגט דעם עול המצוות: זיין קאָפּ איז צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ יאַרמולקעלע און זיין גוף איז איינגעהילט געוואָרן מיט ארבע כנפות. מען דערציילט, אַז ווען ר׳איז אלט געווען צוויי חדשים האָט ער זיך איינמאָל שטארק צעוויינט און צעשריגן. די רביצין און די דינסטן האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען אים איינצונעמען און איינשטילן, אָבער אומזיסט איז געווען זייער מי, דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין וויינען און

שרייען, אז ס'איז שיר נישט צעריסן געוואָרן. ביי קיינעם איז שוין גאָר נישט געווען קיין צווייפל, אַז דאָס קינד ליידט פון עפּעס אַ שטאַרקן מיחוש ר"ל און מ'האָט שוין געוואָלט שיקן רופן אַ דאָקטאָר. אין דעם איז אַריינגעקומען זיין פאָטער, דער רעזשי־נער רבי און דערהערנדיק דאָס געוויין פונעם קינד האָט ער גע־זאָגט: מ'האָט אים פאַרגעסן אָנטאָן די ארבע־כנפות, איבער דעם וויינט ער. טוט אים אָן די ארבע כנפות וועט ער אויפהערן וויינען. און כך הוה: עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די דינסט, איבערוויק־לענדיק דאָס קינד, האָט פאַרגעסן אים אָנטאָן די ארבע־כנפות און ווי נאָר מ'האָט זיי אים צוריק אָנגעטאָן האָט ער זיך גלייך בארו־איקט און אָנטשוויגן געוואָרן. איבער דער דאָזיקער פּאַסירונג פלעגן אים די שטוב מענטשן רופן: „דאָס ציצית יידל".

מען דערציילט, ווען דער טשאַרטקאָווער רבי איז אַלט געווען זיבן יאָר האָט איינמאָל, אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה, אויסגעבראָכן אַ שרפה ביי זיין פאָטער אין הויז. אין שטוב איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל, די שטוב מענטשן האָבן אין גרויס איילעניש גענומען ראַטעווען וואָס ס'האָט זיך געלאָזט און געגרייט פאַר־לאָזן דאָס הויז. פּלוצים האָט דער רעזשינער רבי באַמערקט, אַז דער קליינער דוד משהלע פעלט. ר'איז אויף גיך אַריין צו אים אין צימער און צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט ער אים גע־טראָפן ליגן רואיק אין בעט מיט אָפענע אויגן. קום גיכער! — האָט דער רעזשינער אויסגעשריגן — די שטוב ברענט! אָבער דער קליינער דוד משהלע האָט אים קאַלטבלוטיק און רואיק גע־געבן צו פאַרשטיין דורך רמזים און תנועות, אַז ער ווייסט, אַז די שטוב ברענט, נאָר אַזוי ווי ער האָט שוין אָפּגעזאָגט די ברכה פון „המפּיל" וויל ער נישט מפסיק זיין. דערזעענדיק די רואיקייט פון קינד האָט דער רעזשינער רבי באַפוילן די שטוב־מענטשן אַז זיי זאָלן זיך נישט רירן פון די ערטער. — ער איז זיכער — האָט ער געזאָגט — אַז אינעם זכות פונעם קינד וועט זיי השי"ת מציל זיין

און ער וועט זיי גאָר נישט שאַטן און כך הוה: פּלוצים האָט זיך געלאָזט אַ שטאַרקער רעגן און דאָס פייער איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

דער טשאָרטקאָווער רבי פלעגט זייער ווייניק שלאָפן, יומם ולילה פלעגט ער זיצן על התורה ועל העבודה און בלויז געציילטע שעהען איז ער געשלאָפן. איינמאָל נאָך יום־כפור זענען פאַריבער עטלעכע נעכט דורכאַנאַנד וואָס ער האָט אַפילו מיט קיין אויג נישט צוגעטאָן. די רביצין איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַרזאָרגט, זי האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל זיך נישט אָפּרופן אויף זיין שוואַכן געזונט. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים געבעטן, אַז ר׳זאָל נישט פאַרשאַפן קיין יסורים איר מיט די קינדער און זאָל זיך צולייגן אַביסל אָפּרוען, אָבער דער רבי איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און האָט נישט געהערט איר געבעט. האָט די רביצין אָנגעשטעלט איינעם פון די עלטערע חסידים ר׳ נחום שותק ז״ל, אַז ר׳זאָל זען פועלן ביים רבין, אַז ר׳זאָל זיך צולייגן שלאָפן אַביסל. מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן איז דער אַלטער ר׳ נחום שותק צוגעגאַנגען צום רבין און האָט אים דערקלערט די גרויסע זאָרג וואָס באַהערשט זיין פאַמיליע און די חסידים איבער זיין נישט שלאָפן... אָבער דער רבי האָט אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן און האָט אויסגעשריגן: „דיר איז גוט, דו קענסט רוען! דו קענסט שלאָפן! אָבער וואָס זאָל איך טאָן? שוין עטלעכע טעג אַז עס שטייט פאַר מיר אַ מענטש אַ גרויסער בעל־עברהניק און איך קען זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן: אַרייננעמען אים אין כלל ישראל איז זייער ביטער, ווייל ר׳איז זייער אַ חוטא ופושע, און אַרויסוואַרפן אים פונעם כלל ישראל איז מיר זייער שווער, אַ שאָד אַ נפש! און דאָס איז די סיבה וואָס איך קען נישט שלאָפן״.

— אָבער, רבי — האָט זיך ר׳ נחום אָנגערופן — מיטן נישט שלאָפן פאַרדאַרבט מען זיך דאָס געזונט און אין דער הייליקער

תורה שטייט געשריבן: ושמרתם לנפשותיכם. און דער רבי האָט געענטפערט, אַז אויב מען איז זיך מתדבק בלב ונפש אין די מידות פון השי״ת קען מען זיך באַגיין פערציק טעג און פערציק נעכט אָן עסן און אָן שלאָפן און עס שאַדט גאָר נישט.

דער טשארטקאָווער רבי האָט זיך נוהג געווען אַז מ׳האָט אים איינגעלאָדן אויף אַ ברית מילה און מכבד געווען מיט סנדק איז ער פריער געגאַנגען זיך טובלען אין די וואַסערן פון טייך. ס׳האָט געמעגט דונערן און בליצן, ס׳האָט געמעגט בושעווען אַ שרעקלע־כער שטורעם אָדער אַ ברענענדיקע קעלט וואָס האָט געדראָעט מיט סכנת נפשות, ער האָט זיך נישט געזעצט סנדק ביזקל ער האָט נישט געהאַט קיין טבילה אין טייך. די חסידים און מקורבים וועלכע האָבן געוווסט פונעם דאָזיקן מנהג זיינעם פלעגן טאַקע אויסמיידן אים מכבד זיין מיט סנדק באַזונדער אין די ווינטער מאָנאַטן, כדי נישט ברענגען דערצו, אַז ר׳זאָל דאַרפן איינשטעלן זיין לעבן אין אַ סכנה.

איינמאָל אין אַ קאַלטער ווינטערדיקער נאַכט איז דער רבי געפאָרן אין וועג. פלוצים האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער שניי שטורעם און האָט פאַרשאָטן דעם וועג און דער רבי מיט זיינע באַגלייטער האָבן אַ גאַנצע נאַכט געבלאָנדזשעט און זיינען שיר נישט אומגעקומען פון קעלט. ערשט גאַנץ־פרי האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ ישוב און זענען פאַרפאָרן צום רב אין שטוב. פונקט דעמאָלט איז ביים רב פאָרגעקומען אַ ברית מילה. דער־זעענדיק ביי זיך אין הויז דעם טשארטקאָווער רבין האָט דער רב זיך שטאַרק דערפרייט און האָט געמאָלדן דעם רבין אַזוי ווי ביי אים איז היינט אַ ברית מילה איז ער אים מכבד מיט סנדק. דער רבי האָט אַפילו נישט אָפגעטרייסלט פון זיך דעם שניי פון וועג און איז גלייך אַוועק צום טייך און זיך טובל געווען. דער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוווּנדערונג. נאָך דער טבילה איז מען געגאַנגען דאַווענען. געדאַוונט האָט מען אין אַ קאַלטער שול

ווו ס'איז נישטאָ קיין הרובע. אַלע האָבן זיך געשראָקן, אַז דער רבי וועט פאַרפרוירן ווערן אין שול, אָבער ווי גרויס איז געווען זייער איבערראַשונג ווען צו „וכרות עמו הברית" האָט דער רבי אויפגעהויבן דעם טלית און זיי האָבן דערזען אַז טראָפּנ שווייס רינען איבער זיין געזיכט.

דער טשאַראַקאָווער רבי איז נפטר געוואָרן הושענא רבה אויף דער נאַכט אין עלטער פון 77 יאָר. ער האָט זיך געהייליקט, אָב־געטאָן זיינע שענסטע קליידער און האָט צוגערופן זיין זון, זיין ממלא מקומו ר' ישראלן און האָט אים געבענטשט און אָנגעזאָגט אַז ר'זאָל באַזוכן ארץ־ישראל. נאָכהער האָט ער אָנגעהויבן זאָגן נשמת און ווען ר'איז געקומען צו די ווערטער לדוד ברכי נפשי את ה", האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

ר׳ יצחק-אייזיק סאפרינער ז״ל

ר׳ יצחק-אייזיק אייכענשטיין איז געווען פון די גרעסטע חסי-דישע מנהיגים און פון די באַוואוסטע גאונים פון זיין דור. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעענער גאונישער און מיוחסדיקער פאַמי-ליע. ער איז געווען דעם תוספות יום-טובס אַן איניקל און נאָך זייענדיק אַ קינד האָט ער שוין געשמט פאַר אַן עילו, און ווען ר׳איז נאָך געווען אַ יונגער בחור איז ער שוין געווען בקי על פה אין גאַנץ תלמוד בבלי, און אין אַלע פיר חלקים שלחן ערוך. ר׳איז אויך געווען אַ טיפער קענער אין חסידות און אין קבלה, ער איז געווען אַ תלמיד מובהק פונעם לובלינער חוזה ר׳ יעקב יצחק ז״ל. און לויט זיין פרומקייט, טיפע לומדות און גרויסע בקיאות וואָלט ער געקענט פאַרנעמען דעם כסא הרבנות אין איינער פון די גרעס-טע יידישע קהילות, נאָר זייענדיק פון דער נאַטור אַ באַשיידענער מענטש און האַלטנדיק שטאַרק פונעם מאמר חז״ל: „ושנא את הרב-נות״, האָט ר׳ יצחק אייזיק נישט געוואָלט מאַכן די תורה פאַר קיין האמער אויף צו גראָבן מיט אים און אויך נישט פאַר קיין קרוין אויף זיך גרויסן דורך איר און האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער פרנסה. ער איז געוואָרן אַן אַרענדאַר. ער האָט געהאַלטן די קרעטש-מע אין דאָרף סאפרין, נישט ווייט פון דער שטאָט סאמבאר. איבער דעם איז ער געווען באַוואוסט אין דער חסידישער וועלט אונטערן

נאָמען: ר׳ יצחק סאַפּרינער, אויפן נאָמען פונעם דאָרף, ווו ער האָט געוווינט.

די ערשטע צייט איז ר׳ יצחק סאַפּרינער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. די קרעטשמע האָט אים געגעבן קנאַפּ פּרנסה און ער האָט געלעבט אין דחקות, און אין נויט. נאָר פּלוצלינג, אומגערעכט, האָט אים אַ שפּיל געטון דאָס מזל און ר׳איז באַגליקט געוואָרן און געשען איז אָט וואָס: דער פּריץ פונעם דאָרף ווו ר׳ יצחק אייזיק האָט געוווינט, האָט גדאַרפט מאַכן אַ באַלאַנס וויפל זיינע גיטער האָבן אים אַריינגעבראַכט אין משך פון אַ געוויסער צאָל יאָרן און קיינער פון זיינע בוכהאַלטערס האָט נישט געקענט דורכפירן דעם דאָזיקן באַלאַנס און אַזוי, ווי ר׳ יצחק אייזיק האָט געשמט פאַר אַ גרויסן בעל־חשבון האָט אים דער פּריץ גערופן צו זיך און האָט אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל אים מאַכן דעם באַלאַנס. ר׳ יצחק אייזיק האָט זיך אונטערגענומען און אין משך פון געציילטע עטלעכע טעג האָט ער אים צוגעשטעלט אַ גענויעם און פּינקטלעכן באַלאַנס. דער פּריץ איז געווען זייער צופרידן און אַלס דאַנקבאַרקייט האָט ער אים אַוועקגעשענקט די קרעטשמע, די מיל און אַלע וועלדער, וואָס זענען געווען אַרום דעם דאָרף און ר׳ יצחק אייזיק איז זייער רייך געוואָרן.

ווערנדיק רייך איז ר׳ יצחק אייזיק נישט גרויס געוואָרן ביי זיך נאָר ער האָט געפירט אַן איינפאַכן באַשיידענעם לעבן און די גרעסטע טייל הכנסה פון זיינע גיטער האָט ער צעטיילט אויף צדקה צוועקן און אויף צו שטיצן אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע. אין יענער צייט האָט פּאַסירט, אַז אַ פּריץ פון רוסיש־פּוילן האָט געמאָנט געלט ביי איינעם אַ יידן וואָס ס׳איז אים געקומען, און אַז דער ייד האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן, האָט דער פּריץ ביי אים צוגענומען פאַרן חוב זיינע צוויי קליינינקע מיידעלעך פאַר אייביקע דינסטן, און דער ייד און זיין פרוי זענען פון גרויסע צרות און עגמת נפש — קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אַז ר׳ יצחק אייזיק איז דער־

פון געוויר געוואָרן איז ער געפּאָרן צום פּריץ און האָט אים באַ־צאָלט דעם גאַנצן חוב וואָס ער האָט געמאָנט ביים יידן און האָט אָפּגענומען די צוויי מיידעלעך, און האָט זיי געבראַכט צו זיך אַהיים און האָט זיי דערצויגן ווי אייגענע קינדער און אַז זיי זענען גרויס געוואָרן, האָט ער זיי חתונה געמאַכט מיט באַוווסטע גאונים.

ר׳ יצחק אייזיק סאפרינער איז געווען א גרויסער ענו און אַ בעל־מידות. ער האָט געהאַט זייער אַן איידעלן כאַראַקטער און האָט געשמט מיט זיינע גוטע מידות און שיינע זיטן. ער איז געווען זייער שטאַרק זהיר אין דער מצווה פון לא תלך רכיל און אויף זיין גאַנצן לעבן האָט ער נישט גערעדט און האָט אויך נישט גע־לאָזט קיין אַנדערן רעדן פון עמיצן צו שלעכטן. ער פלעגט זאָגן, אַז רכילות און לשון הרע ברענגען אום דעם מענטשן פון דער וועלט. ר׳ יצחק אייזיק סאפרינער איז אויך געווען שטאַרק זהיר אין כבוד הבריות. ער האָט אויף זיין לעבן קיינעם נישט באַליידיקט און צו יעדן מענטשן, אָן אונטערשיד פון יונג ביז אַלט און פון אָרעם ביז רייך, האָט ער זיך באַצויגן מיטן גרעסטן כבוד און דרך־ארץ. זיינע משרתים און דינער זענען ביי אים פאַררעכנט געווען ווי זיינע בני בית און אָן זיי האָט ער זיך נישט געזעצט צום טיש, ווייל ר׳ יצחק אייזיק האָט זיך נוהג געווען צו עסן צוזאַמען מיט זיינע משרתים און דינער ביי איין טיש. איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ דינער איז אַוועקגעגאַנגען וועגן עפּעס אַ שליחות און האָט זיך פאַרזאַמט און ביי ר׳ יצחק אייזיקן זענען דעמאָלט געווען חשובע געסט און ס׳איז שוין לאַנג געווען די צייט פון עסן. די טישן זענען שוין געווען געגרייט, אָבער מ׳האָט זיך נישט געזעצט עסן ביז דער דינער האָט זיך נישט צוריקגעקערט. עס האָט אויך אַמאָל פּאַסירט, אַז איינער פון זיינע דינער איז פאַרשלאָפט געוואָרן און האָט פרייטיק צו נאַכט נישט געקענט אַריינקומען צום קידוש, האָט ר׳ יצחק אייזיק גענומען דעם גאַנצן עולם און איז געגאַנגען צום שלאָפן דינער אין צימער און האָט דאָרטן קידוש געמאַכט.

ר׳ יצחק אייזיק סאפרינער האָט שטאַרק מקפּיד געווען, אַז ביי יעדן עסן זאָל מען רעדן פון תורה, ווייל עסן אָן תורה זאָגן, האָט ביי אים אויסגעזען, גלייך ווי מ׳זאָל עסן מזבחי מתים, און ס׳פלעגט טאַקע ביי אים אין שטוב נישט אַריבער קיין סעודה אפילו אין דער וואָכן, ווו מ׳זאָל נישט רעדן פון תורה און אַז זיינע קינדער האָבן אָנגעהויבן לערנען, האָט ער איינגעפירט, אַז יעדן טאָג זאָל אַ קינד זאָגן עפּעס אַ דבר תורה.

ר׳ יצחק אייזיק סאפרינער האָט געהאַט פינף זין און איין טאָכ־טער. די פינף זין זענען געווען אַלע גוט באַוווסט און באקאנט אין דער חסידישער וועלט אַלס גרויסע צדיקים און אָנערקענטע גאונים און מיט זייערע תורה מאמרים, שאלות ותשובות און באַזונ־דער מיט די פיל ספרים, וואָס זיי האָבן מחבר געווען אויף די געביטן פון ש״ס ופוסקים און חסידות און קבלה, האָבן זיי זייער באַרייכערט דעם אוצר פון דער רבנישער און חסידישער ליטעראַ־טור. דער באַרימטסטער פון די פינף זין איז געווען דער עלטערער, דער הייליקער צדיק ר׳ צבי הירש פון זידיטשאָוו. מ׳דערציילט, אַז די רביצין האָט אים געבוירן, דורכפאַרנדיק אַ וואַלד און אַזוי ווי ער האָט געהייסן הירש, זאָל דער לובלינער חוזה געווען האָבן אַמאָל וועגן אים זיך אויסגעדריקט, אַז נישט פון אַלע וועלדער קו־מען אַרויס אַזעלכע הירשן...

ר׳ יצחק אייזיק סאפרינער האָט אויך געהאַט אַ זעקסטן זון, אַ מעזוניקל, אָבער יענער איז געשטאָרבן ווען ר׳איז נאָך געווען אַ פּיצל קינד און וועגן זיין טויט דערציילן חסידים פאָלגנדע מעשה: ווען דאָס קינד איז אַלט געווען קנאַפּע צוויי יאָר האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ שטיקל חמץ אין פּסח און איז צוגעשטאַנען צו דער רביצין, אַז זי זאָל אים געבן עסן אַ שטיקל חמץ. די רביצין איז דערציטערט געוואָרן פון אַזאַ מאָדנעם פאַרלאַנג און האָט אים גע־פּרוווט אָפּרעדן דערפון. אָבער דעם קינד האָט שטאַרק פאַרשמעקט חמץ און איז געבליבן ווי פאַרחלשט; מ׳האָט געפילט, אַז ס׳גייען אים

אויס די כוחות... די רביצין, כאָטש זי איז געווען אַ גרויסע מלומדת און האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן פּקוח־נפש, האָט זי אָבער נישט געקענט אַליין באַשליסן וואָס צו טון, זיך ווענדן צום רבין האָט זי מורא געהאַט, איז זי געגאַנגען פרעגן אַן עצה ביי איר עלטערן זון, ר' צבי הירש. אָבער ווי נאָר ער האָט דערהערט וואָס דאָס קינד פאַרלאַנגט, האָט ער זיך שטאַרק אויפגערעגט און אויס־געשריגן, אַז אַ ברודערל, וואָס וויל עסן חמץ אין פּסח, דאַרפן זיי נישט און דאָס קינד איז באַלד זייער קראַנק געוואָרן און איז תיכף געשטאָרבן.

ר' יצחק אייזיק סאפרינער איז נסתלק געוואָרן צוויי טעג אין אדר אין יאָר תק"ס, און נאָך זיין טויט האָבן זיינע זין פאַרנומען רבנות־אַמטן אין די שטעט זידיטשאָוו, סאמבאר און קאמארנא, און האָבן דאָרטן אויך געפּראַוועט גוט־יידישקייט, דערוועדבנדיק זיך טויזנטער חסידים אינעם זכות פון זייער גרויסן פאָטער.

דער טריסקער מגיד און דער עונש

ס׳ווערט דערציילט, אַז ווען דער טריסקער מגיד, ר׳ אברהמע־לע, האָט באַדאַרפט געבוירן ווערן, איז זיין מוטער געווען אַ מקשה ללד ר״ל. אַכט מעת־לעת דורכאַנאַנד איז זי געגאַנגען צו־קינד, זי האָט געליטן שרעקלעכע חבלי לידה און אירע געשרייען און גע־וואַלדן זענען געגאַנגען עד לב השמים. מ׳האָט אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען און סגולות און ס׳האָט נישט געהאָלפן. זענען די אנשי הבית אַריינגעפאַלן מיט אַליאַרם צו זיין פאָטער, דעם טשערנאָבילער מגיד, ר׳ מרדכילע, און האָבן פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין פרוי, אַז זי זאָל וואָס גיכער אויפגעבונדן ווערן. אָבער דער טשערנאָבילער מגיד האָט געענטפערט, אַז ער קען גאָרנישט טון, ווייל דאָס קינד, וואָס קומט אויף דער וועלט, איז אַ גרויסער צדיק און אונדזערע חז״ל זאָגן אויפן פסוק ובא השמש וזרח השמש וכ״ו, אַז ביז ס׳זעצט זיך נישט די זון פון איין צדיק, קען נישט אויפשיינען די זון פונעם צווייטן צדיק און אַז ער וועט מתפלל זיין, אַז דאָס קינד זאָל וואָס גיכער קומען אויף דער וועלט, הייסט עס, אַז ר׳איז מתפלל, אַז אַן אַנדער צדיק זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין פון דער וועלט און אַזאַ זאַך קען ער נישט טון.

דערפאַר האָט דער טריסקער מגיד געשמט פאַר אַ צדיק־גדול נאָך מבטן ומלידה און מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מיוחס ביים רבונו של עולם.

חסידים דערציילן, אַז בשעת התפילה איז ער נישט געשטאַנען פאַר גאָט כעבדא קמא מריה, ווי אַ דינער פאַר זיין האַר. נאָר כבן המתחטא לפני אביו, ווי אַ בן־יחיד, וועלכער פעסטשעט זיך פאַר זיין פאָטער; זיין תפילה איז נישט געווען קיין געבעט, נאָר אַ פאָדערונג, זייענדיק זיכער פאַראויס, אַז זיין תפילה וועט אָנגענומען ווערן און וועט פועל זיין. איבער דעם האָט מען זיך געצויגן צו אים מיט קוויטלעך און פדיונות פון אַלע עקן וועלט און דער טריסקער ז״ל, האָט פיל געשטעלט אויף זיך און ממלא געווען יעדנס בקשה: ער האָט אויפגעבונדן עקרות, אויפגעריכט בוגרותן, געגעבן רעגן און געטיילט רפואות און פרנסה צו אַלע זיינע חסידים און מקורבים מיט דער פולער האַנט.

אין יענער צייט האָט געלעבט אַ ייד אַ גביר, וועלכער איז געווען באַוווסט אינעם גאַנצן געגנט פאַר אַ גרויסן אכזר און אַ רשע. דער גביר האָט קיינמאָל קיין נדבה נישט געגעבן און זיין שטוב איז געווען פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער, אַז קיין אָרעמאַן זאָל זיך נישט קענען אַהינצו אַריינקריגן. איינמאָל, אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג, ווען אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכער פראָסט און אַ מוראדיקער שניי־שטורעם, איז דער גביר געפאָרן אין וועג מיט זיין שיינעם שליטן, געשפּאַנט צו פיר ברענענדיקע פערד, איינגעהילט אין אַ וואַרעמען פוטער און האָט געפירט מיט זיך עסנוואַרג און פאַרשידענע געטראַנקען. אין מיטן וועג האָט אים אָפּגעשטעלט אַן אָרעמער ייד, אַן אויסגעמאַטערטער, אַ הונגעריקער, אַ נאַקעטער און אַ באָרוועסער, און שוואַך אָטעמענדיק, האָט ער אים דערציילט, אַז ס׳איז שוין דער דריטער מעת־לעת, ווי ער בלאָנדזשעט און די גאַנצע צייט האָט ער גאָרנישט געהאַט אין זיין מויל, לכן בעט ער אים, אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און דערהאַלטן זיין נשמה מיט עפּעס עסן און טרינקען, און אים ברענגען צו אַ ישוב, ווייל אין קעגנפאַל וועט אים אויסקומען אויסצוגיין אַ פאַרלאָזענער אין פעלד פון הונגער און קעלט. אָבער דער גביר, דער אכזר, האָט אים אפילו נישט געלאָזט ענדיקן; ער האָט אויף גיך געהייסן זיין פורמאַן

אַ טרייב טון די פערד און איז באַלד פאַרשוווּנדן און דער אָרעמער ייד איז אומגעקומען אינעם פּראַסטיקן פעלד.

דער דאָזיקער פאַל האָט אויפגערעגט דעם גאַנצן געגנט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער גביר איז שולדיק אינעם אָרעמאַנס טויט און יעדער איינער האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ הורג נפש און קיין אַנדער נאָמען האָט ער נישט געהאַט ביי קיינעם, נאָר אכזר אָדער רשע.

אין יענעם יאָר איז ביים רשע, וועלכער איז געווען כל ימיו אַ קינדערלאָזער, געבוירן געוואָרן אַ זון, אָבער אַ קריפּל, פּאַראַ־ליזירט אויף די הענט און פיס. דער גביר, דער רשע איז אויסגעווען מיט אים ביי די גרעסטע דאָקטוירים און ס׳האָט נישט געהאָלפן; ער האָט אויך געפּרוּווט פאָרן צו גרויסע צדיקים און בעלי־מופת, אָבער ווייסנדיק זיין גרויסן פאַרברעכן, האָבן זיי אים נישט געוואָלט אויפנעמען: קיין צדיק האָט נישט געקענט ביי זיך פועלן, אַז ער זאָל זיך אונטערנעמען און מתפלל זיין פאַרן רשעס קראַנקן זון. מ׳האָט אויך מורא געהאַט, אַז די תפילה וועט זיין אַ תפילת שוא, ווייל גאָט וועט זי נישט וועלן אויסהערן.

נאָך פיל וואַנדערן און אַרומשלעפּן זיך פון איין צדיק צום צווייטן, איז דער רשע אָנגעקומען מיט זיין קראַנקן זון צום טריס־קער מגיד. דער מגיד האָט געקראָגן רחמנות אויפן אומגליקלעכן קינד און האָט פאַר אים מתפלל געווען. זיינע מקורבים האָבן אים געפרעגט ווי אַזוי שטעלט ער זיך איין און איז מתפלל פאַר אַ רשע, נישט איבערטראַכטנדיק אפילו, טאָמער וועט דער רבש״ע זיין תפילה נישט אָננעמען? און דער מגיד האָט געענטפערט: ס׳שטייט געשריבן ורחמיו על כל מעשיו, גאָטס רחמנות איז אויף אַלע זיינע באַשעפע־נישן, אפילו אויף רשעים און אכזרים און ר׳איז זיכער, אַז דער רבונו של עולם וועט מקבל זיין זיין געבעט און וועט שיקן אַ רפואה שלימה צום אומגליקלעכן קינד, ווייל דער צדיק איז אַ שותף צו גאָט אין מעשי בראשית, און דער דין איז, אַז שותף מה שעשה עשוי, וואָס דער שותף טוט אָפּ, איז פאַרפאַלן און אַז ער האָט שוין

געגעבן די רפואה דעם קינד וועט שוין דער רבש״ע אויך מוזן מסכים זיין.

פון דעמאָלט אָן האָט דער גביר זיך אינגאַנצן געענדערט; זיין געלט האָט ער צעטיילט אָרעמע לייט, זיין גרויס הויז האָט ער איבערגעגעבן פאַר אַ בית־החולים און אַליין האָט ער זיך איבער־געצויגן מיט זיין פרוי און קינד אין אַ קליינער הייזקע און האָט געפירט אַן אָרעמען לעבן.

איינמאָל האָט דער טריסקער מגיד געקראָגן אַן עונש פאַר זיין געוואַגטקייט און צופיל שטעלן אויף זיך. ס'איז אַמאָל געקומען צו אים איינער פון זיינע גאָר נאָענטע מקורבים, אַ ייד אַ למדן און אַ גרויסער ירא שמים און האָט זיך פאַר אים פאַרקלאָגט, אַז ס'גייט אים זייער שלעכט אין דער פרנסה, ס'זענען פאַראַן צייטן, אַז ער מיט זיין פרוי און קינדער האָבן נישט פון וואַנען אַ טאָג איבער־צוקומען. דער מגיד האָט אים געהייסן קויפן אַ לאָטעריע־צעטל און השי״ת וועט העלפן און דאָס צעטל וועט זוכה בגורל זיין. ויעש כן, האָט דער חסיד אַזוי געטון, ער האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים און פאַרקויפט דעם לעצטן חפץ פון שטוב און פאַרן געלט האָט ער געקויפט אַ לאָטעריע־צעטל. אַז ס'איז געקומען די צייט פונעם שפּילן און ס'זענען אַריבער די ערשטע טעג און דאָס צעטל האָט נישט זוכה בגורל געווען, האָט דער חסיד זיך געשראָקן טאָמער וועט עס פאַרשפּילן און ער וועט שאַדן האָבן דאָס געלט, וואָס ס'קאָסט אים, האָט ער גענומען און פאַרקויפט דאָס צעטל זיין שכן, דעם אַפּטייקער, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן אפיקורס און אַ מומר להכעיס און באַלד נאָך דעם האָט דאָס צעטל זוכה בגורל געווען אַ גרויסע סומע געלט.

דער מגיד איז דערפון שטאַרק צעטומלט געוואָרן, ווייל ער האָט מתפלל געווען, אַז דאָס צעטל זאָל זוכה בגורל זיין, אָבער גע־מיינט האָט ער פאַרן חסיד, דעם ירא שמים. צום סוף האָט עס גאָר זוכה בגורל געווען פאַרן אַפּטייקער דעם אפיקורס. ער האָט געזען

בחוש, אַז דאָס האָט ער געקראָגן אַן עונש מן השמים פאַר זיין צופיל שטעלן אויף זיך און וואָס ער האָט געוואַגט אָנווייזן דעם רבונו של עולם אַ דרך ווי אַרום ער זאָל העלפן דעם חסיד. און פון דע־מאָלט אָן איז דער טריסקער מגיד געווען שטאַרק זהיר בתפלתו. און ווען ער האָט עפּעס געבעטן ביים רבש״ע, איז ער געווען זייער פּאַרזיכטיק און האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף יעדן וואָרט, כדי ער זאָל שוין מער נישט קומען צו קיין מכשול.

דער מאנאסטרישטשער רבי,
ר׳ יהושע העשל ראַבינאָוויטש ז״ל

דער מאנאסטרישטשער רבי ר׳ יהושע העשל ז״ל אָדער ווי די חסידים פלעגן אים רופן ר׳ שיקעלע, איז אַ זון פונעם קאנטאקוזע־ווער רבין ר׳ יצחק יואל ז״ל. ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן איז ער געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן און אַלס בכור וואָלט ער באַ־דאַרפט זיין זיין ממלא מקום, נאָר צוליב די אינטריגעס, וואָס האָבן זיך דאַן געשאַפן אין הויף האָט זיין פאָטערס שטול איבערגענומען זיין ברודער ר׳ פנחסל און ער ר׳ שיקעלע איז אַריבערגעפאָרן אין שטעטל מאנאסטרישטש, קיעווער גובערניע, און האָט זיך דאָרטן באַזעצט. אָפזיצנדיק דאָרטן עטלעכע יאָר האָט ער זיך נאָכהער אי־בערגעצויגן, צוליב מער באַקוועמלעכקייטן, קיין אומאַן. אין אומאַן האָט ער געוווינט ביז נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, דערנאָך האָבן זיינע חסידים אים אַריבערגענומען קיין נאָרד אַמע־ריקע, ווו ר׳איז נפטר געוואָרן.

ר׳ שיקעלע מאנאסטרישטשער איז געווען זייער אַן אינטע־רעסאַנטע פערזענלעכקייט, ער איז געווען פון דעם זעלטענעם טיפּ מענטש, וועמען די העברעאישע ליטעראַטור באַצייכנט מיטן טיטל: „איש האשכולות״, אַ מענטש מיט זייער אַ סך מעלות. זיין אויסערלכער אויסזען איז געווען זייער שיין. אַ הויך־וווקסיקער, גאונישער שטערן, אַ פּאָר גרויסע, קלוגע אויגן, אַן הדרת פנים פון

אַ געטלעכן מענטשן, וואָס רופט אַרויס אַכטונג און רעספּעקט ביי יעדן איינעם.

דער מאנאסטרישטשער רבי איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גאון, אַ מלא וגדוש אין ש״ס און פּוסקים, אַ טיפער קענער אין חסידות און קבלה און אַ גרויסער בקי אין דער רבנישער ליטע־ראַטור. ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות פון די גרעסטע רבנים און פלעגט זיך מזלזל זיין אין שאלות ותשובות מיט באַווסטע גאונים און גדולי התורה פון זיין צייט.

ר׳ שיקעלע מאנאסטרישטשער איז געווען דער איינציקער רבי פון דור, וואָס האָט געשריבן אַ שיינעם, מאָדערנעם העברע־איש. ער פלעגט זיך דורכשרייבן וועגן חסידות און רעליגיעזע יידישקייט מיט הלל צייטלין, גרשון באדער א. א. זייער אַן אינ־טערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ וועגן חסידות און קבלה האָט ער גע־פירט אַ לענגערע צייט מיט שמואל אבא גאראדיעצקי, אָבער גאַ־ראדיעצקי האָט אים געמוזט פריער צוזאָגן, אַז ער וועט זיינע בריוו ניט פאַרעפנטלעכן און ווי ס׳ווייזט אויס האָט גאראדיעצקי זיין צוזאָג געהאַלטן, ווייל ביז איצט האָט מען זיי נאָך אין ערגעץ ניט געזען פאַרעפנטלעכט.

דער מאנאסטרישטשער רבי האָט געשמט פאַר אַ גרויסן מנגן, ער האָט באַזיצט אַ ווונדערבאַרע זיסע שטימע מיט וועלכער ער האָט געקענט קאָנקורירן מיט די גרעסטע חזנים פון זיין צייט. זיין דאַוונען האָט געשמט און צוגעצויגן אַן עולם. ווהין ער איז געקומען איז די שול, אין וועלכער ער האָט געדאַוונט געווען גע־פּאַקט מיט צושויער, וואָס זענען געקומען הנאה האָבן פון זיין הארציקער נגינה, פיל יידן ניט קיין חסידים זיינע און אפילו אויך מתנגדים פלעגן פאָרן צו אים דאוונען ימים נוראים כדי צו שעפּן תענוג פון זיינע זיסטע תפילות און ווונדערבאַרע חזנישע נגונים.

דער מאנאסטרישטשער רבי האָט געהאט א טאַלאַנט צו מו־זיך. ער האָט געקענט נאָטן און איז געווען אַן אויסגעצייכנטער

פידלער און אָפטמאָל שבת ביינאַכט, נאָך הבדלה, פלעגט ער נעמען דעם פידל און אָפשפּילן אַ המבדיל אָדער אַן אנדער חסידיש נגונדל, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג ביי אַלע ביי־וועזנדע. באַזונדערס פלעגט ער ליב האָבן שפּילן אויפן פידל מוצאי יום־כפּור, אָבער דאָס איז געווען ניט קיין שפּילן סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר א מין הללוהו בנבל וכינור, אַ מין לויב געזאַנג, תהילות ותשבחות צום בורא עולם פאַרן גרויסן חסד, וואָס ער האָט געטאָן מיט זיין פאָלק ישראל און האָט זיי מוחל געווען זייערע זינד.

דער מאַנאַסטרישטשער רבי האָט געהאַט אַ ספּעציעלן דרך אין חסידות. זיין התנהגות און טיש־פּראַווען זענען געווען אויף אַ מאָדערנעם שטייגער, זיין גוט־יידישקייט איז געווען ניט קיין פּאַ־נאַטישע. זיינע ברידער ר׳ פּנחסל דער קאַנטאַקוזעווער רבי און ר׳ זוסיא דער אַרעלער רבי זענען געווען גרויסע פאַנאַטיקער, איבערהויפּט דער ערשטער דער קאַנטאַקוזעווער רבי, וואָס האָט געפּראַוועט גוט־יידישקייט מיט ברענענדיקער התלהבות און דבקות. אז ער האָט געזאָגט „תורה" האָט ער געגלאָצט מיט די אויגן, געוואָרפן מיטן קאָפּ און געציטערט מיט אַלע אברים געפּור־נענדיק זיך מער אויפן הימל ווי אויף דער ערד. דער מאָנאַס־טרישטשער רבי האָט מיט זיין גוט־יידישקייט קיינמאָל ניט גע־וואָלט דרעגרייכן דעם הימל, ר׳איז שטענדיק געווען אויף דער ערד.

אַ פעטער זיינער, דעם פאָטערס אַ ברודער, ר׳ יוסף ראַבינאָ־וויטש, וועלכער איז נאָך אין דער יוגנט געוואָרן אַ „יוצא לתרבות רעה" און ניט וועלנדיק זיין קיין רבי האָט ער אויסגעוואַנדערט אין די פאַרייניקטע שטאַטן און איז דאָרטן געוואָרן אַ רב האָט אים אַמאָל געשריבן פאָלגנדע ציטאַטן פון סידור: „הכל יודוך, הכל ישבחוך והכל יאמרו, אין קדוש..." מיט דער דאָזיקער קור־צער ציטאַטע האָט ער זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט ר׳ שיקע־לען אַלס מענטש און אַלס רבי.

דער מאָנאַסטרישטשער רבי האָט געשמט פאַר אַ גרויסן חכם און צווישן פאָלק זענען אַרומגעגאַנגען וויצן זיינע און גלייך־ווערטלעך. מען דערציילט, אַז אַן עלטערער חסיד האָט אים אַמאָל געפרעגט: ס'טייטש ער פאַרמאָגט אַזוי פיל ספּעציאַליטעטן, ער וואָלט מיט זיין גרויסע לומדות געקענט פאַרנעמען אַ כסא הרבנות אין די גרסטע שטעט פון דער וועלט, ער וואָלט מיט זיין זיסער מעכטיקער שטימע געקענט באַקומען אַ חזנות שטעלע אין די גרעסטע יידישע קהלות א. א. וו. און צום סוף האָט ער זיך גאָר אויסגעקליבן פאַר אַ קאַריערע צו זיין אַ רבי וואָס פאָדערט ניט קיין קענטענישן און ניט קיין ספּעציאַליטעט? דערויף זאָל אים ר' שיקעלע האָבן געענטפערט אַז טאַקע דערפאַר האָט ער בעסער אויסגעקליבן צו זיין אַ רבי ווייל אויף אַ רב, אַ חזן א. א. וו. זענען פאַראַנען מבינים און אויף קיין רבין איז קיין מבין ניטאָ...

מען דערציילט, אַז אַ יונגערמאַן אַ משכיל האָט זיך אַמאָל באַרימט פאַר ר' שיקעלען, אַז זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, צען טויזנט רובל. ר' שיקעלע האָט אים באַ־מערקט, אַז ער האָט זיך ניט מיט וואָס צו באַרימען, ווייל ער האָט באַקומען אַ גרעסערע און זיכערע ירושה פון זיין פאָטער: אים, דעם יונגנמאַן האָט זיין פאָטער איבערגעלאָזט צען טויזנט רובל, וואָס קענען זיך אויסלאָזן, אָבער אים ר' שיקעלען, האָט זיין פאָ־טער איבערגעלאָזט צען טויזנט חסידים וואָס וועלן זיך „מעלקן" אַלע זייערע יאָרן.

אַ חסיד האָט אַמאָל געזען אַריינקומען צום רבין אַ דייטש, אַ גלוח און אַ קורץ געקליידעטער און דער רבי האָט אים אָפּגע־האַלטן ביי זיך אין צימער און אָפּגעשמועסט מיט אים אַ פּאָר שעה צייט. דער חסיד האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט. סטייטש — האָט ער געטענהט — ער, דער חסיד, באַזוכט דעם רבין עטלעכע מאָל דורכן יאָר און אַז ער קומט אַריין צום רבין אין צימער האַלט ער אים אָפּ קוים 5 מינוט, ער גיט אים שלום

און אַ ברכה אויף געזונט און פּרנסה און פּטרט אים גלייך אַרויס און דאָ קומט אַ ייד אַ דייטש און נאָך אַ גלות דערצו און דער רבי האַלט אים אָפּ צוויי שעה צייט ביי זיך אין צימער. אַז דער דייטש איז אַוועקגעגאַנגען איז דער חסיד צוגעקומען צום רבין און גע־בעטן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס פּטרט ער אים אָפּ אין עטלעכע מינוט און מיטן דייטש האָט ער אָפּגעשמועסט אַ פּאָר שעה. דער רבי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: פאַרשטייסטו, מיט דיר דאַרף איך קיין סך ניט שמועסן ווייל אַז איך גיב אַ קוק אויף דיין שלעכטן אויסזען און אָרימע הלבשה, זע איך גלייך וואָס פאַר אַ ביטערער אָרעמאַן דו ביסט און וויים אין אַ וועלכער ברכה דו נויטיקסט זיך, דערפאַר מאַך איך עס קורץ מיט דיר איינס און צוויי! אָבער דער דייטש האָט אַ שיינעם אויסזען און גייט רייך געקליידט, מיט אים האָב איך געמוזט אָפּשמועסן אַ פּאָר שעה צייט ביז איך בין געוואויר געוואָרן אַ וואָסערע עני מדוכא ר׳איז, אַז איך זאָל וויסן אין אַ וועלכער ברכה ער נויטיקט זיך...

אַ חסיד וואָס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געשטעלט פאַר אַ חזן אויף ימים נוראים אין אַ דאָרף, איז געקומען צום מאָנאָסט־רישטשער רבין און האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אים זאָגן וואָס ער דאַרף מכוון זיין ביים דאַוונען. דער רבי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע גרויסע קלוגע אויגן און געפרעגט וויפל ער נעמט פאַרן דאַוונען. דער חסיד האָט געענטפערט, אַז ער נעמט 25 רובל, אויב אַזוי — האָט דער רבי געענטפערט — זאָלסטו מכוון זיין, אַז די 25 רובל זאָלן זיין מזומן...

איינמאָל ערב יום־כפּור ווען דער רבי האָט זיך שוין געגרייט צו כל נדרי האָט זיך אריינגעריסן צו אים אין צימער א יונגע פרוי, אַן עקרה און איז צוגעשטאַנען צום רבין מיט געוויין און געבעט, אַז ער זאָל זי בענטשן צום נייעם יאָר מיט אַ קינד. אין דעם האָט זיך אַריינגעשאַרט אין צימער אַן עלטערער ייד, אַ שוואַכער, אַן איינגעהויקערטער מיט אַ שמוציקער, צעריסענער קאַפּאָטע און

מיט אַ פּאָר גראָבע שטיוול און האָט זיך אויך צוגערוקט צום רבינס טיש. דער רבי האָט אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט און דער ייד האָט דערציילט, אַז ער איז אַ וואַסער־טרעגער, ער טראָגט וואסער פונעם ברונים צו די איינוווינער פון שטאָט אָבער איצט אויף דער עלטער איז ער שוין קראַנק און שוואך און זיינע כוחות דערלויבן אים שוין ניט צו טראָגן מער קיין וואַסער, בעט ער דעם רבין אַז ער זאָל אים בענטשן מיט הצלחה צום נייעם יאָר, אַז ער זאָל זיין אימשטאַנד זיך קויפן אַ פערד און פירן דאָס וואַסער. דער רבי האָט זיך געווענדט צו דער עקרה און געזאָגט: גיב דעם יידן פופציק רובל אויף אַ פערד וועט ער פירן און דו וועסט טראָגן...

דער מאָנאַסטרישטשער רבי האָט מחבר געווען אייניקע ספרים. די באוווסטע צווישן זיי זענען דער „פני יהושע" און „דברי יהושע", וואָס זענען פול מיט גוט־יידישע תורות און פשטלעך אויף תורה און מאמרי חז"ל, וועלכע צייגן בולט אַרויס זיין טיפע לומדות און גרויסע בקיאות אין תלמוד און אין קבלה.

אנדערע שריפטן

אויף קידוש השם

אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג האָט זיך פּלוצים, אומגעריכט באַוויזן איבערן שטעטל, וואָס ליגט ביים ברעג פונעם טייך דניעפּער ניט ווייט פון דער גרויסער שטאָט ק., אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן און האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ שראַפּנעל, וואָס האָט אויפגעריסן די געביידע אין וועלכער ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטן די דעניקישע קאָמאַנדאַטור און אייניקע ווייסע גוואַרדייצעס זענען דערהרגעט געוואָרן.

די דאָזיקע שוידערלעכע געשעעניש האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק און געשאַפן אַ געדריקטע שטימונג צווישן דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטעטל. זי האָט געדינט פאַר אַ קלאָרן באַווייז, אַז דאָס סאָוועטישע מיליטער געפינט זיך גאָר נאָענט און גרייט זיך באַזעצן דאָס שטעטל און זיי, די אָרעמע איינוווינער, וועט אויסקומען ווידער אַמאָל צו פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון „מאַכט איבערגאַנג" וועלכער איז זיי שוין געווען גוט באַקאַנט צוליב זייער שכנהשאַפט מיט דער גרויסער שטאָט ק.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט זיך פון יענער זייט טייך דניעפּער דערהערט אַ הילכיקער קנאַלן פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס וועלכע האָבן פאַרורזאַכט אַ געפערלעכע בהלה און אַ שרעקלעכע פּאַניק.

די דעניקינצעס האָבן אין איילעניש און אין אומאָרדענונג גענומען אַפּרייניקן דאָס שטעטל און אַרויספירן פון דאָרטן אַלע שפּייז פּראָדוקטן און פּראָוויזע וואָס האָט זיך געפונען אויך ביי יידן.

די גאַסן זענען מאָמענטאַל געוואָרן פול מיט פאַרשידענע „אַבאָזן" מיט ליידיקע פורן און וועגענער, קאָזאַקן און סתם סאָל־דאַטן וועלכע האָבן זיך געפּאַקעוועט אין וועג אַריין.

די יידישע איינוואוינער זענען אַרומגעלאָפן צעמישטע און צעטומלטע ווי די דערשראָקענע האָזן און האָבן פאַרצווייפלט גע־זוכט עצות און מיטלען וואָס צו טאָן. פאַר יעדן איינעם איז געווען קלאָר, אַז דאָס אָפּטרעטן פון די דעניקינצעס איז פיל שרעקלעכער און גרויזאַמער פאַרן שטעטל, ווי די באָמבאַרדירונג פון די באָל־שעוויקעס, יעדן איינעם איז געווען גוט באַוווּסט און באַקאַנט די שוידערלעכע שחיטה וואָס די דעניקינצעס האָבן דורכגעפירט אין פאַסטאָוו פאַר זייער אָפּטרעטן און האָבן זיך געשראָקן, אַז דער זעלבער גורל זאָל אויך זיי ניט טרעפן און אַז אויך דאָ זאָלן די דעניקינצעס ניט שטילן זייער כעס צום שונא דורך ווילדער נקמה פון די שוצלאָזע יידישע איינוווינער.

פאַרנאַכט איז די לאַגע געוואָרן זייער ערנסט. דאָס דונערן פון האַרמאַטן און דאָס קנאַלן פון די קוילנוואַרפערס וועלכע האָבן זיך געשטאַרקט און דערנענטערט פון מינוט צו מינוט האָבן געדינט, הפּנים פאַר אַ סיגנאַל פאַר די צעבושעוועטע חיות, אַז זייער לעצטע שעה האָט געשלאָגן. מיט ווילדע בעסטיאַלישע קולות און קוויטשערייען, האָבן די אָפּטרעטנדע שכורע קאָזאַקן אָנ־געהויבן זייער בלוטיקע אַרבעט.

די אומגליקלעכע יידן האָבן מפקיר געווען זייער האָב און גוטס און זענען זיך צעלאָפן ווהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן און ווער ס'האָט נאָר געקראָגן אַ מעגלעכקייט האָט זיך פאַרשטעקט ערגעץ

אין אַ באַהעלטעניש, פּילייכט וועט געלונגען צו ראַטעווען כאָטש די נפשות.

אַ טייל פון די יידישע איינוווינער זענען פאַרלאָפן צו אַן אַלטע חורבה, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פונעם קריסטלעכן בית עלמין, וועלכע האָט אָפט געדינט פאַר אַ מקום מקלט פאַר די הילפסלאָזע יידן, אין אַזעלכע פאַלן, און האָבן זיך דאָרטן פאַרשפאַרט. מיט שרעקנדיקע הערצער האָבן זיי זיך צוגעהערט צום גרויזאַמען ליאַרעם און געפילדער פונעם ווילן שדים טענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטאָט. דורך די שפּאַרונעס פון די הילצערנע ווענט פון דער חורבה האָבן זיי געזען ווי ס׳ציט זיך אַ לאַנגע שורה וועגענער און פורן, אָנגעלאָדענע מיט שווער פאַרהאַרעוועטע יידיש בלוט און שוויס, געטריבענע און געפירט דורך די אָפּטרעטנדע סאָלדאַטן, דורך די שפּאַרונעס פון די ווענט, האָבן זיי געזען, ווי ס׳ברענען איינע נאָך די אַנדערע די מלוכה געביידעס, אונטערגעצונדענע דורך די אָפּטרעטנדע קאָזאַקן, דורך די שפּאַרונעס פון די ווענט האָבן זיי געזען, ווי די צעבושעוועטע קאָזאַקן פירן פּעסער גאַז און נאַפט, צוגערויבטע אין די יידישע קראָמען, צו דער גרויסער בריק, וועלכע ליגט אויסגעשפּרייט איבער דער ברייט פונעם דניעפּער און פאַרבינדט די שטאָט מיט דער גרויסער וועלט, גרייט זי אויפצורייסן.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט איינער נאָכן אַנדערן עטלעכע שטאַרקע קנאַלן פון אַ באָמבעאויפרייס. די דערשראָקענע יידן זענען געבליבן פאַרגליווערטע אויף זייערע ערטער מורא האָבנדיק זיך אַ ריר צו טאָן.

אין רעש פון דער מהומה האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר באַגלייט מיט אַ ווייכער, דערשראָקענער שטימע אין יידיש: „עפנט, ס׳איז איך״...

עמעצער איז מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צו צו דער טיר און האָט זי אַביסל אויפגעמאַכט און אין חורבה האָט זיך באַוויזן

אַ באַקאַנטע פיגור פון אַן עלטערן יידן, האַלטנדיק אויף די הענט צוויי ספרי תורות. דאָס איז געווען דער אַלטער ר׳ יאסי, איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטעטל, אַ פּאַרמעגלעכער סוחר און אַ בר אורין, שטאַרק געאַכטעט און געשעצט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ טויט בלאַסער האָט דער חשובער זקן זיך איינגעקוקט אין זיינע דערשראָקענע ברידער און שוועסטער און אָנשפּאַרנדיק זיך אין דער וואַנט האָט ער שווער אָטעמדיק אַרויסגעשטאַמלט: נאַט אייך די צוויי ספרי תורות, באַהאַלט זיי דאָ מיט אייך. אין שטעטל — האָט ער פאָרגעזעצט — איז אַ גרויסער חורבן: אַלע הייזער זענען צעוואַלגערט און צעבראָכן, די טירן און פענצטער זענען אויסגעהאַקט, אַלע קראָמען זענען אויסגעליידיקט, איבער די גאַסן וואַלגערן זיך צענדליקער הרוגים, דאָס רעשטל דעניקינצעס, וואָס איז פאַרבליבן „היטן די אָרדענונג״ בושעוועט אכזריותדיק איבערן שטעטל, נאָר וואָס האָבן זיי אויפגעריסן די בריק און גרייטן זיך אונטערצוצינדן די גרויסע שול. ער מיט נאָך אייניקע יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שול־הויף, האָבן די באַנדיטן זיי באַמערקט און באַשאָסן. יענע יידן זענען זיך צעלאָפן און ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן און אַרויסגעראַטעוועט די ספרי תורות זיי זאָלן ניט פאַרברענט ווערן אָדער אַריינפאַלן אין די הענט פון די רשעים און ווייל ער האָט געוווסט, אַז די חורבה איז דאָס זי־כערסטע אָרט, האָט ער די ספרי תורות געבראַכט אַהער אויסצו־באַהאַלטן זיי...

דער צעטומלטער עולם האָט דעם זקן מאָדנע אָנגעקוקט, זיי האָבן קוים פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי. נאָר באַלד האָט זיך דער אַלטער אויפגעהויבן און געזאָגט: נו, איצט גיי איך ברענגען אַהער די איבעריקע ספרי תורות...

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אָפּצוהאַלטן אים פון אַזאַ שריט. ווהין וועט איר גיין — האָבן זיי געטענהט —

אין אַזאַ צייט ווען דער טויט לויערט אויף יעדן שריט און טריט!..
— וואָס הייסט ניט גיין? — האָט זיך דער אַלטער געעקשנט — כ׳האַנדלט זיך דאָך וועגן תורות... הייליקייטן... איך קען ניט... איך מוז... איך גיי... און דער שומר ישראל וועט מיך ניט פאַרלאָזן... איך גיי, קינדערלעך — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ צערטלע־כער שטימע און קום באַלד צו אייך מיט די ספרי תורות...

ס׳איז אַריבער אַ שעה, צוויי און דער אַלטער איז ניט געקו־מען. די גאַנצע נאַכט האָט דער עולם געוואַרט אויף אים און זיך געשראָקן פאַר זיין גורל.

ווען ס׳איז טאָג געוואָרן איז שוין די שטאָט געווען באַזעצט מיט סאָוועטישן מיליטער, דער עולם איז אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן.

ניט ווייט פון דער חורבה איז דער אַלטער ר׳ יאסי געלעגן אַ טויטער אין אַ קאַלוזשע בלוט. לעבן אים האָבן זיך געוואַלגערט צוויי ספרי תורות...

די סאָקאָליווקער שחיטה

שבת פאַרנאַכט דעם זעקסטן אב תרע״ט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דער אַטאַמאַן זעליאָנע, וועלכער געפינט זיך מיט זיין באַנדע אינעם דערבייאיקן שטעטל זאשקאוו, מאַרשירט אויף או־מאַן און וועט „באַערן מיט אַ באַזוך" אויך סאָקאָליווקע.

אין שטאָט האָט באַלד אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק און איידער נאָך מ׳האָט זיך געקענט אָריענטירן און זוכן אַ מיטל וואָס צו טאָן, איז גלייך אַריין, ווי אַ שטורעם, אין שטאָט מיט אַ שיסעריי פון ביקסן און קנאַלן פון קוילנוואַרפערס, אַ גרויסע טייל פון זעליאָנעס מיליטער און האָט גיך אַרומגערינגלט די שטאָט פון אַלע זייטן און נישט געלאָזט קיין מעגלעכקייט, אַז עמעצער זאָל קענען אַנטלויפן.

אין גאַס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל; הינט האָבן גע־בילט, קינדער און פרויען האָבן געקוויטשעט, איבער די קעפּ זענען געפלויגן שטיקער גלאָז פון געפּלאַצטע שויבן און די אָרע־מע, שוצלאָזע איינוווינער זענען אַרומגעלאָפן ווי צעשראָקענע האָזן און געזוכט אַ לאָך וווהין זיך אַהינצוטאָן.

איך בין פאַרלאָפן אין אַ מיל וועלכע איז אויף גיך אָנגעפּילט געוואָרן מיט הילפסלאָזע מענער, פרויען און קליינע קינדער. די גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט אַן אויפרייס פון דינאַמיט באַמ־בעס, אַ שיסעריי פון ביקסן און קוילנוואַרפערס אויסגעמישט מיט

אַ ברעכעריי פון טירן, פענצטער און גלאָזוואַרג באַגלייט מיט ווילדע, היסטערישע געשרייען און געוואַלדן פון אומגליקלעכע פרויען און יאָמערלעכן געוויין פון קליינע קינדער. די נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָג וועט שוין קיינמאָל ניט קומען. מיר אַלע זענען געלעגן אין מיל אין גרויסע אַנגסטן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם צונויפגעפרעסט ווי הערינג אין אַ פעסל און האָבן מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצו־ריידן. פון מאָל צו מאָל האָט זיך נאָר געלאָזט הערן אַ פאַרדעמפּ־טער אויסרוף פון שרעק.

אין אונדזער באַהעלטעניש זענען פון שרעק אומגעקומען צוויי נפשות: אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר 25 וועלכע איז געבליבן חלשות און קיינער האָט ניט באַמערקט און אַ פּיצל קינד פון אַ פיר וואָכן וואָס איז דערשטיקט געוואָרן דורך זיין אייגענער מוטער.

אַז ס'איז טאָג געוואָרן זענען צו אונדז אין באַהעלטעניש גע־קומען די זעליאָנאָוצעס באַוואָפנטע מיט ביקסן און רעוואָלווערן און האָבן באַפוילן אַז אַלע מענער זאָלן מיט זיי גלייך מיטגיין. אַ עלטערער ייד איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט געפרעגט: וווהין? האָט ער גלייך באַקומען אַן ענטפער מיט אַ קויל פון אַ רעוואָל־ווער פון וועלכער ר'איז געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט. זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן שוין ניט געמאַכט קיין שום טענות און מיט דער גרעסטער געהאָרכזאַמקייט האָבן מיר מאָמענטאַל אויסגעפאָלגט זייער באַפעל און זענען מיטגעגאַנגען.

אין שטאָט איז געווען אַ שרעקלעכער חורבן: די הייזער זענען געשטאַנען טרויעריק ווי די אמתע אבלים און האָבן עפּעס מאָדנע אויסגעקוקט, ס'איז אוממעגלעך געווען זיי דערקענען: אַלע טירן און פענצטער אויסגעהאַקט, די ווענט צעבראָכן און צעוואַלגערט און ביי אייניקע איז געווען אויפגעריסן אויך דער דאַך. איבער די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע טירן און פענצטער, צע־בראָכענע מעבל און־עסגשיר, גאַנצע און צעריסענע בעטגעוואַנט,

דאַמען און מענער־קליידער אויסגעמישט מיט פעדערן און שטיק־לעך גלאָזוואַרג, איינגעטונקט און איינגעטראָטן אין קאַליוזשע פון גאַזע און בוימל און פיל אַנדערע סחורות און ווערטפולע זאַכן וואָס האָבן ניט געטויגט פאַר די באַנדיטן. אונדז האָט מען פאַר־פירט צום מאַרק פּלאַץ אויף וועלכן ס׳האָבן זיך שוין געפונען אַ פּאָר הונדערט יידן און דער עולם האָט געהאַלטן אין וואַקסן פון מינוט צו מינוט. אַלע מאָל האָט מען געבראַכט נייע יידן וועלכע די באַנדיטן האָבן אַרויסגענומען פון זייערע באַהעלטענישן. אַ סך זענען געווען צעבלוטיקט און צעקלאַפּט.

אַן ערך פון אַ פּאָר שעה זענען מיר געשטאַנען און געציטערט ווי דערשראָקענע שעפּסן און פאַרצווייפלט געוואַרט, וואָס וועט מיט אונדז פאַרקומען? פּלוצים זענען אָנגעקומען עטלעכע רייטער און האָבן אונדז געמאָלדן, אַז זיי טרייבן אונדז אַריינוואַרפן אין טייך. צווישן עולם האָט אויסגעבראָכן אַ געפערלעכער יאָמער, אָבער ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן האָבן די באַנדיטן דאָס מאָל געמאַכט פון אונדז אַ שפּאַס, ווייל אין אמתן האָבן זיי אונדז גאָר אַוועקגעפירט אין דער אָרטיקער טאַלנער קלויז, די איינציקע געביידע וואָס איז אַרויס אומבאַשעדיקט פון זייערע הענט. אין קלויז האָבן מיר אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט, דער שרעק איז אַביסל פאַרביי און יידן האָבן זיך אָנגעהויבן דורכריידן, אויסעצהן און טראַכטן וואָס צו טאָן. די מער מוטיקערע האָבן זיך שוין אַפילו צוגערוקט צו די סאָלדאַטן וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר און פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס. פיליכט וועט געלינגען ביי זיי עפּעס אַרויסבאַקומען.

פונקט 8 אַזייגער איז אָנגעקומען אין קלויז אַטאַמאַן זעליאָנע בכבודו ובעצמו אין דער באַגלייטונג פון זיינע צוויי אַדיוטאַנטן. ער איז געווען געקליידט אין אַ גרינעם מונדיר, ברייטע הויזן, אַ פּאָר לאַנגע שטיוול ביזקל איבער דער קני און אין אַ היטל פון אַ שאָפּער. זעליאָנע האָט עפּעס איינגערוימט זיינע אַדיוטאַנטן וועל־

כע האָבן באַלד אַרומגעשטעלט די בימה מיט קוילן וואָרפּער און האַנט גראַנאַטן. דער גאַנצער המון יידן איז געבליבן פאַרגליווערט פון שרעק. עטלעכע מינוט האָט געהערשט אין קלויז אַ מוראדיקע טויט שטילקייט, פּלוצים האָט זעליאָנע אַ דונער געטאָן מיט זיין גראָבער אוממענטשלעכער שטימע: זשידעס, אין נאָמען פון דער הויפּט קוואַרטיר פון אוקראַינישן מיליטער לייג איך אויף אייך אַרויף אַ סומע פון אַנדערהאַלבן מיליאָן רובל קאָנטריבוציע. ביז 11 אַזייגער מוז די געפאָדערטע סומע אומבאַדינגט זיין געצאָלט גרייט. אין גאַראַנטיע אַז איר וועט אויספּאָלגן פּינקטלעך מיין באַפעל, בין איך געצוווּנגען נעמען אייערע זין אין עלטער פון 18 ביז 28 יאָר פאַר „ערובניקעס״ און טאָקע באַלד האָט ער באַפוילן, אַז אַלע יידן פון די דערמאָנטע יאָרן זאָלן אָפּגיין אין אַ באַזונדער ווינקל און האָט זיי אָפּגעצוימט פון איבעריקן עולם מיט אַ קייט פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן און האָט זיי געהייסן זיך איבערציילן. זייער צאָל איז געווען 173. נאָכהער האָט ער באַפוילן, אַז זיי זאָלן זיך אויסטאָן אַלע נאַקעט, טאָקע ממש נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געבוירן. די ערובניקעס האָבן לכתחילה געפּרוווט זיך איינעקשנען און האָבן ניט געוואָלט אויספּאָלגן. אָבער נאָכדעם ווי מ'האָט זיי מכבד געווען מיט קלעפּ און דער אַטאַמאַן האָט געדראָט צו שיסן יעדן 5טן האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן.

צוליב וועלכע מאָטיוון ער האָט עס געטאָן איז אומפאַרשטענדלעך. געוויס צוליב אַן אכזריותדיקער שפּיל מיט זיינע שוצלאָזע קרבנות, ווייל צוליב זיכערקייט אַז זיי זאָלן ניט קענען אַנטלויפן, האָט ער זיך געמעגט פולקאָם פאַרלאָזן אויף דער שטאַרקער שמירה וואָס ער האָט לעבן זיי אָוועקגעשטעלט. ביי אַלע בייוועזנדע איז פאַרגליווערט געוואָרן דאָס בלוט צו זען דאָס דאָזיקע שוידערלעכע בילד פון מענטשלעכער אכזריות און בעסטיאַליטעט און נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך, גייט מיר איבער אַ גרויל איבערן לייב.

איניקע עלטערע יידן האָבן געפּרוווט דערקלערן דעם אַטאַ־מאַן, אַז זיין באַפעל וועגן דער קאָנטריבוציע איז ביים בעסטן ווילן ניט דורכפירבאַר. דאָס שטעטל וואָלט אין די גוטע צייטן ניט געקענט באַווייזן צו שאַפן אַפילו אַ דריטל פון דער געפאָדערטער סומע, ווער שמועסט נאָך איצט, ווען זיינע מענטשן האָבן זיי אַזוי אַרומגערייניקט איז דאָס גלייך ווי ער זאָל זיי הייסן קריכן אויפן הימל. אָבער דער טייערער אַטאַמאַן האָט גאָרניט געוואָלט הערן. ער האָט געטענהט, אַזאַ באַפעל האָט ער פון זיין העכערער מאַכט און ער מוז אים אויספילן.

די אומגליקלעכע יידן האָבן זיך צעלאָזט איבער דער שטאָט און איבער די אַרומיקע דערפער זוכן „נשארים״ און הלוואות ביי באַקאַנטע קריסטן און קוים מיט צרות איז זיי געלונגען צונויפ־זאַמלען אַ סומע פון 285 טויזנט רובל.

פּונקט 11 אַזייגער, איז געקומען זעליאָנע מיט זיינע באַגליי־טער. דערזעענדיק דאָס געלט האָט ער אַ שמייכל געטאָן און האָט באַלד אויסגעקליבן פון די ערובניקעס צען מענטשן געזונטע און שיינע און האָט זיי אַוועקגעשיקט אויפן הייליקן אָרט ווו מ׳האָט זיי אַלע דערשאָסן און האָט געוואָרנט, אַז אויב ביז איינס אַזייגער וועט ניט זיין די גאַנצע סומע וועט ער ניט איבערלאָזן לעבעדיק אַפילו קיין צוויי יעריק קינד. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי נאָר וואַרטן אויפן טויט. אַ סך פון אונדז האָבן שוין געזאָגט ודוי.

איינס אַזייגער איז דער רוצח נאָך אַמאָל געקומען און ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שפּיל, די שפּיל פון „קאַץ און מויז״. די באַנדיטן האָבן אונדז געצווונגען דורך דער דראָונג פון קוילנוואָרפער און האַנט גראַנאַטן זיך לייגן און אויפשטיין. אַזוי האָבן זיי זיך מיט אונדז אָפּגעשפּילט אַ פּאָר שעה ביז זיי האָבן אונדז גוט אָנגעמאַטערט. נאַכהער האָבן זיי אונדז גענומען שלאָגן. דאָס שלאָגן איז געווען מערדעריש, אומבאַשרייבלעך. מ׳האָט אויף

אונדז געגאַגסן עמערוויִיז קאַלטע וואַסער אויף צו דערמינטערן און מ׳האָט אונדז ווידער געשלאָגן. אונדזערע געשרייען און געװאַלדן זענען געגאַנגען עד לב השמים. מיר האָבן געשפּירט, אַז באַלד לאָזן זיך אויס אונדזערע כוחות. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער שאָס אין דער לופטן. דאָס איז געווען אַ צייכן פון זעליאָנען, אַז מ׳זאָל אָפּשטעלן דאָס געשלעג און מיט שאַרפע זידל ווערטער האָט ער זיך געווענדט צום עולם, אַז זיי זאָלן זיך געזעגענען מיט זייערע קינדער, די ערובניקעס, ווייל ער נעמט זיי מיט זיך און אויסגעשטעלט צו צווייִ. נאָקעטערהייט האָט ער מיט זיי אַרויסגעמאַרשירט פון קלויז און זיי אַוועקגעפירט אויסער דער שטאָט און האָט זיי אַלע אויסגעהאַרגעט.

איינּיקע יידן זענען באַכגעלאָפן זען ווהין מ׳פירט זייערע קינדער, האָבן די באַנדיטן זיי, ביי דער בריק, אַריינגעוואָרפן אין טייך און דערטרונקען. צווישן די דערטרונקענע איז אויך געווען דער גביר פון שטאָט ר׳ מנחם טשערניס, וועמענסביידע זין זענען פאַרשלעפט געוואָרן מיט די ערובניקער.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען צונויפגעקליבן די הרוגים. ס״ה זענען אומגעקומען דורכן אַטאַמאַן זעליאָנעס האַנט 240 נפשות. צווישן די הרוגים איז אויך געווען דער סאקאליוועקער רבי ר׳ פּנחס ראַבינאָוויטש ז״ל, אַ 76 יעריקער זקן.

תשעה באב זענען אַלע הרוגים געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל.

קינות אין פעלד

דעם גאַנצן מעת לעת פונעם זיבעטן אָב פון יאָר 1919, האָט דער רוצח אטאמאן זעליאָנע מיט זיין גרויזאַמער באַנדע גע־ווילדעוועט און געבושעוועט מיט שוידערלעכער אכזריות און בעסטיאַליטעט איבערן אָרעמען, שוצלאָזן שטעטל. אַ גאַנצן מעת לעת האָט זיך געהערט איבערן שטעטל אָן אויפהער פון דינאַמיט באָמבעס, אַ שיסעריי פון ביקסן און קנאַלן פון קוילנוואַרפער אויסגעמישט מיט אַ שטורמישער קנאַקעריי און ברעכעריי פון טירן, פענצטער און פאַרשידענע גלאָזוואַרג, באַגלייט מיט היסטערי־שע געשרייען און געוואַלדן פון אומגליקלעכע פרויען און יאָמער־לעכן געוויין פון קליינע קינדער.

די מער גליקלעכע פון די יידישע איינוווינער, וועמען ס׳איז באַצייטנס געלונגען צו ראַטעווען זיך מיטן לעבן פאַרשטעקנדיק זיך ערגעץ ווו אין אַ באַהעלטעניש, האָבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און מיט שרעקנדיקע הערצער זיך צוגעהערט צום גרויזאַ־מען ליאַרעם און געפילדער פונעם ווילדן שדים טאַנץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין שטעטל און ס׳האָט זיך זיי געדוכט אַז ער וועט אייביק דויערן און ס׳וועט צו אים קיינמאָל קיין ענדע ניט נעמען.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט דער שטורעם זיך באַ־רואיקט און דער טומל האָט אויפגעהערט. דאָס האָט געדינט אַלס אַ באַווייז פאַר די לעבנס־געבליבענע, אַז די ווילדע בעסטיעס

האָבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיי האָבן אַביסל פרייער אָפּגע־אָטעמט. די נאַכט איז געווען איינגעהילט אין אַ מוראדיקער שטילקייט; ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס בילן פון הינט און דאָס געזאַנג פון נאַכטפויגל, נאָר אַ פּאָר מאָל איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אייניקע ביקסן שאָסן. אָבער זיי האָבן קיינעם ניט אָנגעשראָקן. לויט זייער אָפּקלאַנג איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז זיי שטאַמען פון דער פויערישער זעלבסטשוץ און ניט פון דער באַנדע.

אַז ס׳איז טאָג געוואָרן איז דער עולם אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן און פאַר זייערע אויגן האָט זיך באַוויזן דער גרויזאַמער חורבן וואָס האָט זיי אויפגעשוידערט און געמאַכט פאַרפרוירן דאָס בלוט אין די אָדערן. דאָס שטעטל איז אין משך פון אַ מעת לעת פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרוילעכער יאַטקע: יעדע זאַך, די שטיינער פון די צעוואַלגערטע ווענט, די צעבראָכענע פלויטן און די אָפּגעהאַקטע טעלעגראַפישע סלופּעס, וואָס זענען געלעגן צעשפּרייט איבערן שטעטל זענען געווען איינגעטונקען, אויסגעשמירט, באַשפּריצט און באַפלעקט מיט מענטשלעך בלוט. די הייזער, די הויפן און די גאַסן זענען געווען פול מיט הרוגים שטאַרק פאַרקריפּלטע, צעשניטענע און צעפּערטלטע, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען זיי צו דערקענען.

דער גאַנצער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן יאָמער, יעדער איינער האָט זיך געוואָרפן אויסזוכן און דערקענען זיינע נאָענטע און אייגענע. עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט שוידערלעכע סצענעס פון וועלכע דאָס האַרץ האָט זיך שיר ניט אָפּגעריסן. די פאַרצווייפלטע האַרצרייסנדע געשרייען און געוואַלדן האָבן גע־שפּאָלטן די הימלען.

באַרואיקנדיק זיך אַביסל, האָט דער טיף דערשיטערטער און באַצערטער עולם גענומען צונויפזאַמלען די הרוגים אין איין פּלאַץ און זיי ברענגען צו קבורה. דער רב, די שוחטים און די אי־

בעריקע כלי קודש האָבן נאָך בשעת מעשה איין זינען געהאַט, אַז כ׳איז ערב תשעה באב און האָבן צוגעאיילט דעם עולם, אַז זיי זאָלן זען פאַרענדיקן וואָס פריער כדי מ׳זאָל קענען זאָגן קינות במנין... און דער עולם האָט זיך איינגאַנצן פאַרטון אין דער אַר־בעט און האָט ניט באַמערקט וואָס אַרום אים טוט זיך. פּלוצים האָט זיך, אין מיטן ברען פון דער אַרבעט, דערהערט אַ שטאַרקע קלאַפּעריי און טופּעריי פון פערד באַגלייט מיט זאַלפן שאָסן, דאָס איז געווען אַ טייל פון דער באַנדע וואָס האָט זיך אָפּגעריסן און זיך צוריקגעקערט אין שטעטל צו פאַרענדיקן זייער בלוטיק שטיקל אַרבעט.

דער עולם האָט איבערגעלאָזט די הרוגים און אין פּאַניק און אין שרעק האָט ער זיך געלאָזט לויפן וווהין די אויגן האָבן אים געטראָגן. כמעט אַלע האָבן זיך געריסן אַרויס פון שטעטל, איי־ניקע האָבן געהאַט דעם געדאַנק זיך צוצושלאָגן צום נאָענטן שטעטל און אייניקע האָבן געהאָפט, אַז זיי וועלן קריגן אַ באַהעל־טעניש אין די שכנותדיקע דערפער ביי היימישע פּויערים מיט וועלכע זיי האָבן, אַלע זייערע יאָרן, גוט געלעבט און געווען שטאַרק באַפריינדעט, ווייל ווען די פּויערים האָבן זיך געפונען אין מאַטעריעלער דחקות און אין נויט פלעגן די שטעטלדיקע יידן זיי שטענדיק אַרויסהעלפן, שטיצנדיק זיי מיט פאַרשידענע הלוואות און מיט לאַנג טערמיניקע קרעדיטן. איבער דעם האָבן די אומגליקלעכע יידן איצט מיט רעכט געדענקט, אַז די פּויערים וועלן אַצינד אויסנוצן די געלעגנהייט און וועלן זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און זיי אויסבאַהאַלטן ביי זיך, ביז דער שטורעם וועט פאַריבער, אויסדריקנדיק דערמיט זייער דאַנקבאַרקייט פאַר די פיל טובות און חסדים, וואָס די יידן האָבן מיט זיי אַלע יאָרן געטאָן.

צוקומענדיק צום ערשטן דאָרף האָבן גלייך די אומגליקלעכע יידן זיך ביטער אַנטוישט אין דער פריינטלעכקייט פון זייערע

אוקראַינער שכנים. ביים אַריינגאַנג פון דאָרף זענען געשטאַנען עטלעכע פּויערים דוקא עלטערע מענטשן און בפירוש היימישע און גוט באַקאַנטע און האָבן מיט גראָבע שטעקנס געטריבן די אַנגעשראָקענע יידן, ניט לאָזנדיק זיי אַפילו בלויז דורכגיין דאָס דאָרף. ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין בקשות און תחנונים, ס׳האָט אויך ניט געהאָלפן דאָס צעטל טובות און חסדים וואָס אייניקע יידן האָבן אויסגערעכנט, וואָס זיי האָבן ערשט די טעג געטאָן טאַקע זיי אַליין. די פּויערים האָבן גאָר ניט געוואָלט הערן און האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי זייער גראָבער האַנדלונג און ניט דערלאָזט די יידן אַפילו אַריבערטרעטן דעם אַריינגאַנג פון דאָרף. און טיף דערנידעריקט און דערשלאָגן, פול מיט יאוש און פאַר־צווייפלונג האָבן די אָרעמע, שוצלאָזע יידן פאַרקירעוועט פון דאָרף און געזוכט אַ רעטונג אונטערן אָפענעם הימל. אַ טייל זענען פאַרלאָפן צום נאָענטן וועלדל און האָבן זיך דאָרטן פאַרשטעקט. אייניקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די ריוועס און אין די גריבער וואָס זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט צווייגן און באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן און איך מיט נאָך עטלעכע יידן זענען מיר אַריין אין אַ פעלד פון קאָרן און האָבן זיך דאָרטן פאַרשטעקט.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געלעגן צווישן די הויכע און גע־דיכטע זאַנגען און האָבן מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן זיך. מיר האָבן געציטערט פאַרן פרייען פעלד, פאַר דער ליכטיקער שיין און פאַרן אָפענעם הימל. ערשט ווען ס׳איז געוואָרן שטאָק נאַכט, האָבן מיר זיך פּאַמעלעך גענומען אַרויסשאַרן פון צווישן דער תבואה און זיך גוט אַרומגעקוקט און איינגעהערט זיך, וואָס אַרום אונדז טוט זיך. מיר האָבן בשום אופן זיך ניט געקענט אָריענטירן, ווו מיר געפינען זיך.

פלוצים האָט צו אונדזערע אויערן דערגרייכט דער טרויערי־קער ניגון פון קינות באַגלייט מיט ווערטער וועלכע האָבן זיך גע־הערט קלאָר און דייטלעך: „דוב אורב הוא לי, ארי במסתרים״!..

מיר האָבן זיך ניט דערשראָקן און ס'האָט אונדז אויך ניט גע־וונדערט. מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ניט ווייט פון אונדז באַהאַלטן זיך אויס יידן און דאָס זאָגן זיי קינות פון זייער באַהעל־טעניש. אייניקע פון אונדז האָבן אפילו געפּרוווט טרעפן און פאַר־אויסזאָגן וועמענס קול ס'איז. מיר האָבן באַשלאָסן צוגיין צו זיי. „זכר עניי ומרודי"... דערנענטערט זיך דער טרויעריקער ניגון. אַז מיר זענען צוגעקומען האָבן מיר געטראָפן עטלעכע יידן זיצן לעבן אַ בערגל וואָס איז געווען באַדעקט און באַוואַקסן מיט באַ־דיקעס און מיט שטעכיקע גראָזן און האָבן מיט אַ געבראָכן האַרצן און דערשלאָגן געמיט געזאָגט קינות פונעם טיפעניש פון האַרצן.

מיר האָבן זיך אויך צוגעזעצט נעבן זיי און אַלע אינאיינעם האָבן מיר באַוויינט און באַקלאָגט דעם נייעם חורבן פונעם יידישן פאָלק.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך דערציילט אגדות פונעם חורבן און האָבן זיי פאַרגלייכט מיט די לעצטע בלוטיקע געשעענישן און אַז עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָבן מיר דערהערט קולות, שרייען און רופן: „יידן, אין שטעטל איז שוין שטיל, קומט מקבר זיין די הרוגים!..."

דער רוצח קאַזאַקאָוו, דער אַכזריותדיקסטער צווישן די אוקראַינישע אַטאַמאַנען

צווישן די שוואַרצע העלדן, וועלכע האָבן פאַרגאָסן די פעלדער פון אוקראַינע מיט יידיש בלוט, אין די יאָרן פון 1918 ביז 1921, פאַרנעמט דער אַטאַמאַן קאַזאַקאָוו אַ „בכבודיקן" אָרט. צום ווילדסטן האָט ער געבושעוועט אין אומאַנער געגענט און האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט מיט שוידערלעכע שחיטות און אַכזריותן, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אין אומאַן, דובאָווע, פאָקאָטילאָווע, האלוואַנעווסק, איוואַינקע, בוקי, זאַשקאָוו, וואַראַנאַיע און אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין קיעווער און פאָדאָליער גובערניעס.

דער נאָמען קאַזאַקאָוו האָט געהאַלטן אין שרעק די גאַנצע אוקראַינער יידישע באַפעלקערונג. ווען מען פלעג נאָר זיין נאָמען דערמאָנען פלעג איבערגיין אַ גרויל איבערן לייב און דאָס בלוט אין די אָדערן איז פאַרגליווערט געוואָרן.

דער בלוטיקער אטאַמאַן איז געבוירן געוואָרן אין דאָרף מאַנקאָווע, וואָס ליגט 30 קילאָמעטער פון אומאַן. אין דאָרף האָבן אויך געוווינט עטלעכע צענדליק יידישע פאַמיליעס און דער קליינער קאַזאַקאָוו, האָט זיך שטענדיק געשפּילט נאָר מיט יידישע קינדער און האָט גערעדט יידיש, פונקט ווי אַ יידיש קינד. זיין גייסטיקער באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ צוויי גראַדיקער רוסי־

שער אָנפאַנגס־שול, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אינעם דער־בייאיקן שטעטל בוקי. אויך דאָרט פלעג ער נאָר פאַרברענגען מיט יידישע חברים און ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דאָס קליינע שייגעצל, וואָס רעדט יידיש און שפּילט זיך נאָר מיט יידי־שע קינדער, וועט אויסוואַקסן אַזאַ בלוט־דורשטיקע חיה.

קאָזאַקאָוו האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ העסלעכער ווילדער אכזריות, און האָט איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע בלוטיקע אַטאַ־מאַנען פון זיין צייט. זעליאָנע, סאָקאָלאָוו, טעטיוניק א. א. האָבן געמאַכט שחיטות אויף יידן אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זיינען קאָמוניסטן. זיי האָבן וויניקסטנס געזוכט אַ תירוץ פאַר זייערע שחיטות און קאָזאַקאָוו האָט געקוילעט יידן, מיט דער טענה, אַז יידן דאַרף מען אויסראָטן. אַנדערע אַטאַמאַנען פלעגן הרגנען מערסטנטייל יונגעלייט, ווערמען זיי פלעגן חושד זיין אין קאָמוניזם. די בלוט־בעסטיע קאָזאַקאָוו, האָט אָבער נישט געדאַרפט קיין שום אויסריידן פאַר זיינע בלוט־פאַרגיסענישן. יונג און אַלט איז נישט געשוינט געוואָרן פון זיין שווערד.

ווען ער מיט זיין באַנדע האָבן אין פרילינג פון 19טן יאָר פאַרכאַפּט דובאווע, איז צו אים געקומען אַ יידישע דעלעגאַציע מיטן פרעזידענט פון דער קהלה הער גדליה קורעצקע אין דער שפּיץ, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט און פאַלנ־דיק אים צו די פיס, האָבן זיי מיט בלוטיקע טרערן פאַר אים געוויינט, אַז ער זאָל ביי זיי צונעמען אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן און זאָל נאָר רחמנות האָבן און זיי שענקען דאָס לעבן. די ווילדע בעסטיע האָט רואיק און קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז זיי זאָלן זיך ניט מאַכן נאַריש און אויפהערן יאָמערן און קלאָגן. ס׳וועט זיי סיי־ווי גאָר ניט העלפן, ווייל „ער איז ניט פון די באַבעס, וואָס שרעקן זיך איבער פאַר זשידאָווסקע טרערן און פאַר קיין געלט קויפט מען זיך ביי אים נישט אויס. ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט — האָט ער זיי געטרייסט — און ער אַליין וועט גוט באַצאָלן

אַיעדן, וועלכער וועט אים צושטעלן יידן צו דער שחיטה. צונע־מענדיק ביי זיי דאָס געלט, האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַפעל זיינע קאָזאַקן, וועלכע האָבן גלייך אַרומגערינגלט די דעלעגאַציע און מיט זייערע בלויזע שווערדן האָבן זיי די אומגליקלעכע יידן צע־האַקט אויף שטיקלעך. נאָכהער האָבן זיך די בלוטדורשטיקע חיות געוואָרפן אויף די שוצלאָזע איינוווינער און האָבן זיי אַלע אויסגעקוילעט, נישט לאָזנדיק לעבן אַפילו קיין פּיצל קינד.

נאָך טראַגישער זענען פון די הענט פון דער בלוט־דורשטי־קער חיה אומגעקומען זיינע יוגנט־חברים און יידישע מיטשילער פון שטעטל בוקי. ווען דער רוצח איז אָנגעקומען מיט זיין באַנדע קיין בוקי, האָט אים באַגעגנט אַ דעלעגאַציע פון זיינע אַמאָליקע חברים מיט ברויט און מיט זאַלץ, און האָבן אים דערמאָנט, אַז אין דעם שטעטל האָט ער מיט זיי צוזאַמען פאַרבראַכט זיינע קינ־דער־יאָרן. נאָך איידער די דעלעגאַטן האָבן פאַרענדיקט זייערע ווערטער, זענען זיי שוין געלעגן דורכגעשטאָכענע פון די שפּיזן פון זיינע קאָזאַקן. שפּעטער זענען זיי מיט פאַרטויבנדע קוויטשע־רייען אָנגעפאַלן אויפן שטעטל , ווו זיי האָבן פאַרענדיקט זייער בלוטיקע אַרבעט.

נאָך דובאָוועד שחיטה האָט זיך קאָזאַקאָוו געגרייט מאַכן אַ צווייטן אָנפאַל אויף אומאַן. אין שטאָט איז שוין דאַן געווען אָר־גאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ, אין וועלכן ס׳זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון וועלכע ס׳איז באַשטאַנען די באַפעלקע־רונג פון שטאָט: יידן, אוקראַינער, רוסן און פאָליאַקן. קאָזאַקאָוו מיט זיין באַנדע זענען דעמאָלט געווען אין אַ נאָענטן דאָרף איינ־גאַנצן פינף קילאָמעטער פון שטאָט; אַזוי, אַז דעם אָנפאַל האָט מען געקענט דערוואַרטן פון מינוט צו מינוט. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן שיקן צו אים אַ דעלעגאַציע, צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און פון אים פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל דורכגיין רואיק די שטאָט. דער יידישער פאָרשטייער אין

דער דאָזיקער דעלעגאַציע איז געווען דער ראַבינער קאַנטאָר־טשיק. ווען די דעלעגאַציע איז אָנגעקומען צו קאָזאַקאָוון און ער האָט דערזען דעם ראַבינער, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן די רציחה און ער איז אַריין אין שרעקלעכן צאָרן. ער האָט אויפגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר מערדערישע אויגן און האָט אַרויסגעלאָזט אַ רע־ווע פון אַ ווילדן טיגער, אַז אַלע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זיינען פאַרשטיינערט געבליבן.

— „ווי וואַגט עס אַ זשיד קומען צו מיר אין שטאַב״, האָט ער געדונערט מיט זיין אוממענטשלעכער שטים און מיט ווילדער רציחה, האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין שווערד און האָט אים געוואָלט אָפּהאַקן דעם קאָפּ. צום גליק האָבן זיך אין דער דעלעגאַציע גע־פונען אויך אַ פּאָר פרויען, וועלכע זענען מיט תחנונים אים גע־פאַלן צו די פיס, שרייענדיק, אַז מיט דעם שוידערלעכן טאַט, וועט ער איופברענגען קעגן זיך די גאַנצע קריסטלעכע באַפעלקערונג פון אומאַן און מיט גרויס אָנשטרענגונג איז זיי קוים געלונגען אויסבעטן דעם יידישן ראַבינער און אים רעטן פון אַ זיכערן טויט.

פאַרבייגייענדיק איז כדאַי צו דער מאָנען, אַז ווען די באָלשע־וויקעס האָבן צוריק באַהערשט די לאַגע, האָבן זיי אַרעסטירט דעם ראַבינער קאַנטאָרטשיק, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, ברענגענדיק אַלס ראיה אַז ער האָט אונ־טערהאַנדלט מיט קאָזאַקאָוון און האָבן אים אַריינגעזעצט אין כאַר־קאָווער טורמע. אַ דאַנק די שתדלנות פון אַ פּאָר אָנגעזעענע קאָ־מוניסטן, האָט מען אים באַפרייט נאָכדעם ווי ער איז שוין אָפּגע־זעסן עטלעכע וואָכן.

קאָזאַקאָוו האָט געטענהט פאַר דער דעלעגאַציע, אַז עס איז אויסגעשלאָסן, ער זאָל אויף זיין וועג באַגעגענען יידן און ער זאָל זיי נישט אומברענגען. אָבער ווילנדיק נאָכקומען דער בקשה פון דער דעלעגאַציע, וועט ער אינגאַנצן אויסמיידן אומאַן, כאָטש זיין סטראַטעגישער פּלאַן פירט אים דורך דער דאָזיקער שטאָט. זיין צוזאָג האָט ער געהאַלטן און ער איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג.

צו דורכפירן זיינע מאָרדן, פלעגט קאָזאַקאָוו בלויז באַנוצן קאַלט געווער. אַ שאָד די קויל — פלעג ער זאָגן. זיינע קרבנות פלעגן דעריבער זיין שרעקלעך פאַרקריפּלט און ס'איז געווען אומ־מעגלעך זיי צו דערקענען. מ'דערציילט, אַז איינמאָל האָט מען גע־בראַכט צו קאָזאַקאָוון אין שטאַב אַריין אַ יידן און פונקט דעמאָלט איז ביי אים משוגע געוואָרן זיין הונט. האָט ער געשיקט אַ קאָ־זאַק, אַז ער זאָל זיי ביידע הרגענען, דעם יידן מיטן הונט. אָבער דעם הונט — האָט ער באַפוילן — שיסן און דעם יידן — שטעכן.

תשעה באב 1919 איז קאָזאַקאָוו באַפאַלן דאָס שטעטעלע וואַ־ראַניע און האָט אויסגעשכטן די עטלעכע און דרייסיק פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען, ניט איבערלאָזנדיק קיין לע־בעדיקן נפש. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער זיך אין מיטן העלן טאָג, אַריינגעריסן מיט זיין באַנדע קיין זאשקאוו און האָט אין אַ משך פון צוויי שעה צעהאַקט אויף שטיקער 40 יידן. צווישן די הרוגים איז אויך געווען דער רב פון שטאָט, שמחה כהן און דער פּרעזידענט פון דער קהלה משה סקאַריטאַן, ח. נ. ביאַליקס אַ שוועסטער־קינד. משה סקאַריטאַן האָט אייניקע מאָל געראַטע־וועט דאָס שטעטל פון די אָנגעפאַלענע באַנדעס, ביז ר'איז אַליין געפאַלן אַ קרבן פון די הענט פונעם רוצח קאָזאַקאָוו.

קאָזאַקאָוו איז געהרגעט געוואָרן אין אָנהויב צוואַנציקסטן יאָר דורך דעניקינס מיליטער. ווען דעניקין האָט פאַרנומען אוקראַינע, האָבן זיינע אָפיצירן געכאַפּט קאָזאַקאָוון און אים אויפגעהאַנגען אין אומאַן אין מיטן שטאָט.

דער רוצח אַטאַמאַן סאָקאָלאָוו

אַטאַמאַן סאָקאָלאָוו, אָדער ווי זיינע באַקאַנטע פלעגן אים רופן, פּאַוועל סאָקאָל — וועלכער האָט זיך שטאַרק קונה שם געווען צוליב די שוידערלעכע שחיטות און אכזריותן, דורכגעפירטע אין יאָר 1919 אין וואלאדארקע, ליסענקע, באיארקע, ווינאהראד, פיאטער, טעטיעוו, דובאָווע, גאלוואנעווסקי און אין פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, שטאַמט פון בעלאַ־צערקאָוו, קיעווער גובערניע.

פאַרן קריג איז סאָקאָלאָוו געווען דער אָנפירער פון אַ באַוווסטער שייקע גנבים וועלכע האָט זיך באַשעפטיקט מיט „אָפּציען" פעקלעך פון די סוחרישע פורן און וועגענער, וועלכע זענען געקומען פון די נאָענטע שטעטלעך און דערפער איינהאַנדלען אין די בעלא־צערקווער קראָמען.

צוליב דעם דאָזיקן געהויבענעם פאָסטן, איז סאָקאָלאָוו געווען שטאַרק באַרימט און פּאָפּולער צווישן די בעלאַ־צערקווער קלייטניקעס און זייערע אָנגעשטעלטע. ניט איינמאָל איז זיי אויסגעקומען אונטערהאַנדלען מיט סאָקאָלאָוון מכח דעם אויסקויף פון פאַרשידענע גנבהשע פעקלעך.

אין אָנהויב יאָר 1919, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרטריבן פּעטליוראַן פון קיעוו און פאַרכאַפּט די מאַכט איבער אוקראַינע,

איז אין דער שטאָט טשערקאַס, קיעווער גובערניע, פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון אוקראַינישע פאָרשטייער וועגן דער געשאַפענער לאַגע. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג איז אָנגענומען געוואָרן די באַוווסטע אַנטיסעמיטישע רעזאָלוציע: „שלאָג יידן — ראַטעווע אוקראַינע". אין דער באַראַטונג האָט זיך אויך באַטייליקט סאָקאָלאָוו. קומענדיק צוריק קיין בעלאַ־צערקאָוו, האָט ער צונויפגענומען זיינע אַמאָליקע חברים, די געוועזענע מיטגלידער פון זיין שייקע און האָט געגרינדעט אַן אָפטיילונג פאַרטיזאַנער, וועלכע האָט אים „געקרוינט" פאַר אַטאַמאַן.

דער דאָזיקער באַנדע איז געלונגען דורכצופירן בלויז איין און איינציקע שחיטה. אָבער זייער אַ גרויזאַמע און זי איז באַלד געוואָרן ליקווידירט געוואָרן דורכן סאָוועטישן מי־ליטער.

אין מיטן ווינטער פון יענעם יאָר — ווען אין קיעווער גו־בערניע פלעגן פאָרקומען בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן אויף די וועגן, אין די באַנען אָבער קיין עפנטלעכע שחיטות אין די שטעט זענען נאָך ביז דאַן ניט פאָרגעקומען — איז סאָקאָלאָוו פלוצים באַפאַלן מיט זיין באַנדע דאָס שטעטל וואָלאָדאַרקע, סקווירער אויעזד, און האָט אויף אַ שוידערלעכן אופן אויסגעהרגעט דריי פערטל פון די איינוווינער און דאָס שטעטל — פאַרברענט.

דאָס סאָוועטישע מיליטער וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון סקווירע און פון בעלאַ־צערקאָוו האָט אַרומגערינגלט די באַנדע פון אַלע זייטן און זי געגנצלעך פאַרטיליקט. סאָקאָלאָוון אַליין האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין זאַשקאָוו, טאַראַשטשער אויעזד, ווו ער האָט זיך אַ שטיק צייט אויסבאַהאַלטן ביי אַ יידישן שוס־טער.

אין פרילינג פון יענעם יאָר האָבן די פויערים פונעם דאָרף באַזיווקע וואָס ליגט 15 קילאָמעטער פון זאַשקאָוו, געמאַכט אַן

אויפשטאַנד קעגן דער ראַטן־מאַכט. זיי האָבן אַרעסטירט דעם פאָרשטייער פון טאראשטשער פראדקאָם, אַ געוויסן מאסלאָוו מיט זיינע מיליציאָנערן, וועלכע זענען געקומען מאָנען ביי זיי דעם ברויט־שטייער. אַראָפּוואַרפנדיק די סאָוועטישע מאַכט ביי זיך אין דאָרף, זענען די פויערים אַריין קיין זאשקאוו און פאַרטריבן די קליינע אָפּטיילונג סאָוועטיש מיליטער, וואָס האָט זיך דאָרט גע־פונען. דער אויפשטאַנד איז פאַרגעקומען אָן שום בלוט־פאַרגיסונג און די יידן האָבן פון אים גאָר ניט געליטן.

סאָקאָלאָוו, דערזעענדיק די אויפגעשטאַנענע פויערים האָט באַנייעס אויפגעלעבט און אַרויסקריכנדיק פון זיין באַהעלטעניש, האָט ער באַגעגנט די פויערים מיט אַן אוקראַאינישע פאָן און זיי וואַרעם באַגריסט. ער האָט פאַר זיי אויך באַריכטעט וועגן די באַשלוסן פון טשערקאַסער באַראַטונג אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט און זיי געוויזן אַ דרך ווי אַזוי זיי זאָלן זיך פירן.

די פויערים האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער אומגע־רעכטער מציאה און האָבן באַשטימט סאָקאָלאָוון פאַרן אָנפירער מיטן אויפשטאַנד.

אַ שטיק צייט האָט סאָקאָלאָוו געווילדעוועט אינעם דאָרף באַזיווקע פון וואַנען ער איז אַרומגעפאָרן איבער די אַרומיקע דערפער און אַגיטירט די פויערים, מאָביליזירט די יוגנט און גע־שיט פעך און שוועבל אויף די יידן, וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר די איינציקע שולדיקע אין פעטליוראָס דורכפאַל. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך אָנפאַלן אויף די נאָענטע שטעטלעך, ווו ער האָט אַרויסגעפרעסט געווער און קאָנטריבוציע. אויף אַזאַ אופן איז סאָקאָלאָוון געלונגען דאָס צווייטע מאָל אָרגאַניזירן אַ באַנדע פון עטלעכע הונדערט קאָזאַקן, באַוואָפנטע מיט ביקסן און רעוואָל־ווערן און ער האָט זיך מיט זיי אַוועקגעלאָזט איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך דורכצופירן זיינע שוידערלעכע שחיטות.

סאָקאָלאָוו האָט געשמט פאַר אַן אויסוואורף פון דער נאַטור, אַ

נידערטרעכטיקע בריאה אַפילו צווישן באַנדיטן און מיט זיין צי־ניזם און ווילדקייט האָט ער איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע אַטאַמאַ־נען פון זיין צייט. אַנדערע אַטאַמאַנען פלעגן זיך כאָטש לפנים דעקלאַמירן, אַז זיי קעמפן פאַר אַן אידעע, פאַר אַ זעלבסטשטענדי־קער אוקראַינע און סאָקאָלאָוו פלעגט עפנטלעך אָפּחוזקן און אָפּ־לאַכן פון דער „הייליקער אידעע", פאַר וועלכער ער האָט כלו־מרשט געקעמפט. יושר — פלעגט ער זאָגן — איז ביי אים דער ר'עוואָלוער און זיין אידעע — געלט. די ערשטע באַשולדיקונג וואָס דער באַרבאַרישער אַטאַמאַן פלעגט פאַרוואַרפן די יידן איז געווען, אַז זיי ווילן ניט נעמען דאָס אוקראַאינישע געלט וואָס דינט פאַר אַ באַוויז, אַז זיי ווילן ניט קיין זעלבסטשטענדיקע אוקראַי־נישע מלוכה און ער אַליין, פאָדערנדיק קאָנטריבוציע פלעגט בפירוש אויסנעמען, אַז מ'זאָל אים ניט געבן קיין אוקראַאיניש געלט נאָר ניקאָלאַיעווער און קערענקעס... באַפאַלנדיק טעטיעוו, האָבן די פאַרשטייער פון דער יידישער קהלה אים געגעבן 200 טויזנט רובל קאָנטריבוציע צווישן וועלכע ס'איז געווען 50 טויזנט רובל אוקראַיניש געלט. דער אוקראַינישער „פאָלקס־העלד" וואָס האָט „געקעמפט" פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער אוקראַינע האָט זיי גע־שליידערט דאָס אוקראַינישע געלט אין פנים שרייענדיק מיט זיין מערדערישער שטימע: זשידעס, מאָשעניקעס, איר גיט מיר געלט, וואָס האָט קיין ווערט ניט!..

זייענדיק אַ „פאָלקס העלד", האָט סאָקאָלאָוו ניט אָוועקגע־וואָרפן זיינע אַמאָליקע גנבהשע שטיק און טיילמאָל פלעגט ער זיי באַנוצן אין זיין אַטאַמאַנישער טעטיקייט, כאָטש אַלס אַטאַמאַן האָט ער זיך געקענט באַגיין אָן זיי. פאַרכאַפּנדיק ליסענקע, זוועני־גראָדקער אויעזד, האָט די דאָרטיקע קהלה, נאָכקומענדיק זיין פאַרלאַנג, אים אָפּגעציילט 150 טויזנט רובל, וועלכע זענען צו־נויפגעזאַמלט געוואָרן מיט פיל מי און מיט גרויסע שוועריקייטן. סאָקאָלאָוו האָט צוגענומען דאָס געלט און געזאָגט, אַז ס'איז נאָר דאָ 125 טויזנט רובל און ס'האָט גאָר ניט געהאָלפן, מ'האָט גע־

מוזט אויסזוכן נאָך 25 טויזנט רובל און אים געבן. ענלעכע פאַלן האָבן פּאַסירט אויך אין פיל אַנדערע ערטער.

דער „העלד" סאָקאָלאָוו איז געווען אַ גרויסער פּחדן. זיין העלדישקייט האָט ער נאָר געקענט באַווייזן אינעם „קאַמף" מיט די שוצלאָזע יידישע איינוווינער. פאַר אַ מיליטערישע מאַכט — ווער זי זאָל ניט זיין און ווי קליין זי זאָל ניט זיין — האָט ער געציטערט ווי אַ לעמעלע. אַ שטיק צייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום אומאַן און קיין איין מאָל האָט ער זיך ניט איינגעשטעלט אַריינצוברייסן קיין אומאַן, מורא האָבנדיק פאַרן סאָוועטישן מיליטער, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. כאָטש אַנדערע אַטאַמאַנען מיט קלענערע באַנדעס, ווי קאַזאַקאָוו און סטעציורע האָבן יאָ געפּרוווט פאַרכאַפּן אומאַן. איבערהויפּט פלעגט סאָקאָלאָוו אָפּערירן מיט זיין באַנדע אין אַ געגנט, וועלכער איז געווען ווייט פון אַ באַן־ליניע, מורא האָבנדיק, ס'זאָל ניט אָנלויפן קיין מיליטער, אָדער אַ געפּאַנצערטער צוג. אַפילו אין די שטעטלעך אין וועלכע ס'איז געווען אַ זעלבסט־שוץ, האָט ער זיך אויך ניט איינגעשטעלט אָנ־צופאַלן אויף זיי. ער האָט שטענדיק אָפּגעוואַרט, אַז אַן אַנדער באַנדע זאָל זיי פריער באַפאַלן און ער זאָל קומען אויפן גרייטן. דעריבער האָט ער אַריינגעמאַרשירט קיין טעטיעוו נאָך זעליאָנען און קיין האלוואַנעווסק — נאָך קאָזאַקאָוון.

סאָקאָלאָוו האָט אויף זיין מאַרש ניט געהאַט קיין שום סטראַ־טעגישן פּלאַן. ער האָט געמאַרשירט, ווו ס'האָט זיך געלאָזט און אָפּטמאָל פלעגט טרעפן, אַז ער זאָל איין שטאָט באַפאַלן עטלעכע מאָל, כאָטש ס'איז שוין לאַנג געווען פאַרשווונדן פון דאָרט יעדער שפור פון באָלשעוויקעס.

סאָקאָלאָוו האָט דורכגעפירט צענדליקער שחיטות. טויזנטער יידישע לעבנס זענען דורך זיין האַנט אומגעקומען, צענדליקער יידישע ישובים זענען דורך אים חרוב און פאַרניכטעט געוואָרן.

אין סאָקאָלאָווס ערשטע באַנדע האָבן זיך געפונען איניקע

יידן. געווען זענען אַנגעשטעלטע פון בעלאַ־צערקווער קראָמען, אַמאָ־ ליקע שותפים און מיטהעלפער פון זיין שייקע אין איר גנבהשער טעטיקייט. דער באַוווסטער צווישן זיי איז געווען אַ געוויסער היר־ מאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שוידערלעכער אכזריות און בעסטיאַליטעט אין וואָלאָדאַרקער שחיטה. נאָך דער ליקווידאַציע פון דער באַנדע דורך די באָלשעוויקעס איז דער באַנדיט הירמאַן אַנטלאָפן צוזאַמען מיט סאָקאָלאָוון קיין זאַשקאָוו און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיינעם אַ שוואָגער. אין זאַשקאָוו האָט אים די קהלה באַשטימט פאַרן אָנפירער מיט דער נאַכט־ שוץ מיט אַ מאַנאַטלעכן געהאַלט. דאָס שטעטל האָט זיך געגנוג אָנ־ געליטן און פיל אויסגעשטאַנען פון זיינע בעסטיאַלישע טאַטן. אין פרילינג 1920, ווען זאַשקאָוו איז באַגלייך מיט אַלע אונדזערע שטעט און שטעטלעך פון אומאַנער געגנט געגנצלעך חרוב געוואָרן דורך די טעטיעווער פויערים, איז הירמאַן אַנטלאָפן קיין אָדעס, ווו וואָלאָדאַרקער פּאָגראָמירטע היימלאָזע האָבן אים דערקענט און אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער „טשעקאַ״, וועלכע האָט אים פאַרורטיילט צום טויט דורך שיסן.

סאָקאָלאָוו איז געהרגעט געוואָרן אין האַרבסט 1919 דורך דעניקינס אַ קאָזאַק, בעת זיין מאַרש קיין סאָקאָליווקע, ליפּאָווצער אויעזד. ער האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט, אַז ער וועט ניט איבערלאָזן קיין לעבעדיקן נפש און קיין שטיין אויף קיין שטיין. ס׳איז געווען דעמאָלט ווען סאָקאָלאָוו האָט זיך געקליבן „אָפּשטאַטן אַ וויזיט״ דעם שטעטעלע צעבוליאָוו פונעם זעלבן אויעזד. דאָרטן האָבן זיך געפונען עטלעכע דעניקינצעס, וועלכע האָבן צעראַבירט די צוקער־פאַבריק. דערזעענדיק די דעניקינצעס האָט סאָקאָלאָוו גלייך געעפנט אַ שיסעריי. די דעניקינצעס זענען זיך צעלאָפן און איינער פון זיי האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ פויערשן פּלויט און דערזעענדיק סאָקאָלאָוון, האָט ער אין אים אַריינגעשאָסן אַ קויל פון וועלכער ער איז געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט.

נאָך סאָקאָלאָווס טויט זענען אַנטשטאַנען קריגערייען און געשלעגן צווישן זיינע אַדיוטאַנטן איבער דער אָנפירערשאַפט פון דער באַנדע, וועלכע האָבן פאַרורזאַכט איר ענדגילטיקע ליקווידאַ־ציע אוןביים אָנקומען פונעם ווינטער 1920 איז שוין סאָקאָלאָווס באַנדע געווען אינגאַנצן ליקווידירט.

דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט

אין יאָר 1920 אין איינעם פון די רעגנדיקע האַרבסט־פרי־מאָרגנס, האָב איך באַקומען אַ מעלדונג פונעם סעקרעטאַר פון דער יידישער קהלה אין קיעוו. דער באַוווסטער לערער און שרייבער ה׳ משה ראָזענבלאַט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַן אַמעריקאַנער דעלעגאַט און אין אָוונט וועט ער באַזוכן דעם יתומים־הויז, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער מיין אויפזיכט און פאַרוואַלטונג.

די דאָזיקע מעלדונג האָט מיך שטאַרק איבעראַשט און מיין נייגעריקייט וואָס שנעלער זען און אָנקוקן דעם וווּנדערלעכן גאַסט האָט געשטיגן פון מינוט צו מינוט, ווייל אין יענער שוידערלעכער צייט האָט זיך אין אוקראַינע אויסגעוויזן דאָס קומען פון אַמעריקע פאַר אוממעגלעך. ס׳איז געווען, פונקט ווי מען זאָל זאָגן, אַז עמעצער איז געקומען פון יענער וועלט... און אַז ס׳איז אָנגעקומען אַן אַמעריקאַנער, איז געלאָפן יונג און אַלט אים אָנקוקן, יעדער איינער האָט זיך אינטערעסירט צו זען ווי קוקט אויס אַ מענטש, וואָס האָט נישט דורכגעמאַכט די שוידערלעכע איבערלעבונגען און דער עיקר געווויר ווערן, צי ס׳איז שוין באַוווסט אין אַמעריקע אונדזער קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע און וואָס דענקען זיי דאָרטן צו טאָן...

מיר האָבן אין יענער בלוטיקער און כאַאָטישער צייט געלייגט

גאַר גרויסע האָפענונגען אויף דער אויסערלעכער וועלט און באַ־זונדערס אויף אַמעריקע. די איינציקע טרייסט אונדזערע איז געווען, אַז אַמעריקע וועט נישט שווייגן. זי וועט נעמען נקמה פאַר אונדזער פאַרגאָסן בלוט!... און אַלע יידן וועט זי אַריבערנעמען צו זיך, קיין איין יידן וועט זי נישט איבערלאָזן אין דער בלוטיקער אוקראַינע... מיר האָבן זיך געזאָרגט, טאָמער ווייסט נאָך נישט אַמעריקע, וואָס ביי אונדז קומט פאָר... נאָר ווען זי ווייסט — האָבן מיר אַפילו ניט געצווייפלט אין דעם, אַז זי וואָלט מאָמענטאַל אַרויסגעשיקט מיליטער צו באַשטראָפן דעם צעווילדעוועטן און צעבושעוועטן המון און פאַר די יידן וואָלט זי אַרויסגעשיקט ספּע־ציעלע שיפן און וואָלט זיי אַלע פאַרנומען צו זיך... דעריבער איז קיין חידוש נישט, וואָס ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען אַן אַמעריקאַנער, האָבן מיר אים באַלד געקרוינט מיטן טיטל „דעלעגאַט" און אים אַרומגעפירט איבער אַלע אַנשטאַלטן און קאָמיטעטן פון פּאָגראָ־מירטע הימלאָזע, פאַרזאָרגונג און יתומים הייזער, ווו ער האָט זיך געקענט איבערצייגן אינעם קאַטאַסטראָפאַלן חורבן פונעם אוק־ראַינער יידנטום.

אַרום 5 אַזייגער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אין יתומים־הויז דער דעלעגאַט אין דער באַגלייטונג פון אייניקע קיעווער עסקנים און פאָרשטייער פון די הימלאָזע. דער גרויסער זאַל פון יתומים־הויז איז געווען העל באַלויכטן פון אַ קליין גאַז־לעמפּל. קיין באַ־לויכטונג איז דאַן נישט געווען אַפילו אין די גאַסן: צוליב דער קריגערישער אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט אין קיעוו איבער דער מלחמה מיט די פּאָליאַקן, האָט די עלעקטרישע באַלויכטונג נישט פונקציאָנירט נאָרמאַל; מערסטנס פלעגט דאַן גאָר קיין באַ־לויכטונג נישט זיין און אויב זי פלעגט זיך אַמאָל שוין יאָ באַווייזן, איז דאָס געווען אין די שפּעטע אָוונט־שעהען און די איינוווינער האָבן פון איר קיין נוץ נישט געהאַט. סיידן עס האָבן באַדאַרפט פאָרקומען „אָבלאַוועס" אין די הייזער, דאָס הייסט, כאַפּן מענטשן פון די געלעגערס אויף פאַרשידענע אַרבעטן, ווי גראָבן אָקאָפּעס,

רייניקן גאַסן, א. א. וו. אָדער „אָביסקעס" אין די רייכע וווינונגען, פלעגט זיין באַלויכטונג אַ גאַנצע נאַכט און ווען עס איז געווען עלעקטרישע באַלויכטונג — פלעגט זיין אַ שלאָפלאָזע נאַכט, פול מיט פּחד און שרעק פאַר דער גאַנצער קיעווער באַפעלקערונג.

צוליב דער טונקעלער באַלויכטונג און צוליב דעם האַרבסטרעגן, וואָס האָט געקלאַפּט אין די שויבן פון די פענצטער, האָט געהערשט אַ טרויעריקע שטימונג. די קינדערלעך האָבן זיך עלנט און פאַריתומט אַרומגעבלאָנקעט פאַרזאָרגטע, און דערזעענדיק דעם זאַט אָנגעגעסענעם און שיין געקליידעטן פרעמדן, זענען זיי געבליבן שטיין און האָבן אים מאָדנע אָנגעקוקט.

דער דעלעגאַט האָט גענומען פאַנאַנדערפרעגן און די יונגע קינדערלעך האָבן מיט צער און ווייטאָג דערציילט וועגן גרויזאַמען און שרעקלעכן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן.

אַן אויסגעדאַרט ייִנגעלע פון אַ יאָר צען, מיט אַ בלייך פּנימל האָט דערציילט, אַז ער איז אַ פּאַסטאָווער. זיין פאָטער איז געווען אַ קאָוואַל. זענען אַריין אין שטאָט די דעניקינצעס און האָבן זי איינגאַנצן חרוב געמאַכט. פיל ייִדן האָבן זיי אויסגעהרגעט און די הייזער — פאַרברענט, נאָר זייער שטוב האָבן זיי נישט געטשעפּעט, זיין פאָטער איז געשטאַנען אין קוזניע און האָט זיי געקאָוועט די פערד. איינמאָל פאַרנאַכט, זענען צוגעפאָרן דריי דעניקינצעס אָנקאָווען די פערד און ווען זיין פאָטער האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, האָבן די דעניקינצעס אים געבונדן און אויפגעהאנגען אין קוזניע מיט די פיס אַרויף און מיטן קאָפּ אַראָפּ, פונקט אַקעגן ברענענדיקן אויוון... זיין מוטער, דערהערנדיק די האַרצרייסנדע געשרייען און געוואַלדן פון זיין פאָטער, איז געלאָפן זען וואָס מיט אים קומט פאָר, האָבן די רוצחים, ביי דער טיר פון דער קוזניע זי דערהרגעט און זיין פאָטער איז פאַרבר׳ענט געוואָרן.

אַ וואָלאָדאַרקער ייִנגעלע דער׳ציילט, אַז אין אַ פינסטערער

נאַכט, האָבן זיך סאָקאָלאָווס באַנדיטן אַריינגעריסן צו זיי אין הויז און האָבן אויף די געלעגערס אויסגעקוילעט די גאַנצע פאַמיליע: די מוטער, אַ אַנדערהאַלבן־יעריק שוועסטערל און אַ פיר־יעריק ברודערל. נאָר זיין פאָטער איז אַנטלאָפן און ער, דאָס אַכט־יעריקע יינגעלע, האָט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און די באַנדיטן האָבן אים נישט באַמערקט און אַז ס׳איז טאָג געוואָרן איז ער אַרויס אין הויף, ווו ער האָט געפונען ליגן זיין פאָטער אין אַ גרוב מיט אָפּגעהאַקטע הענט און פיס און אָן אָפּגעשניטענער נאָז...

צום טיש רוקט זיך צו אַ קליין מיידעלע מיט אַן איידעלן געזיכט און ווי אַ דערוואַקסענע דערציילט זי וועגן איר טיפן צער: איר פאָטער האָט געהאַלטן ½ מיל אין אַ דאָרף לעבן סקווירע און עס האָט זיך זיי זייער גוט געלעבט, זענען אָנגעקומען „שלעכטע מענטשן" און האָבן גענומען פייניקן דעם פאָטער מיט דער מוטער און שלאָגן די ברידער, נאָר זי און איר עלטערע שוועסטער האָבן זיי נישט געשלאָגן. פאַרקערט, צו איר שוועסטער זענען זיי זייער גוט געווען... נאָכהער האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ גרויסע און אַ טיפע גרוב, אַריינגעוואָרפן אַהין טאַטע־מאַמע מיט די ברידער און זיי פאַרשיט און איר מיט דער שוועסטער האָבן זיי געצוווּנגען טאַנצן אויפן קבר.. און זיי האָבן אַזוי לאַנג געטאַנצט, ביז די שוועסטער איז משוגע געוואָרן, און שוין דאָס צווייטע יאָר, אַז זי געפינט זיך אין משוגעים־הויז.

אַזוי האָבן אַרומגערינגלט דעם טונקל־באַלויכטענעם טיש צענדליקער קינדערלעך און יעדער איינער האָט דערציילט זיין געשיכטע פון בלוט און שרעק, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ גרויל און אַ שוידער אויף דעם צוהערער. יעדעס קינד — אַ מאַרטירער, און אַ באַזונדער טראַגעדיע.

דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט, געפינענדיק זיך אונטערן שווערן איינדרוק פון די שוידערלעכע דערציילונגען, האָט פּלוצים אַ געשריי געטאָן, אז ס׳איז אים נישט גוט און ער איז געפאַלן חלשות.

צווישן די דערשראָקענע קינדער האָט אויסגעבראָכן אַ געפערלעכע פּאַניק, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין ווילדע היסטערישע געשרייען און געוואַלדן און האָבן פאַרורזאַכט אַ צוזאַמענלויף פון מענטשן און אָנקומען פון פּאָליציי.

דעם דעלעגאַט האָט מען באַלד דערמונטערט און די קינדער באַרואיקט. נאָר די רויטע פּאָליציי, איינקוקנדיק זיך אין דעם גאַסט, וועמענס אויסזען און קליידונג האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין סאָוועטישער בירגער, האָבן אים גלייך גענומען אויף אַ פאַרהער: ווער איז ער? פון וואַנען קומט ער? און וואָס טוט ער דאָ? דער דעלעגאַט האָט זיי דערציילט, אַז ער קומט פון אַמעריקע, ווו ער איז אָפּגעווען 28 יאָר, און געקומען איז ער זיך זען מיט זיין פאַמיליע, וועלכע געפינט זיך אין קיעווער גובערניע. ער האָט זיי געוויזן דאָקומענטן און בריוו, וועלכע האָבן באַשטעטיקט זיינע רייד. אָבער די רויטע פּאָליציי האָט זיך דערמיט נית באַפרידיקט. זי האָט געטענהט, אַז אַזוי ווי דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט קומט אָן פון רומעניע, וועמענס דיפּלאָמאַטישע באַציונגען מיט די סאָוועטן זענען שטאַרק אָנגעצויגענע, צוליב איר אַנעקסירונג פון בעסאַראַביע, איז נישט אַנדערש נאָר אַז ער איז אַ רומענישער שפּיאָן און מיר אַלע זענען זיינע מיטהעלפערס... ער האָבן נישט געהאָלפן די טענות און באַווייזן. מ׳האָט אונדז אַלע אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין טשעקאַ. דאָרטן האָט מען אונדז אַלעמען באַזוכט, פאַרשטייט זיך, אָן שום רעזולטאַט, נאָר ביים דעלעגאַט האָט מען געפונען 1200 דאָלאַר.

מעגלעך, אַז די גרויסע סומע געלט, צו וועלכער די באַאַמטע פון דער „טשעקאַ״ האָבן שטאַרק געשמייכלט, האָט געדינט פאַרן שטאַרקסטן באַוויז אין זיין שולד. אייניקע פון אונדז האָט מען צוליב מאַנגל אין באַווייזן נאָך אויפן אָרט באַפרייט און אייניקע — אין עטלעכע טעג שפּעטער און דעם אַמעריקאַנער האָט מען אויפן צווייטן טאָג דערשאָסן אונטער דער כלומרשטער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש.

„קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן"

אין איינעם פון די פרילינגס טעג פון יאָר 1920, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג איבערן שטאָט, אַז דאָס פּוילישע מיליטער האָט פאַרנומען דאָס דערבייאיקע שטעטל וו. און מאַרשירט אויף אומאַן. און ניט קוקנדיק דערויף וואָס די אומאַנער באַפעלקערונג האָט שרעקלעך געליטן און זייער פיל אויסגעשטאַנען פונעם מיליטערישן קאָמוניזם, וועלכער האָט צום ווילדסטן געבושעוועט אַכזריותדיק אויף דער יידישער גאַס, צעשמעטערנדיק און צעשטערנדיק אַלע לעבנס פּאָזיציעס דורך רעקוויזירן סחורות, צעוואַלגערן קלייטן, צעטרייבן דעם מאַרק האַנדל, כאַפּן אויף אַרבעט א. א. וו. און יעדער איינער האָט אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט אויף אַן איבערבייט פון דער מאַכט, מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז ס'וועט ווערן בעסער און מ'וועט קענען אַביסל פרייער אָפּאָטעמען. פונדעסטוועגן האָט דער דאָזיקער קלאַנג פאַרורזאַכט אַ געפערלעכע בהלה און אַ שרעקלעכע פּאַניק צווישן די יידישע איינוווינער פון אומאַן.

זייענדיק אינפאָרמירט וועגן בונד, וואָס דער פּוילישער פעלדמאַרשאַל פּילסודסקי האָט געשלאָסן מיט פּעטליוראַן וועגן אַ געמיינזאַמען מאַרש אויף אוקראַינע און וויסנדיק, אַז צוזאַמען מיטן פּוילישן מיליטער מאַרשירן אויך די אוקראַינישע באַנדעס וועלכע האָבן אין יאָר 1919 אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעבראַכט

צענדליקער טויזנטער יידישע לעבנס האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז מיטן אָנקום פונעם פוילישן מיליטער וועט זיך אַריינרייסן אין שטאָט די טרויעריק־באַרימטע טעטיעווער באַנדע וועלכע האָט אומבאַשרייבלעך, בעסטיאַליש, אינגאַנצן חרוב געמאַכט און פאַר־ניכטעט אַלע יידישע ישובים פון געגנט און שאַרפט זיך שוין לאַנג די ציין אויף אומאַן. דאָס הויפט מיטל מיט וועלכן די אָר־גאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון דער באַנדע האָבן זיך באַנוצט אויפ־צורעגן די פויערים און זיי ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלן זיך וואָרפן מיט אַן העסלעכער שנאה און ווילדער רציחה אויף יידן פון זייערע שכנהשע שטעט און שטעטלעך מיט וועלכע זיי האָבן געלעבט אַלע יאָרן אינעם בעסטן שלום און האַר־מאָניע, און זאָלן זיי שוידערלעך אומברענגען און פאַרניכטן איז געווען דער שקר בלבול, אַז די אומאַנער יידן הרגענען אויס יעדן אוקראַינער וואָס קומט פון געגנט קיין אומאַן און אַז אין די קע־לערס ביי די אומאַנער יידן ליגן באַגראָבן טויזנטער אוקראַינער... און די ווילדע אוקראַינישע מאַסע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך אַזעלכע נידערטרעכטיקע שקרים און בלבולים און האָבן זיך גע־וואָרפן מיט ווילדער נקמה אויף זייערע היימישע יידן וועלכע האָבן זיי שטענדיק גוטס געטאָן כדי צו שטילן זייער כעס צו די אומאַנער יידן פאַרן כלומרשטן פאַרגאָסענעם בלוט פון „זייערע אומגליקלעכע ברידער״.

דערפאַר האָט די ידיעה וועגן מאַרש פונעם פוילישן מילי־טער אויף אומאַן אַריינגעוואָרפן די אידישע איינוווינער אין אַ גרויסער שרעק און פאַרצווייפלונג און פאַרורזאַכט אַ שטאַרקע עמיגראַציע. די פאַרמעגלעכע זענען געלאָפן קיין אָדעס ווו די ראַטן מאַכט איז געווען פעסט און די אָרעמע האָבן זיך געלאָזט צופוס מיט זייערע פרויען און קינדער צו די שטעטלעך וואָס ליגן אויסגעשפרייט ביים ברעג פונעם טייך דניעסטער מיט דער האָ־פענונג זיך אַריבערשמוגלען קיין רומעניע.

דער שעף פון אומאַנער גאַרניזאָן געווויר ווערנדיק פון דער שרעקלעכער פּאַניק וואָס ס׳האָט אויסגעבראָכן צווישן די יידישע איינוווינער האָט געשיקט רופן די פאָרשטייער פון דער קהלה — אגב, די איינציקע יידישע קהלה אין אוקראַינע, וועלכע האָט נאָך דאַן פונקציאָנירט לעגאַל אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט — און האָט זיי געהייסן איבערגעבן די יידן, אַז זיי זאָלן זיצן רואיק אויף די ערטער, ווייל ס׳דראָעט ניט דער שטאָט קיין שום געפאַר. ער גאַראַנטירט, אַז די פּאָליאַקן וועלן אומאַן ניט אָנקוקן. און מיטן צעלויפן זיך — האָט ער געזאָגט — שאַפן נאָר די יידן אַן אומזיסטיקע געדריקטע שטימונג אין שטאָט, וועלכע רופט זיך אָפּ שלעכט אויך אויפן סאָוועטישן מיליטער; איבער דעם פאַר־אָרדנט ער, אַז ווער ס׳וועט פּרוּוון פאַרלאָזן די שטאָט וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

און צוליב מער זיכערקייט, אַז ס׳זאָל זיך ניט אַריינשמוגלען אין שטאָט קיין פּוילישע שפּיאָנען און אַנדערע אומגעוווּנטשענע עלעמענטן און אויך אַ גרויסער טייל צוליב פאַרהאַלטן דעם שטראָם פון דער יידישער עמיגראַציע, וואָס ניט אַכטנדיק אויפן פאַרבאָט פונעם מיליטערישן שעף האָט זי זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט און אָנגענומען אַ מאַסן כאַראַקטער וואָס ביי דער געשאַפענער סיטואַציע האָט זי געקענט באַדראָען די זיכערקייט פון דער לאַגע, איז אין עטלעכע טעג אַרום דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס צושטאַנד אין אומאַן און אין אומגעגנט.

די באַוועגונג איבער די גאַסן איז געווען דערלויבט ביז 21 אַזייגער. אין פרילינגס־צייט גייט דער סאָוועטישער זייגער גע־רוקט אויף אַ שעה צוריק, כדי דער אַרבעטס טאָג זאָל זיך פריער ענדיקן און די אַרבעטער מאַסן זאָלן באַזיצן מער פרייע צייט אויף צו באַזוכן די מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און פאַרוויילונגען וואָס די פּאַרקאמען אָרדענען איין. אַזוי, אַז ס׳איז נאָך ניט געווען רעכט נאַכט זענען שוין אַלע גאַסן געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן,

מ׳האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש אויסער די סאָוועטישע פאַטרולן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַכטונג געבן, אַז מ׳זאָל ניט עובר זיין אויף דער שטרענגער פאַראָרדענונג.

אין אומאַן, אַ גרויסע יידישע שטאָט מיט טויזנטער חסידים, די רעזידענץ פון צוויי „רביים״, פונעם מאנאסטרישטשער און פור־נעם לאיעווער און מיט עטלעכע „גוט יידישע ״ קלויזן, האָט די גזרה פון באַלאַגערונגס צושטאַנד געטראָפן אויך מיט דעם.. וואָס זיי האָבן זיך געמוזט באַגיין אָן אַ מנין צו מנחה און מעריב ניט נאָר אין דער וואָכן, נאָר אויך אום פרייטאָג צו נאַכטס.

און אויך די בראַסלאַווער חסידים, וועלכע צייכנען זיך אויס מיט זייער פרומקייט און ווילדן פאַנאַטיזם און אויספאָלגנדיק די הייליקע צוואה פון זייער רבין, זיצן זיי אַלע טאָג בין מנחה למעריב אין דער בראסלאווער קלויז און לערנען מיט אַ געשמאַקן, זיסן ניגון דעם „לקוטי־מהר׳ן״ וואָס איז ביי זיי טייערער און הייליקער פון פאַסטן יום כפור, פון יום כפור אַליין, האָבן נעבעך גע־מוזט, מיט אַ געבראָכן האַרץ און אַ דערשלאָגן געמיט, מקבל זיין אויף זיך דעם „דינא דמלכותא״ און יעדער איינער האָט געדאַוונט און געלערנט דעם „לקוטי מהר׳ן״ שטילערהייט ביי זיך אין דער היים ביחדות, כאָטש דאָס האַרץ האָט שיר ניט געפּלאַצט פון צער און ווייטאָג אַ טראַכט טוענדיק, אַז די קלויז זייערע שטייט אין די אָוונט שעהען טרויעריק ווי אַן אמתע אבלה און קלאָגט ביטער אויף אירע קינדער וואָס האָבן זי פאַרלאָזט...

און אַז ס׳איז אָנגעקומען דער פרייטאָג האָט שוין טאַקע ביי בראַסלאַווער חסידים געפּלאַצט דאָס געדולד, מער ליידן האָבן זיי שוין ניט געקענט... זיי האָבן ניט געקענט ביי זיך פועלן, אַז אויך צו קבלת שבת זאָל אין זייער קלויז קיין מנין ניט זיין און האָבן באַשלאָסן, יעבר עליהם מה... צו אַזא חלול הקדש וועלן זיי ניט דערלאָזן, זאָל זיין וואָס ס׳וויל זיך, דער רבי ז״ל וועט ניט איינליגן רואיק אין קבר וויסנדיק אַז זיין קלויז אין אַ שרויה

באבלות און זיינע חסידים זענען שרויים בצער אויך אום שבת... און נאָך פרייטאָג בייטאָג האָט זיך פאַרזאַמלט אין קלויז אַ גרויסער עולם חסידים, אויסגעוואַשענע און אָנגעטוענע אין זייערע שבתדיקע קליידער מיטברענגענדיק יעדער איינער אַ פעקל שפּייז זייענדיק געצוווּנגען צוליב דער גזרה פאַרבלייבן אין קלויז אַ גאַנצע נאַכט.

צו קבלת שבת איז דער עולם אַריינגעפאַלן אין גרויס התלהבות פאַרגעסנדיק אינגאַנצן אינעם עולם השפל מיט אַלע זיינע נאַרישקייטן ווי פּאָגראָמען, שחיטות, בירגער קריג, באַלאַגערונגס צושטאַנד א. א. און האָט זיך איבערגעפּעקלט אויפן „עולם האצילות" און גענומען דאַווענען בקולות ובברקים מיט אַ פּאַטשעריי און אַ פּליעסקעריי לויט זייער שטייגער. און נאָכן דאַווענען האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ קאַראַהאָד, אַ רקוד'ל באַגלייט פונעם רבינס נגון וואָס האָט זיך צעשאָטן און צעקלונגען איבער אַלע ליידיקע גאַסן פון שטאָט...

די סאָוועטישע פּאַטרולן, דערהערנדיק פּלוצים דאָס מאָדנע געזאַנג מיטן טאַנצעריי זענען אויפגעציטערט געוואָרן און האָבן וועגן דעם גלייך געמאָלדן זייער אָפיציר.

דער אָפיציר איז באַלד געקומען מיט אַן אָפּטיילונג מיליטער, האָט אויף גיך אַרומגערינגלט די קלויז און אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע סאָלדאַטן, מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן, איז ער אַריין אינעווייניק, ווו ער האָט דערזען אַ מאָדנע דערשיינונג: אַ גרויסער עולם מענטשן, יונגע און אַלטע מיט לאַנגע קאַפּאָטעס און קליינע היטעלעך, מיט משונהדיקע בערד און פאות זענען צונויפגעפּלאָכטן אין אַ ראָד און מיט פאַרמאַכטע אויגן עפּפן זיי און טאַנצן אויף וואָס די וועלט שטייט...

די בראַסלאַווער חסידים, זייענדיק פאַרטיפט אין דער הייליקער עבודה, האָבן גאָר ניט באַמערקט דאָס אַריינגעקומענע מילי-

טער, אויך די ווענדונג פונעם אָפּיציר אַז זיי זאָלן אים דערקלערן וואָס איז מיט זיי די שמחה פּלוצים, אין מיטן דערינען, האָבן זיי ניט געהערט, נאָר אַז דאָס מיליטער האָט געגעבן עטלעכע זאַלפּן שאָס אין דער לופטן האָבן זיי זיך ערשט דאַן אויסגעניכטערט און באַגריפּט וואָס אַרום זיי קומט פאָר...

דער אָפיציר האָט פאַרחתמעט די קלויז, און די חסידים האָט ער, אונטער אַ שטרענגער וואַך, מיט בלויזע שווערדן אָפּגעפירט אין שטאַב, ווו ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נעסט פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אויפנעמענדיק מיט געזאַנג און טענץ די ידיעה וועגן אָנקומען פונעם פוילישן מיליטער.

דער גענעראַל פון שטאַב האָט זיי געוואָלט איבערגעבן צו אַ פעלד געריכט, ווו ס׳וואָלט זיי געדראָעט טויט שטראָף, נאָר אַ דאַנק די שתדלנות פון די פאָרשטייער פון דער קהלה איז מיט גרויס מי און פיל שוועריקייטן געלונגען איבערצייגן דעם גענע־ראַל וועגן דער באַדייטונג פון דער געשעעניש און ער האָט פאַר־אורטיילט: די אַלטע — צו 25 שמיץ יעדן איינעם און די יונגע האָט ער אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט גראָבן אָקאָפּעס.

„קאָמוניסטן"

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין שטאָט איז ניט געווען צו באַמערקן קיין שום סמנים פון עוואַקואַציע ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט; פאַרקערט, די צייטונגען וואָס די פוילישע באַהערדן האָבן אַרויסגעגעבן אין קיעוו און די באַריכטן וואָס האָבן זיך באַקומען פונעם גענעראַל־שטאַב זענען געווען פול מיט פאַרשידענע נצחונות פונעם פוילישן מיליטער אויף אַלע פראָנטן, ברענגנדיק גלייכצייטיק סענסאַציאָנעלע ידיעות וועגן גרויסע מפלות און דיסציפּלין־לאָזיקייט, וואָס הערשט צווישן די רייען פון דער סאָוועטן אַרמיי און אירע אָנפירער: אַז דאָס פוילישע מיליטער דערנענטערט זיך צו אָדעס... גענעראַל בודיאָנע האָט זיך געשאָסן... לענין האָט אַרעסטירט טראָצקין... אויף לענינען איז אויסגעפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט... א. א. וו. איין סענסאַציע גרעסער פון דער אַנדערער. לויט דער דאַמאָלסטיקער סיטואַציע וואָס האָט געהערשט אין קיעוו וואָלטן אַזעלכע באַריכטן און ידיעות באַדאַרפט אויפהויבן דעם פּרעסטיזש פון די נייע אָקופּאַנטן און אַרויסרופן צו זיי צוטרוי און גלויבן ביי דער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן קלאַנגען — צו וועלכע מ'האָט זיך באַצויגן גאַנץ ערנסט אַפילו צווישן די העכערע אוקראַאינישע ספערן, וואָס דער זיג פון די פּאָליאַקן האָט זיך גערעכנט אויף פאַר זייערן — אַז דאָס פוילישע מיליטער ציט זיך צוריק פון קיעוו.

פון טאָג צו טאָג זענען געפאַלן די פוילישע מאַרקן און אוק־ראַינישע גריוונעס, די פאַרשידענע סחורות וועלכע זענען, לכת־חילה, — ביים אָנקומען פון די פּאַליאַקן — אַרויסגעשטעלט גע־וואָרן אין די שויפענצטער פון די קראָמען, זענען פון מאָל צו מאָל פאַרשוואונדן געוואָרן און די סוחרים האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון צו געבן קרעדיטן די פוילישע באַהערדן באַטראַכטנדיק זיי ווי צייטווייליקע געסט.

און ווי אַ באַשטעטיקונג פון די דאָזיקע שוין פון לאַנג פאַר־שפרייטע קלאַנגען האָט זיך פּלוצים, אומגעריכט אין אַ שיינעם פרילינגס פרימאָרגן דערהערט, פון יענער זייט דניעפּער, וואָס פירט צום שטעטל דארניצע, טשערניגאָווער גובערניע, הילכיקע קנאַלן פון קוילן־וואַרפער און קאַנאָנען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם זענען אין אייניקע שעה אַרום צעהאָנגען געוואָרן איבער אַלע גאַסן פון שטאָט גרויסע פּלאַקאַטן מיט גרויסע קדוש לבנה אותיות, אויפרופן פון די פוילישע באַ־הערדן צו דער קיעווער באַפעלקערונג.

אין די אויפרופן האָבן די פוילישע באַהערדן געמאָלדן, אַז זיי האָבן געפונען פאַר נויטיק אויסזאָגן די איינוווינער פון שטאָט דעם גאַנצן אמת, זיי זענען איצט כמעט אַלזייטיק אַרומגערינגלט... נאָר זיי לייגן גרויס האָפנונג אויף זייער מאַרשאַל פּילסודסקי, וועלכע איז „אומבאַזיגבאַר און נישט געווינט זיך צוריקציען".

די באָלשעוויקעס האָבן פון דער לעצטער פראַזע, דערנאָך, געמאַכט אַ פילם־בילד, וועלכער איז ניט אַראָפּ פון לייוונט אַ שטיק צייט, ווייל לויט די דערקלערונגען פון די סאָוועטישע צײַ־טונגען האָט אָט דעם געפערלעכן סטראַטעגישן פעלער באַגאַנגען ניט קיין אַנדערער, נאָר דער מאַרשאַל פילסודסקי אַליין בכבודו ובעצמו, לייגנדיק די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויפן פראָנט מיט בודיאָנען האָט ער אָפּגעצויגן די מיליטערישע קרעפטן פון קיעוו ניט אַכטנדיק אויפן סאָוועטישן מיליטער וואָס האָט זיך

קאָנצענטרירט פון יענער זייט דניעפּער און אַזוי אַרום האָט דער „אומבאַזיגבאַרער מאַרשאַל" אַליין פאַרוראַכט די שרעקלעכע מפּלה אין וועלכער ס'זענען אומגעקומען, אויף אַ שווידערלעכן אופן, צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן.

אַלע באַן ליניעס און פאַרשידענע וועגן, וואָס פירן קיין קיעוו זענען געווען פאַרכאַפּט דורכן סאָוועטישן מיליטער און די פּאָ־ליאַקן האָבן זיך דורכגעריסן אויפן וועג פון ברעסט־ליטאָווסקער שאָסע, וועלכער האָט זיי געקאָסט טויזנטער קרבנות. דער גאַנצער וועג פון קיעוו ביז זשיטאָמיר איז געווען פאַרפּלייצט מיט פּוילישע הרוגים.

דאָס פּוילישע מיליטער פילנדיק, אַז זיין לעצטע שעה האָט אויסגעשלאָגן, האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אכזריות, פון אַ ווילדן טיגער וועלכן מ'האָט אומגעריכט פאַרנאַרט אין שטייג, דורכגעדרונגען מיט טיפע נקמה געפילן, זיך געוואָרפן אומברענ־גען און פאַרניכטן די מלוכה בנינים און געזעלשאַפטלעכע געביי־דעס, ניט אויסמיידנדיק אַזעלכע וואָס זייער פאַרניכטונג האָט זיי ניט געבראַכט קיין שום סטראַטעגישע אָדער אַנדערע נוצן. זיי האָבן אויפגעריסן די באַרימטע, גרויסע הענג־בריק וועלכע ליגט ווי אַ ריז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון דניעפּער און אויך איניקע קאַזאַרמעס. זיי האָבן אָנגעצונדן און פאַרברענט די געביידעס ווו ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן די אוקראַינישע קאָמענ־דאַטור, די פערטע גימנאַזיע א. א., זיי האָבן אויך ניט געשוינט בראָדסקיס שול און זי באַשאָסן מיט ביקסן קוילן.

מיטן אויפרייסן די גרויסע הענג־בריק האָבן די פּאָליאַקן אַרויסגערופן קעגן זיך פאַרדרוס און שטאַרקע אויפרעגונג ביי אַלע איינוווינער פון שטאָט, באַזונדערס ביי די אוקראַינער, זייערע פאַרבינדעטע.

די אָפּטרעטנדע פּאָליאַקן האָבן זיך געגרייט אויפרייסן אויך

די אוניווערזיטעט־געבײדע, אָבער דערבײ האָט זיך אָפּגעשפּילט זײער אַ האַרצרײסנדע סצענע, װעלכע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײנדרוק אויף אַלע אײנװױנער פון שטאָט און האָט אויך געהאַט אַ װירקונג אויף די צװײלדעװעטע אָפיצירן װעלכע האָבן אויפֿגעגעבן זײער פאַרניכטנדן פּלאַן.

װען דאָס צעבושעװעטע מיליטער האָט שױן געהאַט צוגעפירט צו דער אוניווערזיטעט־געבײדע די דינאַמיט באָמבעס און פאַרשידענע אויפרײס מאַטעריאַלן גרײט זי אויפצורײסן, איז אַרויסגעקומען דער רעקטאָר פונעם אוניווערזיטעט אין דער באַגלײטונג פון אײניקע פּראָפעסאָרן און האָט זיך געװענדט מיט אַ הײסן אַפּיעל צו די אָפיצירן פאַרלאַנגנדיק פון זײ, זיך אָפּהאַלטן פון דעם געפערלעכן שריט װעלכער קען אויפרעגן קעגן זײ די גאַנצע ציװיליזירטע װעלט און װעט אויך װאַרפן אַ שװאַרצן פלעק אויפן גאַנצן פוילישן פאָלק, װאָס זײ װעלן קײנמאָל ניט קענען רײנװאַשן. אָבער די צעבושעװעטע אָפיצירן האָבן זיך געהאַלטן פעסט בײַ זײער באַשלוס און האָבן גראָב און חוצפּהדיק אָפּגעװאָרפן די ביטע פון די קיעװער װיסנשאַפטסמענער טענהענדיק, אַז אַזאַ באַפעל האָבן זײ פון זײער העכערער מאַכט און זײ מוזן אים אויספאָלגן.

זעענדיק, אַז די רײד ברענגען ניט קײנע רעזולטאַטן, האָט זיך דער רעקטאָר מיט אַלע פּראָפעסאָרן פאַרזאַמלט אויף די באַלקאָנען פונעם צװײטן שטאָק פון דער געבײדע און האָבן געמאָלדן די אָפיצירן, אַז זײ קענען אויפרײסן דעם אוניווערזיטעט נאָר צוזאַמען מיט זײ, לעבעדיקערהײט װעלן זײ די געבײדע ניט פאַרלאָזן.

באַגײן אַזאַ שױדערלעכן טאַט האָבן די צװײלדעװעטע אָפיצירן ניט געקענט בײ זיך פועלן און האָבן פאַרקירעװעט פונעם אוניווערזיטעט, איבערלאָזנדיק אים גאַנץ, אומבאַרירט.

דעם גאַנצן אַנגעזאַמלטן כעס און פאַרביטערונג, פאַר זייער דורכגעפאַלענעם פּלאַן, האָבן די פּאָליאַקן אויסגעלאָזט צו די אַרעסטאַנטן. ווייסנדיק פּאָרויס מיט אַ וועלכן אומדערוואַרטעטן געדולד די אַרעסטאַנטן, באַזונדערס די פּאָליטישע, קוקן אַרויס אויפן אָנקום פון די באָלשעוויקעס, האָבן די פּאָליאַקן געעפנט די טורמעס און פאַרנומען פון דאָרטן אַלע אַרעסטאַנטן. אַ גרויסן טייל האָבן זיי מיט ווילדער רציחה אומגעבראַכט אויפן אָרט און די איבעריקע האָבן זיי פאַרמירט צווישן זייערע רייען און אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט.

די יידישע איינוווינער האָבן איבערגעלעבט מאָמענטן פון אַנגסט און שרעק. פון דער ביטערער דערפאַרונג האָבן זיי געוווּסט, אַז ביי יעדער מאַכט־איבערגאַנג איז דער ייד דאָס כפרה־הינדל און איבערדעם האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער באַוווּסטער רוצח, אַטאַמאַן סאַקאַר פון בעלאַ־צערקאָוו געפינט זיך מיט זיין באַנדע אינעם פאַרשטעטל דימעיעווקע, ווו ער האָט דורכגעפירט אַ שרעקלעכע שחיטה און וואַרט אָפּ אַז קיעוו זאָל בלייבן אָן אַ סטאַבילער מאַכט כדי זיך קענען אָפּרעכענען מיט די יידן. איבערהויפּט איז גרויס געווען די פּאַניק צווישן די אַנגעשראָקענע פּאַגראָמירטע, יידישע היימלאָזע וועלכע זענען זיך צונויפגעלאָפן קיין קיעוו נאָך די שווידערלעכע איבערלעבענישן אין זייערע אייגענע שטעט און שטעטלעך. ניט קענענדיק זיך געגעווי אָריענטירן אין דער פרעמדער פאַר זיי גרויסע שטאָט האָבן זיי זיך אומעטום געפילט עלנט און שוצלאָז. דאָס איינציקע אָרט ווו די אומגליקלעכע היימלאָזע האָבן זיך אין אַזעלכע פאַלן געפילט מער אָדער ווייניקער זיכער איז געווען דער בית המדרש, דאָרט איז מען כאָטש ניט געווען איינזאַם. זענען טאַקע אין יענע טעג געווען כמעט אַלע קיעווער בתי־מדרשים, שולן און שולעכלעך פול מיט היימלאָזע יידן, וועלכע זענען געזעסן אין גרויסע אַנגסטן און זיך געשראָקן און געציטערט פאַר יעדן מינדסטן שאָרך.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט האָבן זיך אין איינעם פון די ווינקל־שולן אַריינגעריסן 5 פוילישע אָפיצירן און אויפגעפאָדערט, אַז מ׳זאָל זיי אָנווייזן דעם פאַרוואַלטער פון שול.

דער גאַנצער עולם יידן איז געבליבן פאַרגליווערט פון שרעק און דאָס בלוט אין די אָדערן איז זיי פאַרקילט געוואָרן.

אַן עלטערער ייד האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט שוואַכע טריט האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו די אָפיצירן און גע־מאָלדן מיט אַ ציטערדיקער שטימע, אַז ער איז דער שמש פון שול און ענטפערנדיק אויף זייערע פראַגן האָט ער זיי דערקלערט ווער דער עולם יידן זענען און די סבה פון זייער איצטיקן צוזאַ־מענקום.

די אָפיצירן האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט די בליקן און באַטראַכטנדיק גוט דעם עולם האָבן זיי אַראָפּגעצויגן ביי די טויט־בלאַסע דערשראָקענע יידן אייניקע מאַנטלען, שיך און היט־לען און באַפוילן זיך פונאַנדערגיין.

דער גאַנצער עולם האָט געשטוינט פון פאַרוואונדערונג, ווייל די מאַנטלען, די שיך און די היטלען זענען אַלע געווען צעריסענע, קויטיקע און שמוציקע, און פאַרוואָס די פוילישע אָפיצירן האָבן זיך גראַד געקוואָפּעט אויף דעם, איז געווען אומפאַרשטענדלעך.

בלייבנדיק אַליין מיטן שמש האָט איינער פון די אָפיצירן, (אַ גאַליציאַנער ייד) זיך געווענדט צום שמש אין יידיש און פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל זיי ערגעץ־ווו אויסבאַהאַלטן, ווייל גיין אויפן פראָנט ביי דער איצטיקער געשאַפענער סיטואַציע — האָט ער אים דערקלערט — הייסט גיין אויף אַ זיכערן טויט און אַריינפאַלן צו די באָלשעוויקעס אַלס קריגס־געפאַנגענער איז פאַר זיי נאָך ערגער ווי דער טויט. דערום געפינען זיי, אַז דאָס איינציקע מיטל וואָלט געווען, אַז זיי זאָלן זיך איבערטאָן אין די נאַר־וואָס אַראָפּ־געצויגענע קליידער און ער, דער שמש, זאָל זיי ערגעץ־ווו, ביי

זיך אין שול אויסבאַהאַלטן. אין קעגנפאַל — האָט זיי אים גע־דראָעט — צו דערשיסן דערפאַר, וואָס ביי אים אין שול איז אין אַזאַ געפערלעכן מאָמענט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ געהיימע פאַר־זאַמלונג...

דער שמש איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט און האָט מאָדנע אָנגעקוקט די אָפיצירן. ער האָט קוים באַגריפּט וואָס אַרום אים קומט פאָר, נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט און דערקלערט, אַז ער איז גרייט מיט לייב און לעבן צו ראַטעווען זיי פון טויט, נאָר אויסבאַהאַלטן זיי אין שול, זעט אים אויס צו זיין צו ריזיקאַליש, ווייל די שמוציקע קליידער, וועלכע זענען כלל ניט פּאַסיק צו זייער אויסזען קענען נאָך אַרויסרופן מער חשד און פאַרדאַכט. און דער שמש איז געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: אַזוי ווי אינעם דריטן הויף פון דער שול געפינט זיך די טורמע־געביידע, וועלכע איז איצט אָפן און פון קיינעם ניט באַוואַכט, וועט ער די אָפיצירן אַוועקפירן אַהין. די אָפיצירן זענען איינגעגאַנגען אויף דעם פּלאַן און דער אַלטער שמש האָט זיי אַהין אַוועקגעפירט און האָט זיי איבערגעטון אין אַרעסטאַנטן קליידער וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין הויף, האָט זיי פאַרשפּאַרט אין איינעם פון די קעמערלעך און זיך אומגעקערט רואיק אַהיים...

אויפן צווייטן טאָג איז שוין די שטאָט געווען באַזעצט מיט סאָוועטישן מיליטער און געוואויר ווערנדיק אַז אין איינער פון די טורמעס געפינען זיך עטלעכע אַרעסטירטע אין וועלכע די אָפּ־טרעטנדע פּאָליאַקן זאָלן האָבן אין גרויס איילעניש און צוטומלט־קייט פאַרגעסן, האָט זיך אַ גרויסע מאַסע, אין באַגלייטונג פון מיליטערישן אָרקעסטער מוזיק, אַוועקגעלאָזט צו דער טורמע גע־ביידע באַפרייען די „אַרעסטירטע חברים“. מען האָט אויפגעבראָכן די טיר און די „אָרימע מאַרטירער“ אויף די הענט אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס, ווו די מאַסע האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שטורעם אַפּלאָ־דיסמענטן, און זיי געמאַכט אַ פייערלעכע אָוואַציע.

אַ שטיק צייט האָבן די 5 „קאָמוניסטן" זיך אויפגעהאַלטן אין קיעוו, ווו זיי האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע סאָוועטישע פּאָסטנס, נאָכהער זענען זיי אַנטלאָפן און זיך אַריבערגעשמוגלט קיין פוילן.

אין יאָר 1922 ווען אין פוילן האָט געבושעוועט די באַוווסטע גזרה פונעם גענעראַל שיקאָרסקי, — דער דאַמאָלסדיקער פּרעמיער מיניסטער, — וועגן גרוש פון די אוקראַינער היימלאָזע האָט איי־נער פון די אָפיצירן פאַרנומען דעם אַמט פון סטאַראָסטאַ אין איינעם פון וואָלינער פּאָוויאַטן און ניט קוקנדיק דערויף וואָס אים האָט געראַטעוועט אַן אוקראַינער ייד, וואָס ער אַליין פלעגט עס ביי יעדער געלעגנהייט דערציילן און באַטאָנען, פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט און אכזריות צו די אומגליקלעכע אוקראַינער יידישע היימלאָזע.

פון די שוידערלעכע יאָרן

און אמתע פּאַסירונג

אין יאָר 1921 נאָך די שוידערלעכע מאַסן שחיטות און פּאָגראָמען וואָס זענען פאָרגעקומען אין אוקראַינע, האָט אַ גרויסע צאָל רואינירטע יידן זיך אַריבערגעשמוגלט קיין פוילן מיט דער האָפענונג זיך דערשלאָגן צו זייערע גליקלעכע קרובים, וועלכע געפינען זיך אין די אַמעריקאַנער לענדער.

די ערשטע צייט האָט זיך די יונגע פוילישע מלוכה באַצויגן צו די אומגליקלעכע היימלאָזע מיט טאָלעראַנץ. זי האָט זיי דער־לויבט, אומגעשטערט, זיך אויפהאַלטן ביי איר אין לאַנד און האָט זיי אויך פאַרזאָרגט מיט אַלע נויטיקע פּאַפּירן און דאָקומענטן צו דער רייזע. נאָר נאָך דעם ערשטן יולי פון יענעם יאָר, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געשלאָסן זייערע טויערן און האָבן איינגעפירט די באַוווסטע „קוואָטע" האָבן זיך אויך געענדערט די באַציונגען פון דער פוילישער רעגירונג צו די אומגליקלעכע פּאָגראָמירטע היימלאָזע. די דאַמאָלסדיקע גרעסטע און הערשנדע פּאַרטיי „ענדעקעס", וועלכע צייכנט זיך אויס פון שטענדיק אָן מיט איר שאָוויניזם בכלל און מיט איר אַנטיסעמיטיזם בפרט, האָט אַריינגעטראָגן אַ אינטערפּעלאַציע אין סיים אין וועלכער זי

האָט אָנגעוויזן די שעדלעכקייט פונעם אומגעוווּנשענעם פרעמדן עלעמענט פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד און האָט אויפגעפאָדערט די רעגירונג אָפּרייניקן דעם פּוילישן באָדן פון די אַנגעלאָפענע פרעמדע. אין אַנקלאַנג מיט דעם האָט זיך די רעגי־רונג גענומען, גאַנץ ענערגיש, אויסראַמען און אויסראָטן די יידישע היימלאָזע. זי האָט שטרענג פאַראָרדנט אַז אַלע פרעמדע זאָלן אין משך פון אַ מאָנאַט צייט פאַרלאָזן די פּוילישע טערי־טאָריע און ווער עס וועט נישט אויספאָלגן די פאַראָרדענונג און וועט פאַרבלייבן אין לאַנד נאָכן באַשטימטן טערמין וועט באַקומען אַ שטראָף פון אַ יאָר טורמע און נאָכהער וועט ער, מיט גוואַלד, אַריבערגעשטעלט ווערן פון „יענער זייט״. ס׳האָט אויך געדראָעט אַ שאַרפע שטראָף די יעניקע וועלכע וועלן פאַרדעקן און אויסבאַ־האַלטן פרעמדע. אַלע עמיגראַציע אַנשטאַלטן און רעליעפן — צווישן זיי אויך דער „היאַס״ און „אוקראַינער קאָמיטעט״, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף די קרעסן: אין אוסטרע, ראָוונע, קאָרעץ א. א. וו. זענען געשלאָסן געוואָרן. אַפילו די שיף געזעלשאַפטן איז געווען פאַרבאָטן פונקציאָנירן אין דעם אויבנדערמאָנטער געגנט. אויף אַלע צוגן און טראַמווייען האָט קורסירט זשאַנדאַמעריע וועל־כע האָט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון די רייזנדע. אין די האָ־טעלן ווי אויך אין פּריוואַטע הייזער איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אונטער דער דראָונג פון טורמע אָדער געלט שטראָף אַריינלאָזן געסט, וואָס באַזיצן ניט קיין צייגעניש וואָס זאָל באַשטעטיקן זייער אידענטיטעט.

די אָרעמע היימלאָזע האָבן זיך געפונען צווישן צוויי פייערן: פון פּוילן האָט מען זיי געטריבן און קיין רוסלאַנד האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט, ווייל לויט דער פאַראָרדענונג פון די סאָוועטן, האָבן אַלע רוסישע בירגער וואָס געפינען זיך אין פּוילן, באַדאַרפט זיך פאַררעגיסטרירן ביים סאָוועטישן קאָנסול נאָך באַלד ווען עס איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן דער ריגער טראַקטאַט און ווייל די

אומגליקלעכע הימלאָזע האָבן פאַרלאָזט זייער היים מיטן געדאַנק אינגאַנצן צו איבעררייסן מיט רוסלאַנד האָבן זיי זיך ניט געמאָלדן צו דער רעגיסטראַציע און דערמיט האָבן זיי פאַרלוירן די רוסישע בירגערשאַפט. די לאַגע זייערע איז געווען זייער טראַגיש און פאַרצווייפלט. עס האָבן ניט געהאָלפן די פּראָטעסטן און שתדלנות פון די יידישע דעפּוטאַטן און כלל טוער וועלכע האָבן אָנגעוויזן, אַז די אוקראַינער הימלאָזע פאַלן קיינעם ניט צו לאַסט. פאַרקערט, אַ דאַנק זיי זענען אַריינגעפלאָסן אין לאַנד צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע קרובים און רעליעפן פון די אַמעריקאַנער לענדער וואָס רופן זיך זייער גוט אָפּ אויפן פינאַנציעלן צושטאַנד פון דער יונגער מלוכה. ס׳האָבן ניט געהאָלפן דעם ליאַרעם און געפילדער פון די יידישע און אַ טייל פּוילישע ליבעראַלע צייטונגען, וועלכע האָבן געשראָקן און געוואָרנט, אַז דער שוידערלעכער טאַט וועט וואַרפן דעם פּרעסטיזש פון דער יונגער מלוכה אין אויסלאַנד און וועט אויך שאַדן אירע אינטערעסן. ס׳האָט אויך ניט געהאָלפן דער געוויין און די פאַרצווייפלטע און האַרצרייסנדע געשרייען פון די קראַנקע קינדער און שוואַכע פרויען פון די אומגליקלעכע הימלאָזע.

די ענדעקישע הערשער האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי זייער ברוטאַלער האַנדלונג און האָבן באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַן עק און אַ סוף מיטן פרעמדן עלעמענט וואָס האָט זיך נעבעך אָנגעזעצט אויף זייערע קעפּ. מיט גרויס מי איז געלונגען אויספועלן ביי דער רעגירונג אַן הנחה פאַר די הימלאָזע וועלכע באַזיצן זשאַמאַדעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואָס צייגן אָן אַז זיי פאַלן אַרונטער אונטער קוואָטע אָדער זיי האָבן די מעגלעכקייט צו עמיגרירן אין די איבעריקע לענדער, אָבער נאָר פאַר די וועלכע געפינען זיך שוין אין וואַרשע און ניט פאַר די וועלכע זענען אויף דער פּראָווינץ. יענע מוזן אומבאַדינגט אויסגעוויזן ווערן פון לאַנד.

די פּוילישע יידן שטאַרק גערירט און אויפגערעגט פונעם

שרעקלעכן גירוש האָבן זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, מיטן גאַנצן ברען פון זייערע ברידערלעכע געפילן צו דער הילף פון זייערע אומגליקלעכע אוקראַינער ברידער און ניט אַכטנדיק אויף דער גרויסער שטראָף וואָס האָט זיי געדראָט, האָבן זיך געשאַפן אומלעגאַלע קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט איבערשמוגלען היימלאָזע פאַמיליעס קיין וואַרשע וואו דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט האָט זיי פאַרזאָרגט מיט רייזע דאָקומענטן אין די אַמעריקאַנער לענדער. ניט איין ייד האָט באַקומען טורמע אָדער געלט־שטראָף, נאָר דער מסירת נפש איז געווען געפערלעך גרויס און מ׳האָט זיך מיט גאָרניט גערעכנט, יעדער ייד האָט זיך געפילט גליקלעך ווען אים איז געלונגען צו ראַטעווען כאָטש איין נפש פונעם גירוש.

פאַסירט, אַז ענדע 1921 פאָרט קיין וואַרשע נאָך סחורה דער מאַנופאַקטור־סוחר ש. ב. פון איינעם פון די וואָלינער שטעטלעך. דער סוחר ש. ב. איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אַ בר־אורין און אַן אָנגעזעענער עסקן און כלל־טוער. אויף דער סטאַנציע קאָוועל האָט זיך „אַריינגעגנבעט" אין וואַגאָן אַ פרוי פון אַ יאָר 30, בעל־הבתיש געקליידעט מיט אַ פיצל קינד אויף די הענט. זי האָט פאַרזיכטיק געוואָרפן אַ בליק איבערן וואַגאָן און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק קעגנאיבער דעם סוחר ש. ב. ווי נאָר די באַן האָט גערירט איז אַריין אין וואַגאָן זשאַנדאַרמעריע און האָט גענומען קאָנטראָלירן די דאָקומענטן פון די פאַסאַזשירן. דער סוחר האָט אַ קוק געטון אויף דער פרוי, און אין צעטומלטקייט און דערשראָקנקייט האָט ער גלייך פאַרשטאַנען ווער זי איז און האָט זיך באַלד געכאַפּט וואָס ער דאַרף טון: מיט אַ ווונק האָט ער איר געהייסן זיך אַוועקזעצן לעבן אים און זיך האַלטן רואיק און ווען די זשאַנדאַרמעריע איז צו אים צוגעקומען האָט ער געוויזן זיינע דאָקומענטן און געזאָגט, אַז מיט אים פאָרן אויך מיט זיין פרוי און קינד, און לויטן דעמאָלסטיקן

געזעץ האָט געקענט אַ פרוי, אין דער קעגנוואַרט פון איר מאַן, אויסקומען אָן אַ פערזענלעכן דאָקומענט.

די אָרימע פרוי האָט זיך געפילט איבערגליקלעך און האָט גאָרנישט געוווּסט מיט וואָס אָפּצודאַנקען און אָפּצאָלן דעם גוטן מענטשן. און פול מיט צוטרוי און דאַנקבאַרקייט האָט זי גענומען אויסגיסן פאַר אים איר שווער ביטער האַרץ און האָט אים אויס־דערציילט אַלץ וואָס מיט איר האָט פּאַסירט: זי אַליין שטאַמט פון אַ קליין שטעטל לעבן זשיטאָמיר. איר שטעטל האָט פיל געליטן פון די באַנדעס און אין ענדע צוואַנציקסטן יאָר איז דאָס אינגאַנצן חרוב און פאַרניכטעט געוואָרן פון סאָקאָלאָווס באַנדע, אַ סך יידן האָט מען אויסגעהרגעט און די הייזער — פאַרברענט. צווישן די אויסגעהרגעטע ציילט זיך אויך איר מאַן מיט אירע צוויי קינדער, וועלכע אַ קאָזאַק האָט דערשאָסן פאַר אירע אויגן און זי איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן. נאָכן אומגליק האָט זי זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיק צייט אין זשיטאָמיר און האָט זיך דערנערט פון פאַרקויפן ציגאַרעטן אין מאַרק, נאָר נאָכן געבוירן דאָס קינד איז איר לאַגע געוואָרן אומדערטרעגלעך: אין מאַרק האַנדלען האָט זי שוין מער נישט געקענט, ווייל זי האָט נישט געהאַט ביי וועמען איבערצולאָזן דאָס קינד, איז איר ממש אויסגעקומען אויסגיין פון הונגער. דאַן האָט זי באַשלאָסן נאָכטון דעם ביישפּיל פון די אי־בעריקע פּאַגראָמירטע יידן פון איר שטעטל און האָט זיך אַריבער־געשמוגלט קיין פּוילן מיט דער האָפענונג, אַז אירע אַמעריקאַנער קרובים וועלן זי נישט לאָזן פאַלן און וועלן זי אַריבער־נעמען צו זיך און צוליב דעם פאָרט זי איצט קיין וואַרשע, וואָרום אויף דער פּראָווינץ בושעוועט שטאַרק דער גירוש און ס׳איז אוממעג־לעך אַ טאָג איבערצוזיין. דער סוחר איז געווען טיף גערירט פון איר דערציילונג און האָט שטאַרק באַדויערט איר ביטערן גורל.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע איז שוין געווען שטאָק נאַכט און די אָרימע פרוי האָט זיך נישט געהאַט וווהין אַהינטון,

ווייל אַלס דאָקומענטלאָזע וועט מען זי אין ערגעץ נישט אַריינ־לאָזן און קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען, נאָר אַז דער סוחר זאָל אויך איצט אָנווענדן זיין פריערדיק מיטל, ער זאָל זי מיטנעמען מיט זיך אין האָטעל און זאָל זי פאָרשטעלן אַלס זיין פרוי.

קומענדיק אין האָטעל האָט זיך דער סוחר באַקלערט, אַז ער דאַרף איצט זיין שטאַרק פאָרזיכטיק, ער פירט מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט און מיט אים אין צימער געפינט זיך אַ פרעמ־דער מענטש. אמת, די פרוי ווייזט אויס צו זיין זייער אַן ערנסט־לעכע, אָבער ווער ווייסט וואָס היינטיקע צייטן קען פאַסירן? און צוליב מער זיכערקייט האָט ער אַריינגערופן דעם בעל הבית פונעם האָטעל און האָט אים דער פרוי אין די אויגן אָפּגעגעבן 500 דאָלאַר, אַז ער זאָל זיי באַהאַלטן ביי זיך איבער נאַכט און האָט זיך געלייגט רואיק שלאָפן.

שטאַרק צופרידן און זייער גוט געשטימט האָט זיך דער סוחר ש. ב. אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי פון שלאָף. ער האָט זיך פריי־לעך אַרומגעקוקט איבערן צימער און דערזען, אַז דאָס קינד ליגט אַליין אין בעט און שפּילט זיך און די פרוי איז נישטאָ. געוויס אַראָפּגעגאַנגען אין הויף — האָט ער געקלערט — און וועט זיך באַלד צוריקקערן. ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט און די פרוי איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

ווייזט אויס צוגעגאַנגען אין קראָם עפּעס קויפן — האָט ער באַשטימט. נאָר זעענדיק, אַז ס'איז שוין צייט אינזינען האָבן געשעפט האָט ער אַריינגערופן דעם בעל הבית און האָט אים געבעטן צוריקגעבן זיין געלט און אויך אַכטונג געבן אויפן קינד ביז די מוטער וועט זיך צוריקקערן. דער בעל הבית האָט אים אים דערלאַנגט 300 דאָלאַר און האָט געזאָגט, אַז 200 דאָלאַר האָט ביי אים גענומען זיין פרוי פאַר איר אַוועקגיין... דער סוחר

האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן. ער איז אַרומגעלאָפן איבער אַלע עמיגראַציע־אַנשטאַלטן און האָטעלן און האָט זי נישט געפונען. מעלדן פּאָליציי האָט ער נישט געקענט, ווייל ס׳וואָלט אים געדראָט אַ גרויסע שטראָף פאַר פאַרדעקן פרעמדע. מיט גרויסע שוועריקייטן און דורך פאַרשידענע פּראָטעקציעס איז אים קוים געלונגען אַריינגעבן דאָס קינד אין אַ בית־יתומים און האָט זיך אומגעקערט בחרפה אַהיים.

אין אַ צייט אַרום האָט דער סוחר ש. ב. באַקומען אַ בריוו פון אַרגענטינע מיט אַ טשעק אויף 200 דאָלאַר. אין בריוו בעט די אַנאָנימע פרוי ער זאָל איר אַנטשולדיקן פאַר דעם עגמת נפש וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט. די נויט און די פאַרצווייפלטע לאַגע האָבן זי געצוווּנגען דערצו. אויך דאַנקט זי אים זייער וואָס ער האָט זי באַפרייט פונעם אומגליקלעכן קינד און האָט עס פאַרזאָרגט אין אַ יתומים־הויז, ווייל דאָס קינד איז אַ פּראָדוקט פון אַ גוואַלדטאַט וואָס איז איבער איר אויסגעפירט געוואָרן טאַקע פונעם זעלבן קאַזאַק, וועלכער האָט געהרגעט איר מאַן מיט אירע צוויי קינדער און ווען זי פלעגט אויף דעם אַ קוק טון, פלעגט איר פאַרקילט ווערן דאָס בלוט אין די אָדערן.

פון די שרעקלעכע צייטן

(אַן אמתע פּאַסירונג)

ב. מ., אַ זון פון פאַרמעגלעכע און פרומע עלטערן, האָט זיך פאַרליבט מיטן גאַנצן טעמפּעראַמענט און ברען פון זיין יונגער, לעכצנדער נשמה, אין דער אָרימער, אָבער זייער שיינער און געראָטענער מיידל רבקה, שרה דער מאַרקהענדלערינס טאָכטער.

פונעם ערשטן בליק איז זיך דאָס פּאָרל שטאַרק געפעלן געוואָרן. אין ביידנס הערצער האָט זיך אָנגעצונדן אַ העליש פייער פון ליבע. נאָר וויסנדיק פאָראויס וואָס פאַר אַ ביטערער און שווערער קאַמף ס'שטייט זיי פאָר מיט ב.'ס שטאָלצע און שטרענגע עלטערן, וועלכע וועלן אין קיין שום פאַל נישט איינשטימען צו ווערן מחותנים מיט שרה די מאַרק־הענלעריןן, האָבן זיי באַשלאָסן דערשטיקן, דערוויל, זייער הייסע ליבע טיף אין האַרצן און ליידן און וואַרטן אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. און דער מאָמענט איז געקומען — אמת, נישט אַזוי גיך, ס'האָט געדויערט אַ היפּשע פּאָר יאָר, און אונדזער פּאָרל האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ס'איז שוין אַ גאַנצער יובל יאָרן, אָבער פּאָרט געקומען.

דאָס האָט פּאַסירט אינעם זעלבן יאָר וואָס ב. האָט זיך גע־דאַרפט שטעלן צום פריזיוו. איינמאָל האָט זיין פאָטער אים געשיקט אָפּפירן אַ סומע געלט אין דער נאָענטער שטאָט, האָט

זיך ב. מיישב געווען און אָפּגערעדט מיט זיין רבקהן אוןביידע האָבן געמאַכט פּליטה. דאָס געשעעניש האָט אַרויסגערופן אין שטאָט גרויסע סענסאַציע און אַן אומגעהויערן טומל און האָט געגעבן שטאָף אויף רעדן אַ היבש שטיקל צייט. ב.׳ס פאָטער האָט צעשיקט שליחים און שטעק־בריוו נאָך די אַנטלאָפענע, אָבער אומזיסט, דאָס גליקלעכע פּאָרל האָט זיך שוין געפונען פון יע־נער זייט גרענעץ און האָט זיך גאַנץ רואיק און געמיטלעך געשיפט צו קאָלאָמבוסעס קאָנטינענט.

זייער גליק האָט, נעבעך, לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. קומענדיק צום טרערן אינדזל „איילים איילאַנד״, האָבן די דאָקטוירים פאַר־צוימט פאַר זיי דעם וועג און זיי נישט געלאָזט פאָרזעצן זייער רייזע... דאָס אומגליקלעכע פּאָרל האָט זיך פון יאוש און פאַר־צווייפלונג קיין אָרט נישט געקענט געפינען און פול מיט ווייטיק און בושה זענען זיי געווען געצוווּנגען זיך אומקערן צוריק אַהיים. זייערע ליידן און שמערצן זענען אומבאַשרייבלעך: רבקה האָט זיך שטיל, ווי אַ גנב, אַריינגעכאַפּט צו איר מוטער אין הייזל און האָט זיך געשעמט אַרויסווייזן אויפן גאַס און ב. איז אויסגעשטאַ־נען געברענטע צרות און געבראָטענע ליידן פון זיינע שטרענגע עלטערן און דאָס לעבן איז געוואָרן פאַר אים אַן אמתער גיהנום.

זיינע פאַנאַטישע עלטערן האָבן אים שטרענג פאַרבאָטן זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט דער „חצופה״, וועלכע איז, לויט זייער מיינונג, די גאַנצע שולדיקע אין דער פּאַסירונג, און אין קעגנטייל האָבן זיי אים געדראָט, נישט אָנערקענען אים פאַר קיין קינד און אויך איבערגעבן אים מיט זיין געליבטער אין די הענט פון פּאָ־ליציי פאַרן שווינדל. און ב. האָט, נעבעך, געמוזט אויף אַלץ איינ־גיין און ליידן. און אין אַזאַ צושטאַנד פון ליידן און ווייטיק האָבן זיי דורכגעמאַכט עטלעכע מאָנאַטן. ביז דאָס לעבן איז געוואָרן פאַר זיי אומדערטרעגלעך און דאָס געדולד האָט געפּלאַצט. און איינמאָל אין אַ פינצטערער רעגנדיקער הארבסט נאַכט, זענען זיי

ביידע— לויט אַ פּאַראויס באַשטימטן פּלאַן — אַוועק אין דער נאָענטען גרויסער שטאָט און געשטעלט אַ חופּה און זענען געקו־מען צוריק אַהיים שוין מאַן און ווייב און זענען פאַרפאָרן גלייך צו שרה דער מאַרק־העגלערינס הייזל.

ב.׳ס לעצטער שריט האָט געטראָפן זיינע עלטערן ווי אַ דונער און האָט זיי שטאַרק אויפגערעגט. זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגע־זאָגט פון אים און אים מער נישט געוואָלט קענען. ב. האָט אפילו דערפון שטאַרק געליטן, נאָר זיין מוח איז אָבער געווען פאַרנומען מיט פיל גרעסערע דאגות דער קומענדיקער פּריזיוו און די פּרנסה־פראַגע, כאָטש זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון „איילים איילאַנד״, איז ער וועגן פּריזיוו גאָר אָפּטימיסטיש געווען, די דאָרטיקע דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אַז ביי אים אין די אויגן איז פאַראַן גאָר אין אַ גרויסער מאָס טראַכאָם, וואָס גיט אים גוטע האָפענונגען זיך צו באַפרייען פון מיליטער־דינסט. אָבער זיך נעמען צו געשעפט ווען ס׳איז אים געבליבן געציילטע עטלעכע וואָכן צום פּריזיוו — און וויפל ער זאָל נישט זיין פעסט איבערצייגט אין זיין באַפרייאונג — האָט פאָרט נישט קיין זינען. מ׳מוז צוואַרטן ביז איבערן פּריזיוו און דערווייל איז ער גע־צוואונגען זיצן מיט זיין יונגער פרוי אויף קעסט ביי איר אַלטער מוטער, די אָרימע מאַרק־העגדלערין, וועלכע אַרבעט נעבעך שווער און ביטער ביז זי פאַרדינט קוים פאַר זיך אַליין דאָס אָרימע שטיקל ברויט. זייער געוויסן האָט זיי אפילו שטאַרק געפּלאָגט און האָבן דערפון נישט ווייניק געליטן. נאָר נישט האָבנדיק קיין אַנ־דער אויסוועג האָבן זיי זיך געטרייסט מיט דער האָפענונג, אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי אויפגעריכט ווערן און דאַן וועלן זיי אויך אָפּצאָלן און אָפּדאַנקען זייער גוטער געטרייער מוטער.

און געשען איז גאָר אַנדערש ווי זיי האָבן זיך אויסגעמאָלט: ב. איז געשטעלט געוואָרן צו פּריזיוו און ווי אויף צו להכעיס די די איילים־איילענדער דאָקטוירים, האָבן די מיליטער דאָקטוירים

אויסגעפונען אַז זיינע אויגן זענען געזונטע און ריינע און ס'איז ניטאָ אין זיי קיין שפור פון טראַכאָם און האָבן אים טאַקע גלייך אָנערקענט פאַר פעאיק צו מיליטער דינסט און מ'האָט אים אַוועק־געשיקט קיין טיף רוסלאַנד איבערלאָזנדיק זיין יונגע פרוי, וועלכע האָט זיך שוין געפונען אין אַנדערע אומשטענדן, אויף גאָטס באַ־ראָט.

איבערגעבן געווי און אויספירלעך די מוראדיקע טראַגעדיע פונעם אומגליקלעכן פּאָרל איז אוממעגלעך, זיי האָבן אויסגעזען ווי אמתע פאַרלוירענע, הימל און ערד זענען אויף זיי געפאַלן. ב. איז אויסגעגאַנגען פון בענקעניש און האַרצקלאַפּע־ניש נאָך זיין יונגער פרוי וויסנדיק איר ביטערע לאַגע און די שווערע אומשטענדן אין וועלכע זי געפינט זיך און ער, איר שטאַרק געטרייער מאַן, קען איר מיט גאָר ניט העלפן און רבקה איז שיר ניט אומגעקומען פון הונגער און נויט וואַלגערנדיק זיך מיט אַ פּיצל קינד באַ איר אַלטע, צעבראָכענע מוטער, די אָרעמע מאַרק הענדלערן וועלכע האָט אַליין ניט פון וואָס אַ טאָג איבער־צוקומען. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ב. אָפּגעדינט אין מיליטער גאַנ־צע פינף יאָר וועלכע זענען באַשטאַנען פון איין לאַנגע קייט פון יסורים און שרעקלעכע צרות און ליידן פאַר אים און פאַר זיין רבקהן.

אין מיליטער האָט זיך ב. מיט עפּעס אויסגעצייכנט און האָט באַקומען אַ אָרדן, וועלכער האָט אים געגעבן ווינרעכט אויסער דעם תחום.

קומענדיק אַהיים פון מיליטער האָט זיך ב. באַלד גענומען צו געשעפט, מיט דער הילף פון עטלעכע גוטע ברידער און באַקאַנטע האָט ער געעפנט אַ שפּייזן קראָם אין סאַמע צענטער פון שטאָט און האָט זיך געדונגען אַ דירה און איז געוואָרן צו מזל אַ בעל־הבית. כאָטש ס'רעדט זיך נאָר, „צו מזל“, ווייל אין אמתן איז זייער מזל געווען גאָר אַ געמיינער.

פון דער ערשטער צייט אָן האָבן זיי שוין באַמערקט אַז דאָס געשעפט גייט שטאַרק שלעכט און ניט קוקנדיק דערויף וואָס זייער פאַמיליע פאַרגרעסערט זיך פון מאָל צו מאָל, פאַרקלענערט זיך די קראָם פון טאָג צו טאָג ביז זי האָט זיך שוין כמעט אינגאַנצן אויסגעליידיקט. דאַן האָט ב. זיך דורכגעשמועסט מיט זיין רבקהן און האָבן באַשלאָסן, אַזוי ווי ער האָט וווינרעכט זאָלן זיי איבער־פאָרן אין איינעם פון די נאָענטע דערפער און דאָרטן עפענען די קראָם, ווייל אין דאָרף איז דער פדיון פיל בעסער און גרעסער ווי אין שטאָט ווו ס׳איז פאַראַנען מער קראָמען פון קונים. געזאָגט און געטאָן: ב. איז צוגעפאָרן אין אַ נאָענטן דאָרף און האָט דאָרטן געדונגען אַ שטוב מיט אַ קלייט און האָט איבערגעפירט אַהין זיין פאַמיליע.

מ׳מוז מודה זיין, אַז דער אויסטויש איז גאָר ניט געווען קיין שלעכטער. אמת גאָר גלענצנדיק איז דאָס געשעפט ניט געווען. אָבער שלעכט אויך ניט. פרנסה האָט זיך געשלעפט און די אַנגע־ליטענע פאַמיליע האָט שוין איצט אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט און פאַר אירע פיל ליידן האָט זי שוין אויך געהאַט אַ ביסל פריידן און האָט זיך געפילט גליקלעך.

איינמאָל, אין אַ שיינעם זומערדיקן פאַרנאַכט, האָט זיך ב. אומגעקערט פון שטאָט — ווו ער האָט איינגעהאַנדלט אַביסל סחורה פאַר זיין קראָם — שטאַרק צערודערט און צעטראָגן. ער האָט צוגערופן זיין רבקהן און האָט איר דערציילט, אַז אין שטאָט רעדט מען שטאַרק פון מלחמה און מאָביליזאַציע און אַלס געווע־זענער זעלנער איז ער פון די ערשטע מאָביליזירט צו ווערן... רבקה האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אויף זיך ניט נעמען קיין אומזיסטיקע יסורים און דאגות. — עט, נאַרישקייטן — האָט זי געטענהט — ס׳איז ניט מעגלעך... ס׳קען ניט זיין... די אָרעמע פרוי האָט, נעבעך, ניט געקאָנט צו־לאָזן דעם געדאַנק, אַז נאָך אַזוי פיל פלאַגענישן און מאַטערנישן

וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט זאָל איצט — ווען ס׳איז זיי קוים גע־קומען צום לעבן — איבער אַ נייעס צעשטערט ווערן זייער גליק און מ׳זאָל פּלוצים אָן אַ פּאַרוואָס צונעמען ביי איר דעם מאַן און ביי אירע קינדער דעם פאָטער.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך בליץ־שנעל ווי אַ שטורעם צע־טראָגן איבער אַלע גאַסן די טרויעריקע בשורה וועגן מאָביליזאַציע און איידער ב. האָט זיך נאָך געקענט אָריענטירן אין דער געשאַ־פענער לאַגע און זוכן אַ מיטל וואָס צו טאָן פאַר זיין פאַמיליע איז ער באַלד פאַרשלעפּט געוואָרן מיטן גרויסן שטראָם פון די מאָבי־ליזירטע און איז גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן צו דער עסטרייכי־שער גרענעץ, איבערלאָזנדיק באַנייעס זיין פרוי און קינדער אויף גאָטס באַראָט.

רבקה האָט אַפילו געפּרוווט אַ פּאָר מאָל חלשן, זי האָט אויך געפּרוווט זיך וואַרפן מיט אירע פּיצלעך קינדער פאַר די פערד, ניט לאָזן אָפּפאָרן איר מאַן, ס׳האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפן, זי האָט געמוזט נאָכגעבן...

די ערשטע צייט איז רבקה אַרומגעגאַנגען ווי צעמישט, זי איז געווען שטאַרק צעבראָכן און דערשלאָגן, ס׳האָט זיך איר גע־דאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז אונטערגעגאַנגען, קיין שום זאַך האָט איר ניט געפעלט און מיט קיין שום זאַך האָט זי זיך ניט אינטערעסירט, אַפילו די קינדער זענען איר איבעריק געוואָרן. נאָר ביסלעכווייז האָט זי זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען מיטן געדאַנק, אַז גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן ניט נאָר אויף איר אַליין נאָר אויף דער גאַנצער וועלט און האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. זי האָט אויך געפונען אַ טרייסט אין דעם וואָס זי געפינט זיך כאָטש אין דאָרף ביי אַ שטיקל פּרנסה. כאָטש ס׳איז זיך לייכט פאָרצו־שטעלן ווי אַזוי אַ דערשלאָגענע פרוי באַהאַנגען מיט פּיצלעך קינדער קען פירן געשעפט, אָבער פאָרט בעסער ווי אין שטאָט. דאָרטן זענען פאַראַנען אַ סך אַזעלכע אומגליקלעכע ווי זי און

איינער ביים צווייטן רייסט דעם אָרעמען ביסן פון מויל, דאָ איז זי איינע אַליין און קיינער שטערט איר ניט און אויסער דעם קומט איר אויך אין דאָרף אַ היבש ביסל חוב און אין אומגליק מאַנט זיך עס גרינגער איין און אַז ס'איז פאַראַנען דאָס שטיקל ברויט איז גרינגער צו טראָגן די צרות און רבקה וואָלט שוין געווען איינגע־שטימט מיט איר ביטערן גורל ווען ס'זאָל זי ניט געווען טרעפן אַ נייער אומגליק וואָס האָט זי שוין אינגאַנצן רואינירט.

איינמאָל אין רעגנדיקן האַרבסט פרימאָרגן איז צו איר פּלוצים צוגעפאָרן דער אוריאַדניק פונעם נאָענטן שטעטל און האָט איר פאַראָרדנט, אַז ביז 48 שעה זאָל זי פאַרלאָזן דאָס דאָרף, ווייל איר מאַן געפינט זיך ניט אין דער היים און זי אַליין האָט ניט קיין ווינרעכט.. רבקה האָט אפילו געפּרוווט פּראָטעסטירן און האָט אָנגעוויזן, אַז ס'איז ניט איר שולד אין דעם וואָס איר מאַן געפינט זיך ניט אין דער היים... פאַרקערט, זי איז גרייט שווערן ביי וואָס ער וויל, אַז זי וואָלט געוועזן מער צופרידן אַז איר מאַן זאָל יאָ זיין אין דער היים... נאָר דער אוריאַדניק, דער גויאישער קאָפּ האָט דערפון גאָרניט געוואָלט הערן, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס און איז אַוועקגעפאָרן און רבקה איז נעבעך געווען געצוווּנ־גען אַלץ צעברעכן און זיך איבערפּעקלען מיט אירע פּיצלעך קינ־דער צוריק אין הייזל פון איר אָרעמער מוטער, שרה די מאַרק־ענדלערן, וועלכע איז שוין אַליין געווען מער טויט ווי לעבעדיק און ניט האָבנדיק צו דער האַנט קיין אַנדער באַשעפטיקונג האָט זי זיך געמוזט פאַרנעמען מיט אַרומטראָגן געבעקס איבער די היי־זער פאַרקויפן. ס'איז אַפילו ניט קיין גרינגע מלאכה, נאָר אַז די נויט צווינגט העלפט ניט. זי האָט נאָר געבעטן ביי גאָט, אַז די מלחמה זאָל זיך שוין ענדיקן און איר מאַן זאָל שוין קומען אַהיים.

און דאָס מאָל האָט גאָט דווקא יאָ אויסגעהערט איר געבעט און איר מאַן איז געקומען אַהיים נאָך איידער די מלחמה האָט זיך געענדיקט, נאָר אָןביידע פיס איבער די קני... דערציילן וועגן

שרעקלעכן באַגעגעניש פון רבקה מיט איר מאַן און וועגן די שוי־
דערלעכע סצענעס וועלכע האָבן זיך דערביי אָפּגעשפּילט איז
איבעריק. צו גרויס איז געווען די טראַגעדיע און צו מוראדיק
שטאַרק איז געווען דער ווייטאָג.

ב. ליגט ווי אַ קנויל אין בעט און רבקה טראָגט אַרום פּאַרקויפן
געבעקס איבער די הייזער.

אליהו הנביא און זיין תלמיד זיצן אין חד גדיא

אין מיטן וועג פון דובנע קיין ראָוונע, אויף אַן אָרט ווו די שליאַכן לויפן זיך פונאַנדער אין פאַרשידענע ריכטונגען, שטייט אַ חורבה. די דאָזיקע חורבה איז איצט שוין אַלט און אָפּגעלאָזן. די ווענט אָפּגעשלאָגאָגענע און אויסגעקרימטע, די טירן און פענצטער מיט ברעטער פאַרשלאָגן, דער שטרויענער דאַך שוין אין גאַנצן פאַרפוילט און אַז עס גייט אַ רעגן רינט און שווימט אין אַלע ווינקעלעך.

אין דער צייט פונעם בירגער קריג אין אוקראַינע איז די דאָזיקע חורבה געווען אַ נעסט פאַר כלערליי באַנדעס און פאַר־ברעכער. און ווער עס פאַרט פאַרביי פאַלט אַן אויף אים אַ אימה און אַ פחד; אַפּילו די פערד שטעלן אויף זייערע אויערן, ציען אויס זייערע רוקנס און נעמען גיכער לויפן. עפּעס אַ טויט שרעק שלאָגט אַרויס פון די פינסטערע שפּאַלטן פון די פאַרהאַקטע טירן און פענצטער.

פאַר דער וועלט־מלחמה איז די דאָזיקע חורבה געווען אַ קרעטשמע. אין דער קרעטשמע האָט דאַן געוווינט אַ ייד אַ קרעטשמער מיט זיין פרוי און מיט זייער פערצן־פופצן יעריקן אינגל. געהייסן האָט דער קרעטשמער פייבוש. די פויערים פלעגן אים רופן „כפייבוש“ און פייבוש ווי אַלע אַמאָליקע אַרענדאַרן איז געווען זייער אַ פּראָסטער, נאָר אַ שטאַרק גלויביקער און אַ גרוי־

סער ירא שמים. שבת און יום טוב פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג נאָר דאַווענען און תהילים זאָגן און האָט זיך צו דער קרעטשמע גאָרניט אָנגעקוקט: ניט ער, און ניט זײַנע שטוב מענטשן, ווער ס׳האָט געוואָלט איז אַרײַנגעפאָרן, מ׳האָט זיך אויפגעפירט ווי בײַ זיך אין דער היים, גלײַך ס׳וואָלט גאָר קיין בעל הבית ניט געווען און אַלע אַרומיקע פּויערים האָבן געוווּסט, אַז שבת און יום טוב איז די קרעטשמע הפקר און אַ סך פון זיי פלעגן טאַקע אויסרעכענען, אַז ס׳זאָל זיי אויסקומען דורכפאָרן שבת אָדער יום טוב כּדי זיי זאָלן ניט דאַרפן צאָלן פאַר „פּאָסטאָיאַלע״. איבערהויפּט פלעגט פייבוש מקפּיד זײַן, אַז ער זאָל האָבן אַן אורח אויף שבת און יום טוב ניט אַזוי צוליב מקיים זײַן די מצווה פון הכנסת אורחים ווי צוליב אַ „מזומן״. בענטשן מיט אַ מזומן איז בײַ אים געווען זייער הייליק און טײַער. ער פלעגט זאָגן: „גענוג וואָס גאָט האָט מיך געשטראָפט און איך קען ניט אויספירן דאַווענען במנין לאָמיך כאָטש בענטשן מיט אַ מזומן״. איז טאַקע פאַר פייבושן קיין שום זאַך ניט געווען שווער אַבי ער זאָל האָבן אַ „מזומן״, און זינט ער איז געוואָרן אַ „מענטש״ האָט זיך אים ניט געמאַכט, אַז ער זאָל שבת און יום טוב קיין מזומן ניט האָבן.

איינמאָל אַן ערב פּסח, ווען דאָס אייז האָט זיך גערירט, די וואַסערן האָבן זיך זייער געשטאַרקט און האָבן פאַרטרונקען אַלע בריקן און די בלאָטע איז געווען זייער טיף, האָט מען אין קרעטשמע ניט אָנגעקוקט קיין לעבעדיקן מענטשן. קיינער איז ניט פאַרבייגעפאָרן. פייבוש מיט זײַן פאַמיליע זײַנען אַרומגעגאַנגען צעטראָגן. אמת, בײַ פייבושן אין שטוב איז שוין אַלעס געווען גרייט צום יום טוב: מצות, וויין, פלייש און אייער און אַפילו אַ פּאָר פלאַש פּסחדיקן בראָנפן, ווייל פייבוש איז ניט פון די וואָס פאַרלאָזן זיך ביז דער לעצטער מינוט, אָבער ווו נעמט מען אַן אורח? פּסח צום סדר אָן אַ מזומן? אַזאַ געדאַנק האָט ער גאָרניט געקענט דערלאָזן. ער האָט אַפילו געפּרוּווט שיקן זײַן יינגל רייטנ־

דיק אויף איינעם פון זיינע בעסטע פערד קיין ראַוונע ברענגען פון דאָרט אַן אורח אָבער ביי דער ערשטער „גרעבליע" איז ער גע־ווען געצוואונגען זיך אומקערן. אַזוי גרויס איז געווען דאָס וואַסער. פייבוש האָט זיך פּאַר צרות קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

נאָר פּלוצים האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און אין קרעטש־מע איז אַריינגעפאַלן אַ ייד אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, אַ פּאָר גראָבע שטיוול מיט אַ פאַרשמאַלצענער היטל, דער האַלדז איז אַרומגעבונדן מיט אַ שמוציקער פאַטשיילע און אויף דער פּלייצע טראָגט ער אַ קלימעקל. דער אויסזען איז פון אַן אָרעמען וואָס גייט איבער די הייזער. פייבוש, דערזעענדיק דעם יידן איז שיִר ניט משוגע געוואָרן פּאַר פרייד, ר'איז געווען גרייט אים אַרויפ־פאַלן אויפן האַלדז און אים קושן. דער ייד האָט געבעטן אַ טרונק וואַסער און האָט זיך געוואָלט לאָזן קיין ראַוונע אויף יום טוב. פאַרשטייט זיך, אַז פייבוש מיט זיין ווייב האָבן אים ניט געלאָזט, זיי זענען צו אים צוגעשטאַנען און מיט גרויס מי איז זיי געלונגען פועלן ביים יידן, אַז ער זאָל ביי זיי בלייבן יום טובן.

צופרידענע מיט פריילעכע הערצער האָט זיך דער קרעטשמער מיט זיין פאַמיליע געזעצט צום סדר. זיי האָבן געזען אין דעם אַ נס מן השמים. און אַלס אַ לויב צו דעם וואָס ער לעבט אייביק פאַרן גרויסן חסד וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן און האָט זיי ניט פאַרשטערט דעם הייליקן יום טוב האָבן זיי זיך זייער שיין אויס־געפּוצט מיט די טייערסטע קליידער און צירונג און האָבן אַוועק־געגעשטעלט אויפן טיש אַלע זייערע זילבערנע כלים און חפצים וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און געגומען זינגען די הגדה מיט אַ גע־שמאַקן זיסן ניגון און אַז ס'איז געקומען צו „שפוך חמתך" איז דער יינגל לויטן טראַדיציאָנעלן מנהג צו צו דער טיר און האָט זי אויפגעמאַכט און גלייך איז פּלוצים אַריין אין שטוב אַ הויכער, שלאַנקע פיגור רבניש געקליידעט אין אַ שוואַרצער, לאַנגער קאַ־פּאָטע מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ און איז גלייך צוגעלאָפן צום

טיש, ער האָט אויפגעהויבן אליהוס כוס, געמאַכט אַ ברכה און האָט אים אויף גיך אויסגעליידיקט.

פייבוש מיט זיין פאַמיליע זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיי־נערט און האָבן קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידן, נאָר דער אורח האָט זיך געשטאַרקט און האָט אויסגעשריגן מיט אַ פרייד: „ס׳איז אליהו הנביא!״ און טאַקע באַלד האָט ער זיך געווענדט צו אליהון מיט פאָלגענדע ווערטער: „הייליקער נביא, זיי אונדז מגלה דעם קץ, ווען וועט קומען משיח? און אליהו האָט געענט־פערט, אַז אַזאַ זאַך איז ניט מעגלעך, ער קען זיי נאָר געבן אַ שמעק טאָן פונעם ריח פון גן עדן אָבער נאָר דעם קרעטשמער און זיין פאַמיליע און דעם אורח ניט, ווייל ר׳איז ניט זוכה...

און טאַקע באַלד האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין פלעשעלע און האָט געגעבן אַ שמעק טאָן פייבושן מיט זיין פאַמיליע, וועלכע האָבן באַלד טיף איינגעדרימלט. דאַן האָט זיך דער „הייליקער נביא״ גלייך גענומען צו דער אַרבעט און דער אורח האָט אים מיטגעהאָלפן. זיי האָבן אַפריער אָפּגעראַמט אַלע כלים און חפצים פון טיש. דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען צו די שאַנקען און שטוב זאַכן און ווען זיי האָבן זיך שוין אַרומגעפּאָרעט אין שטוב זענען זיי אַרויס אין הויף און האָבן איינגעשפּאַנט דעם קרעטשמערס פערד און וואָגן, האָבן אַרויפגעלייגט אַלע זאַכן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

איז דאָך אָבער באַשערט געווען, אַז דער נביא זאָל נתגלה ווערן, דאַרף זיך מאַכן, אַז דער וואָגן פאַרקריכט אין אַ טיפער בלאָטע ביים ערשטן דאָרף און די פויערים וואָס זענען געקומען העלפן אים אַרויסשלעפּן האָבן גלייך דערקענט וועמענס ער איז.

אויף דער פראַגע פון די פויערים, פון וואַנען ס׳קומט צו זיי דער דאָזיקער שפּאַן, האָבן זיי געענטפערט, אַז נאָר וואָס האָבן זיי אים געקויפט טאַקע ביים קרעטשמער אַליין. אָבער די זאַך איז

געוואָרן שטאַרק פאַרדעכטיקט, ווייל אַלע אַרומיקע פויערים האָבן געוווסט, אַז שבת און יום טוב מאַכט ניט דער קרעטשמער קיין שום מסחרים. ער רעדט אַפילו ניט פון מסחר, האָבן זיי פאַר־האַלטן די צוויי פאַרשוינען מיטן פערד און וואָגן און האָבן געשיקט געוויר ווערן צום קרעטשמער אַהיים. דאָרטן איז אויפגעדעקט גע־וואָרן דער גאַנצער שווינדל. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער נביא מיטן אורח זענען ביידע מיטגלידער פון אַ באַוווסטער שייקע גנבים. דעם פערד און וואָגן מיט אַלע געגנבעטע זאַכן האָט מען אומגעקערט דעם קרעטשמער און אליהו הנביא מיט זיין תלמיד האָט מען אַריינגעזעצט אין ראָוונער חד גדיא.

ישיבה בחורים מאַכן אַ אויפשטאַנד

זכרונות פונעם ישיבה לעבן

אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט האָבן זיך אין פּאָדאָליער און אין כערסאָנער גובערניעס געגרינדעט עטלעכע ישיבות, וועלכע האָבן זיך גערופן: „די ישיבות פון די הונדערט רבנים". אייניקע רבנים, די איניציאַטאָרס זענען אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע און האָבן צונויפגעזאַמלט אונטערשריפטן פון הונדערט רבנים וועלכע האָבן זיך מתחיב געווען צו שטיצן די דורך זיי געגרינדעטע ישיבות. יעדער רב איז געווען פאַרפליכטעט צו באַזוכן איין מאָל אין יאָר די ישיבות, זיי אינספּעקציאָנירן און גלייכצייטיק מיטברענגען מיט זיך די ביישטייערונג פון זיין שטאָט. איינע פון די דאָזיקע ישיבות איז אויך געווען די ישיבה „נר מצוה ותורה אור" פון דער שטאָט ב. וואָס ליגט ניט ווייט פון דער גרויסער שטאָט אָדעס.

און כאָטש די ישיבה האָט זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט און פאַרוואַלטונג פון די הונדערט רבנים, פונדעסטוועגן איז דער פּאַקטישער הערשער און דער עיקר בעל דעה געווען דער גביר פון שטאָט ר. ג. ניט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אויף דער ישיבה ווי ס׳האָט געפּאַסט פאַר אַ גביר פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם ווי ר׳איז געווען, ניין! פון אַזעלכעס האָט מען

גראַדע ניט געהערט, נאָר איבער דעם וואָס דער הויף אין וועלכן די ישיבה האָט זיך געפונען איז געווען אַ ירושה פון זיין פאָטער.

פאַרן טויט האָט זיין פאָטער אָפּגעשריבן אין זיין צוואה דעם הויף פאַר דער ישיבה. דער זון דער גביר אָבער, האָט איינגע־לייגט אַלע וועלטן, אַנגעווענדט אַלע כחות צו מבטל מאַכן דעם דאָזיקן פונקט פון זיין פאָטערס צוואה. נאָר איינזעענדיק, אַז מ׳קאָן גאָרניט אויפטאָן האָט ער שלום געמאַכט מיטן געדאַנק און זיך באַרואיקט, דערפאַר אָבער האָט ער געקוקט אויף דער ישיבה ווי אויף זיינס אַן אייגנטום און האָט דאָרט געשאַלטעט און געוואַל־טעט ווי אַן אמתער בעל הבית. קיין נוצן פאַר עולם הזה האָט ער שוין געפועלט ביי זיך, אַז ער וועט פון זיין פאָטערס הויף ניט האָבן, דערפאַר אָבער האָט ער געהאָפּט אַז ער וועט דורך אים זוכה זיין לחיי העולם הבא און אין דעם זכות וועט ער אויך קריגן אַ תיקון פאַר זיינע חטאות נעורים... צוליב דעם מאָטיוו האָט דער גביר איינגעפירט אין דער ישיבה אַ שטרענגע פרומקייט. ער האָט אויף דער פרומקייט פון די תלמידים פיל מער מקפיד געווען ווי אויפן לערנען, אויב אַ תלמיד האָט דעם שיעור ניט געקענט, האָט מען זיך קיין גרויסן וועזן דערפון ניט געמאַכט, דאַקעגן אויב ער האָט עובר געווען פאַר דער מינדעסטער קליינינקייט, איז ער שטרענג באַשטראָפט געוואָרן.

פאַר אַ משגיח האָט דער גביר באַשטימט אַ געוויסן אכזר, אַ מענטש אין די פופציקער יאָרן, אַ מגושמדיקע בריאה מיט אַ שטרענג אַנגעכמורעטן פנים באַדעקט מיט גרויסע זומער־פלעקן און געדיכט באַוואָקסן מיט רויט־פייערדיקע האָר. בלויז זיין אוי־סערלעכער אויסזען האָט אַרויסגערופן אַנטיפּאַטיע ניט נאָר ביי קינדער, נאָר אויך ביי דערוואַקסענע; און דעם רויט־האָריקן מגושמ־דיקן פאַרשוין האָט דער גביר אויסגעזוכט אים צו פאַרטרויען די השגחה איבער די צענדליקער אָרעמע ישיבה בחורים. צו די תלמי־דים האָט זיך דער משגיח באַצויגן גרויזאַם. אכזריותדיק: ער האָט זיי

באַהאַנדלט גראָב און ברוטאַל. באַשטראָפט פאַר יעדער מינ־דסטער זאַך, וואָס ס׳איז גאָר קיין חטא ניט געווען און ס׳האָט אויך ניט געהאַט קיין שום שייכות צום לערנען. ווען איינער, צום ביישפיל, איז לויט זיין חשבון צו גיך אויסגעשטאַנען שמונה עשרה, איז שוין געווען אַ גענוגנדער מאָטיוו אַז ער זאָל אים באַ־פאַלן מיט זלזולים און זידלערייען און אויב קיין זייטיקער איז דערביי ניט געווען, פלעגט אָפט פּאַסירן אַז ער האָט אויך באַנוצט זיינע מגושמדיקע הענט... לויט אַזעלכע באַציאונגען און באַהאַנד־לונגען איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די שטימונג פון אויפרעגונג און פאַרביטערונג וואָס האָט שטענדיק געהערשט צווישן די ישיבה בחורים קעגן גביר און באַזונדערס קעגן רויט־האָריגן משגיח...

אין מיטן ערשטן צענדליק פונעם לויפנדן יאָרהונדערט, איז אויף דער יידישער גאַס שטאַרק פּאָפּולער געווען דער טעריטאָ־ריאַליזם פון ישראל זאַנגוויל, אַרויסרופנדיק אַ שטאַרקע קעגנער־שאַפט און פאַרביטערטן קאַמף מצד די ציוניסטן. ס׳איז ניט פאַר־איבער קיין וואָך, אַז פון אָדעס זאָלן ניט אַראָפּקומען קיין ב. אינסטרוקטאָרן אָדער רעדנער פון דער אָדער פון יענער פּאַרטיי. ס׳פלעגט אויך פּאַסירן אַז די רעדנער פון ביידע פּאַרטייען האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אונטער איין דאַך און ס׳איז פאָרגעקומען צווישן זיי אַ מין דועל, אַ געפעכט מיט רעדעס, יעדערער האָט זיך באַמיט צו באַזיגן דעם קעגנער מיט אַרגומענטן און באַווייזן. דער פּאַרטייאישער קאַמף פון יענער צייט האָט אַריינגעבלאָזן נייע ווינטן און אַריינגעבראַכט נייע שטראָמען אינעם יידישן לעבן. יע־דער פּאַרטיי האָט געהאַט איר קלוב, איר ביבליאָטעק, איר לעזע־זאַל און אומעטום האָט געקאָכט און גערוישט מיט יוגנט און או־מעטום האָט געשטראָמט און געפלאַסן מיט יידישער קולטור און מיט יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די דאָזיקע נייע שטראָמען האָבן אויך ניט אויסגעמיטן די

ישיבה און דורכברעכנדיק אירע גראָבע, שטיינערנע ווענט האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אינעווייניק און מיטגעשלעפּט מיט זיך די ישיבה־בחורים און ניט אַכטנדיק אויף דער שטרענגער השגחה אונטער וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, פלעגן זיי זיך ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגנבענען און באַזוכן די פאַרשידענע מיטינגען, ביבליאָטעקן און לעזע־זאַלן ווו זיי האָבן דערקוויקט זייער פאַר־שמאַכטע נשמה מיט אַ פריש־לעבעדיק וואָרט, מיט אַ זיס־זאַפטיקן אַרטיקל און אַ זשורנאַל אָדער בראָשור און צומאָלס מיטגענומען מיט זיך אַ אינטערעסאַנטן בוך, וועמענס בלעטער זיי האָבן געש־לונגען מיט גרויס דאָרשט אין געהיים, ערגעץ אין אַ באַהעלטע־ניש.

ווען די זאַך איז באַוווסט געוואָרן אין שטאָט, האָט עס אַרויס־גערופן אַ גרויסן טומל צווישן די אָרטאָדאָקסישע קרייזן. „היתכן — האָבן זיי געטענהט, — ישיבהניקעס זאָלן באַזוכן אפּיקורסישע אספּות און לייענען טריף־פּסולדיקע ביכער ר״ל און זיי, שלומי אמוני ישראל, זאָלן זיי נאָך שטיצן און מחזיק זיין? איבערהויפּט האָט זיך געערגט און געקאָכט דער „גאָטספאַרכטיקער״ גביר. ער איז בליץ־שנעל ווי אַ שטורעם געקומען צולויפן אין דער ישיבה און ווי אַ ווילדע חיה האָט ער זיך גלייך אַרויפגעוואָרפן אויפן ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה האָט זיך גערעכנט צווישן די גרעסטע גאונים אין אוקראַינע, אַ באַוווסטער חכם מיט זייער אַ שיינעם פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, שטאַרק געאַכטעט פון יעדן איינעם פאַר זיין גאָלדענעם כאַראַקטער און בכבודיקער באַנעמונג און אויף אַט דעם נאָבעלן און איידעלן מענטשן איז דער צבועק אָנגעפאַלן, פאָרוואָרפנדיק אים, אַז ער האָט פאַרוואַנדלט זיין פאָטערס הויז אין אַ נעסט ווו ס׳האַלטן זיך אויף גאַסן־יונגען און פושע ישראל.

דער חשובער זקן האָט געפּרוווט באַרואיקן דעם אויפגערעגטן גביר דערקלערנדיק אים, אַז דער מיט וואָס די בחורים באַזוכן אַ

ציוניסטישע פאַרזאַמלונג און לייענען אַ העברעאישן בוך, הייסט נאָך ניט אַז זיי זענען אַראָפּ פון דרך הישר און געוואָרן גאַסן־יונגען, און דער פאַרברעכן איז ניט אַזוי שרעקלעך אַז ס׳זאָל זיין כדאי צוליב אים אַזוי פיל מרעיש עולמות זיין, אָבער דער שטאָט־גביר האָט גאָרניט געוואָלט הערן, ער האָט געוואָרפן אויפן ראש הישיבה אַ בייזן בליק פול מיט תקיפות, אַז ס׳האָט אים געמאַכט פאַרקילן דאָס בלוט אין די אָדערן און אַרויסלאָזנדיק אַ טיפן זיפץ, וועלכער האָט צעבראָכן ניט נאָר זיין אַלטן מאַיעסטעטישן קערפּער, נאָר אויך זיין גייסט און נשמה, איז דער חשובער זקן נאָכגעביק אַנטשוויגן געוואָרן.

דער זעלבן אָוונט איז דער גביר געקומען אין דער ישיבה, אין באַגלייטונג פון די גבאים מיט יונה דעם סופר אין דער שפּיץ.

יונה דער סופר איז ניט געווען קיין גבאי נאָר ער האָט געהאַט אַ גאָר נאָענטן שייכות צו דער ישיבה, ר׳איז געווען דער אַזוי גערופענער באַשפּייזונגס־קאָמיסאַר, אַז אַ בחור איז אָנגעקומען אין דער ישיבה איז דער ערשטער גאַנג זיינער געווען צו יונה דעם סופר, אַז ער זאָל אים באַשטעלן „טעג" אויף עסן. יונה דער סופר פלעגט דורכפירן די זאַמלונגען פון „טעג" אין שטאָט פאַר די ישיבה־בחורים. ער פלעגט באַזוכן די איינוווינער און יעדער איינער האָט גיריק מנדב געווען איין טאָג אין וואָך עסן פאַר די ישיבה בחורים: איינער אַ זונטיק, דער צווייטער — אַ מאָנטיק א. א. וו.

די ישיבה בחורים פלעגן רופן די בעלי בתים ניט ביי זייערע נעמען, נאָר לויט די נעמען פון די טעג וואָס זיי האָבן ביי זיי געגעסן. איבער דעם פלעג אָפט פאַסירן, אַז באַ איייניקע בחורים האָט אויסגעפעלט „טעג" אין וואָך: ביי איינעם זאָל דער „זונטיק" זיין אָפּגעפאָרן, ביים צווייטן זאָל דער „דינסטיק" האָבן פאַרשלאָפן געוואָרן און ביים דריטן זאָל זיך דער „דאָנערשטיק" מישב זיין און טאָן אינגאַנצן אַ שטאַרב־אָפּ. די דאָזיקע בחורים

האָבן שוין געוווּסט, אַז זיי דאַרפן גיין צו יונה דעם סופר און ער האָט זיי אַרויסגעגעבן פאַר יעדן אויסגעפעלטן טאָג צו 10 קאָפּי־קעס, פאַרשטייט זיך ניט פון זיין קעשענע, חלילה, נאָר פון די ישיבה־געלטער.

יונה דער סופר פלעגט אויך אַלע ערב־שבת אַרויסטיילן די תּלמידים צו שטיקלעך זייף און קוויטלעך פאַר אַן אומזיסטיקן מרחץ. אין אַלגעמיין איז יונה דעם סופרס אויפגאַבע געווען אַ גשמיותדיקע. ער האָט זיך בלויז באַשעפטיקט מיט די עקאָנאָמי־שע אינטערעסן פון דער ישיבה און אויסער דעם האָט ער זיך אין קיין שום זאַך נישט געמישט און זיין דערשיינונג צוזאַמען מיטן גביר און די גבאים נאָך דעם שטורמישן טאָג, האָט אַרויסגערופן געפילן פון פּחד און שרעק ביי אַלע תּלמידים, זיי האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז עפּעס ווערט געפּלאַנעוועט קעגן זיי, אויפן עקאָנאָמישן געביט.

דער גביר האָט פאַרזאַמלט אַלע בחורים פון דער ישיבה און האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ „דרשה": ער האָט זיי שטאַרק געמוסרט און צולעצט האָט ער זיי געוואָרנט, אויב זיי וועלן ניט אָפּטאָן פון זייער שלעכטן וועג און וועלן זיך האַלטן ביי זייער ווידערשפּעני־קייט און וועלן באַזוכן די אַפּיקורסישע קלובן און לייענען די טריף־פּסולדיקע ביכער, וועלן זיי באַשטראָפט ווערן אויף גאָר אַ האַרבן אופן: 1) מ'וועט זיי נישט געבן קיין זייף און ניט קיין קוויטל אויף צו גיין ערב שבת אין מרחץ אַריין; 2) זיי וועלן ניט באַקומען אויסגעצאָלט די צענער קאָפּיקעס פאַר די טעג וואָס וועלן זיי אויספּעלן, 3) זיי וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער ישיבה.

אויסער דעם האָט ער איבערגעגעבן דעם משגיח דאָס רעכט צו האַנדלען לויט זיין אייגענעם קריטעריום און פאַרשטאַנד און וואָס דאָס באַדייט איז איבעריק צו דערקלערן.

דעם משגיח האָט דער גביר שטרענג פאַראָרדנט, אַז ער זאָל

גוט אַכטונג געבן אויף די בחורים, אַז זיי זאָלן זיצן יומם ולילה, און לערנען און אויסער דעם טעגלעכן שיעור זאָלן די תלמידים פון די העכערע טישן, זיין פאַרפליכטעט אָפּצולערנען יעדן טאָג פון איינס מיט אַ האַלבן ביז צוויי מיט אַ האַלבן בלאַט פּשוטע גמרא, ד״ה אָן תוספות און מהר״שא כדי זיי זאָלן ניט האָבן קיין פרייע צייט פאַר קיין זינדיקע מחשבות. אָן אַ וויכטיקן מאָטיוו זאָל ער קיין שום תלמיד ניט אַרויסלאָזן אין גאַס. דאָס עסן־גיין פון די תלמידים טאָר מער פון קיין שעה צייט ניט פאַרנעמען און נאָך גיין אין אָוונט טאָר קיין שום בחור ניט פעלן פונעם ישיבה־הויף.

כדי צו זיין מער זיכער אַז די בחורים זאָלן ניט קענען עובר זיין אויפן גבירס געבאָט, איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשטאַרקן די שמירה און צום רויט־האָריקן משגיח איז צוגענומען געוואָרן נאָך איינער, אַלס מיטהעלפער.

דער צווייטער משגיח איז געווען אַ יידל פון אַ יאָר דרייסיק, אַ קליינס און אַ דאַרס מיט אַ פּנימל די גרויס ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק, באַצירט מיט אַ שפּיציק ציגן־בערדל און מיט אַ קוויטשנדיק קולכל, אַ אומרו, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער געהאַלטן אין איין קוויטשען און גרילצן, געהערט פון אים האָט מען בלויז דריי ווערטער: גוי, דייטש, אפּיקורס.

די צוויי משגיחים, אָדער ווי די תלמידים האָבן זיי גערופן: „עמון ומואב״ האָבן זיך גאַנץ ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט, זיי האָבן גענומען זוכן און שאַפן חטאים אויף די בחורים און פאַר יעדער קלייניקייט האָבן זיי זיך אין זיי נוקם געווען.

די שוצלאָזע תלמידים האָבן לכתחילה געפּרוווט זוכן הילף ביי זייער ליבן רבין, ביים ראש ישיבה, באַקלאָגנדיק זיך פאַר אים אויף די האַנדלונגען פון די משגיחים. ביים חשובן זקן האָט דאָס האַרץ געווייטאָגט, ר׳איז אָבער געווען מאַכטלאָז, צו קענען מיט

עפּעס העלפן און די תלמידים האָבן עס געפילט און פאַרשטאַנען און ניט וועלנדיק אים פאַרשאַפן מער קיין עגמת נפש, האָבן זיי אַלעס געליטן אין דער שטיל און געשוויגן.

אינצווישן האָט פּאַסירט אַ פאַל וועלכער האָט שטאַרק אויפ־געבראַכט און אויפגערעגט אַלע תלמידים פון דער ישיבה, פונעם גרעסטן טיש ביז דעם קלענסטן און דער גאַנצער כעס און פאַר־ביטערונג וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעזאַמלט, פאַר דער גאַנצער צייט אויף די משגיחים האָט מיט אַמאָל אויפגעברויזט.

ס'איז געווען ערב תשעה באב נאָך האַלבן טאָג, קיין לימודים זענען דאַמאָלס אין דער ישיבה ניט פאָרגעקומען, דער ראש־ישיבה און די מלמדים זענען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען אַהיים. אַ טייל בחורים האָבן זיך צוגעלייגט, אייניקע האָבן געשריבן בריוו און אייניקע האָבן סתם אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבער די גרויסע צימערן. ערגעץ ווו נאָר איז געזעסן אַ מתמיד איינגעבויגן איבער זיין סטענדער און אַריינגעקוקט אין „מדרש איכה" אָדער אין דער אגדה פון קמצא ובר קמצאָ. די צוויי משגיחים „עמון ומואב" האָבן זיך אַרומגעדרייט, אַכטונג געבנדיק מיט זיבן אויגן, אַז די בחורים זאָלן ניט עובר זיין אויף די פאַראָרדענונגען פון די גבאים און דער עיקר זיי זאָלן זיך, חלילה, ניט אַרויסכאַפּן אויפן גאַס.

פּלוצים איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל: דער רויט־האָרי־קער משגיח האָט געפּאַקט אין ווינקל פון הויף אַ זעכצן יעהריקן בחור לייענען קלמן שולמאַנס „מסתרי פריז" און ניט קענענדיק פאַרטראָגן אַזאַ „גרויסן חטא" נאָך אים ערב תשעה בעב, האָט ער אים גענומען שלאָגן און דער צווייטער משגיח האָט אים מיטגע־האָלפן, שרייענדיק מיט זיין קוויטשנדיק קולכל: „גוי, דייטש, אפּיקורס!"

אַזאַ שווערע שאַנדע האָבן שוין די בחורים ניט געקענט

אַריבערטראָגן און ווי דורך אַ כישוף איז מיט אַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן די גאַנצע מורא וואָס זיי האָבן ביז איצט געהאַט פאַר די משגיחים, פאַר די גבאים און אַפילו פאַר זיין „מאַיעסטעט" דעם גביר, און האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די משגיחים און באַפרייט פון זייערע הענט זייער געשלאָגענעם חבר.

אין אָוונט איז אין לאָקאַל פון דער אגודה „חובבי שפת עבר" — ווו די מערהייט פון די ישיבה בחורים זענען געווען אָפטע באַזוכער — אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן האַנדלען רעוואָלוציאָנעריש, זיך פאַר גאָרניט אָפּשרעקן און אין קיין פאַל ניט אויספאָלגן די פאַראָרדענונגען און באַפעלן פון די ישיבה־אַפּטרופּסים, און וויסנדיק פאָרויס, אַז דער דאָזיקער באַשלוס קען פאַרורזאַכן, אַז אַ סך קינדער — וועלכע ס'פעלט אויס טעג — זאָל אויסקומען הונגערן, איז אויפן אָרט געגרינדעט געוואָרן אַ גמילות חסדים־קאַסע וועלכע איז געשטיצט געוואָרן פון דער שטאָטישער יוגנט, פון די חובבים.

אויפן צווייטן טאָג האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. ס'איז פאָרגעקומען אַ מין אַנגעברוגזטע צולהכעיס שפיל: וואָס די משגיחים האָבן באַפוילן האָבן תלמידים געטאָן פונקט דאָס פאַרקערטע. בכלל האָבן די בחורים זיך אויפגעפירט נאָכן לערנען גלייך ס'וואָלט גאָר קיין אויפזעער איבער זיי ניט געווען. נאָך מעריב איז קיין פוס פון די עלטערע בחורים ניט פאַרבליבן אין דער ישיבה, אַלע זענען זיך צעגאַנגען, ניט אַכטנדיק אויף די שטרענגע און בייזע בליקן פון די משגיחים. די אַטמאָספערע איז געווען אַ שטאַרק אָנגעצויגענע: יעדע מינוט האָט מען געקענט דערוואַרטן אַז ס'זאָל אויפרייסן און עפּעס געשען, נאָר די משגיחים, הפּנים, האָבן נאָך גוט געדענקט דעם ביטערן פסק פון ערב תשעה־באב און האָבן מורא געהאַט אָנצונעמען עקסטרעמע מיטלען. זיי האָבן געפונען פאַר בעסער אָפּצוואַרטן.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען דער גאַנצער שטאַב

גבאים, געהאַט פריער אַ שמועס מיטן ראש־ישיבה און מיט די מלמדים. די לעצטע האָבן סימפּאַטיזירט מיט די תלמידים און האָבן זיך אָפּן געשטעלט אויף זייער צד. נאָכהער האָבן זיי געגנו־מען אויספרעגן די תלמידים. די עלטערע בחורים האָבן ברייט און אויספירלעך געשילדערט פאַר זיי וואָס זיי שטייען אויס די גאַנצע צייט פון די משגיחים, זיי האָבן זיי אויך דערציילט וועגן פאַל פון ערב תשעה באב און האָבן צוגעגעבן, אַז זיי זענען שוין דערוואַק־סענע מענטשן און וועלן בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז מ׳זאָל זיי אַזוי באַליידיקן און דערנידעריקן און וועלן אויך ניט דערלויבן, אַז מען זאָל זיי פאַרפאָלגן דערפאַר, וואָס זיי לייענען ביכער וועל־כע זענען געשריבן אין דער שפּראַך פון די נביאים און האָבן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זיי וועלן אין קיין שום פאַל זיך ניט אונטערגעבן און ניט אויפגעבן זייער אומגעהאָרכזאַמקייט, ביז עס וועלן ניט דערפילט ווערן זייערע פאָדערונגען: 1) באַזייטיקן דעם רויט־האָריקן משגיח; 2) צונעמען אַ העברעישן לערער; 3) גרינדן אַ ביבליאָטעק אין דער ישיבה; און 4) די בחורים פון די העכערע טישן זאָלן נאָכן לערנען פריי זיין פון יעדער קאָנטראָל און השגחה.

די גבאים האָבן זיך איבערגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן און ניט קענענדיק אַליין באַשטימען, האָבן זיי געשיקט רופן דעם גביר.

דער גביר האָט ניט פאַרשפּעטיקט צו קומען און דערהערנדיק וועגן די פאָדערונגען פון די ישיבה־בחורים האָבן זיך אין אים אָנגעצונדן אַלע בלוטן. ער האָט געטופּעט מיט די פיס, געקריצט מיט די ציינער, געביילט מיט די פויסטן און געשריען ווי אַ ווילד־דער טיגער: „זיי וועלן פאָדערן! זיי וועלן זאָגן דעות! זיי, די שלעפּער, די שנאָרער, די בעטלער, די אומזיסטיקע עסערס“.

די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן דאָזיקן אויפשטאַנד האָט דער גביר אַרויפגעוואָרפן אויפן ראש־ישיבה און אויף די

מלמדים, באַשולדיקנדיק זיי אַז זיי גיבן נאָך די תלמידים און לערנען מיט זיי ווייניק איבער דעם האָבן זיי פרייע צייט פאַר „שמד־שטיק״ און האָט גלייך באַפוילן, אַז פון חמשה עשר באב זאָל מען אָנהויבן לערנען אין אָוונט — געוויינלעך, פלעגט מען אָנהויבן לערנען אין אָוונט ערשט נאָך סכות, אָבער דעם גבירס כונה איז געווען צוצונעמען ביי די בחורים די מעגלעכקייט צו באַזוכן די קלובן און לעזע־זאַלן.

די בחורים האָבן גוט פאַרשטאַנען די דאָזיקע כונה און האָבן באַשלאָסן אויסנוצן אַלע מיטלען און ניט דערלאָזן, אַז דער פּלאַן זאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

דעם פופצנטן אב פאַרנאַכט האָבן די משגיחים אַרויסגעטיילט די בחורים ליכט, וואָס האָט געדינט פאַר אַן אָנזאָג אַז נאָך מעריב וועט מען זיך זעצן לערנען.

צו דער דאָזיקער התחלה זענען אויך געקומען דער גביר מיט די גבאים, אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניטאָ ביי וואָס צו לערנען, אַלע ליכט זענען אויף אַ מיסטעריעזן אופן פאַר־שווונדן געוואָרן. דער גביר האָט געקאָכט פון כעס און אויפרעגונג נאָר איינזעענדיק די עקשנותדיקע און אַרויספאָדערישע האַלטונג פון די בחורים, האָט ער זיך באַהערשט און אָפּגעשוויגן. ער האָט געשיקט די משגיחים און געקויפט אַנדערע ליכט, אָבער ווי מ׳האָט זיך נאָר געזעצט לערנען האָבן די ליכט זיך געהאַלטן אין איין לעשן און אויסלעשן. ס׳האָבן ניט געהאָלפן די זלזולים און זידלערייען פון די משגיחים. ס׳האָבן אויך ניט געהאָלפן די וואָרנונגען און דראָונגען פון די גבאים, און ס׳האָט אַפילו ניט געהאָלפן דאָס, וואָס דער גביר אַליין האָט באַזייטיקט אַ פּאָר תלמידים פון טיש. די ליכט האָבן זיך געלאָשן און אויסגעלאָשן און אָנפאַנגען לערנען האָט מען ניט געקענט.

די גבאים האָבן באַפוילן אָפּלייגן די התחלה אויף מאָרגן, ווו מ׳וועט לערנען ביי לאָמפּן און שוין ניט ביי קיין ליכט: לאָמפּן

קענען ניט פֿאַרשווונדן ווערן און מ׳קען זיי זיצנדיק נינו אויס־לעשן.

אָבער אויך אויפֿן צווייטן אָוונט האָט זיך דאָס לערנען ניט אָנגעהויבן. אַלע גלעזלעך פֿון די לאָמפּן זענען געווען אָנגעבראָכן. ווען מ׳האָט עס געטאָן און ווער ס׳האָט עס געטאָן איז נאָרבליבן אַ געהיימניש. אויפֿן דריטן אָוונט האָט מען שוין צוגעוואַרט מיטן אָנטאָן די גלעזלעך ביזן זעצן זיך לערנען, אָבער אויך ז׳אָס מאָל האָט מען ניט אָנגעהויבן: אַלע קנויטן פֿון די לאָמפּן האָבן גע־פֿעלט, אַ געהיימע האַנט האָט זיי אַרויסגעצויגן. אַזוי האָט זיך פֿאַר־צויגן און אָנגעהאַלטן דעם אומגעהאָרכזאַמער צו־להכעיס־קאַמף אַ שטיקל צייט און ס׳איז אויך באַוווסט געוואָרן פֿון יענער זייט ווענט פֿון דער ישיבה, און ס׳האָבן זיך באַלד געבילדעט צדדים. די מערהייט האָט אָבער געהאַלטן מיט די תלמידים.

דער סוף פֿון דעם אויפֿשטאַנד איז געווען דאָס, וואָס ס׳איז דערגרייכט געוואָרן אַ שלום, נאָכקומענדיק כמעט אַלע פֿאָרלאַנגען פֿון די ישיבה בחורים: דער רויט־האָריקער משגיח איז באַזייטיקט געוואָרן און פֿאַר די העכערע טישן האָט מען באַשטימט אַ העב־רעאישן לערער. נאָר קיין ביבליאָטעק איז ניט דערלויבט געוואָרן צו גרינדן אין דער ישיבה. דערפֿאַר אָבער זענען די עלטערע תלמידים נאָך די טעגלעכע לימודים, געווען פֿריי פֿון יעדן קאָנט־ראָל און השגחה און האָבן געקענט גיין און טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַפֿילו לייענען אַ בוך אין דער ישיבה.

חיים נחמן ביאַליק

שטריכן און עפּיזאָדן פון זיינע קינדערשע און יוגנטלעכע יאָרן

נאָכן טויט פון ביאַליקס פאָטער איז די פאַמיליע פאַנאַנדער־געטיילט געוואָרן: ח. נ. ביאַליקן מיט זיין עלטערער שוועסטער חנה אידעס, האָט צוגענומען זיין זיידע, זיין פאָטערס פאָטער ה׳ יעקב משה קיין זשיטאָמיר און זיין מוטער דינה פריווע מיט איר יונגערן זון ישראל בער, זענען אַריבערגעפאָרן אין שטעטל זאַש־קאָוו, קיעווער גובערניע, ווו ס׳האָט געוווינט איר איינציקער ברו־דער ה׳ בן ציון סקאַריטאַן.

בן ציון סקאַריטאַן, איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש, אַ פאַרמעגלעכער סוחר, אַ בר־אורין, אַ טאַלנער חסיד און אַ גרוי־סער קנאי וואָס מיט זיין אומגעהויערער פרומקייט און שטאַרקן פאַנאַטיזם האָט ער ניט איינמאָל פאַרשאַפט עגמת נפש דעם גרויסן דיכטער.

ח. נ. ביאַליקן האָט דער דאָזיקער פעטער זיינער שטאַרק ליב געהאַט. ניט דערפאַר, וואָס ער האָט אין אים אויסגעפונען עפּעס אויסערגעוויינלעכס און דערשפּירט, אַז ער וואַקסט אַ גאון בישראל. ניין! בלויז דערפאַר, — וואָס ער האָט געטראָגן זיין פאָ־טערס נאָמען. און כאָטש ביאַליק האָט זיך געפונען אין זשיטאָמיר אונטער דער השגחה פון זיין זיידן ווו אַלע זענען געווען זיכער, אַז

ס׳פעלט אים גאָרניט, פונדעסטוועגן פלעג ער אים, מחמת גרויס ליבשאַפט און געטריישאַפט, צושיקן, פון צייט צו צייט, פאַרשידע־נע מתנות פון קליידער און געלט. איבערהויפּט האָט ער ביאַליקן שטאַרק געשטיצט. ווען ער האָט זיך געפונען אין וואָלאָזשענער ישיבה צושיקנדיק אים פון צייט צו צייט גרעסערע און קלענערע געלט סומען. ביאַליק האָט גוט פאַרשטאַנען זיין פעטערס געטריי־שאַפט צו אים און האָט זי ווי געהעריק אָפּגעשאַצט און ניט אַכטנדיק דערויף וואָס, ווי געזאָגט, האָט ער שפּעטער אָפּט געליטן און אויסגעשטאַנען פון זיינע פאַנאַטישע קאַפּריזן, פונדעסטוועגן איז דער פעטער געווען ביי אים זייער טייער און האָט זיך שטענ־דיק באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן כבוד און דרך ארץ.

אין זאָשקאָוו האָט זיך ביאַליקס מוטער באַשעפטיקט מיט חלפנות. ערב אַ יאַריד פלעג דער ברודער איר צוגרייטן אַ פּאָר הונדערט רובל קליין געלט. אין יאַריד פלעג זי שטיין מיט אַ טישל אויפן מאַרק־פּלאַץ און סוחרים און פויערים וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין קליין געלט פלעגן ביי אים אויסטוישן זייערע גרויסע באַנקנאָטן אָדער גאָלדענע מטבעות אויף איינציקע רובלען און ניקל און פאַר דער טרחה איר איבערגעלאָזן אַ נישטיקע צאָל קאָפּיקעס און פון די דאָזיקע קאָפּיקעס פלעגט די אָרעמע אלמנה ציען איר ביטערע חיונה דערנערנדיק זיך מיט איר יונגערן זון און נאָך אָפּשפּאָרן אויף אַ מתנה פאַר איר ליבן חיים נחמנען נאָך וועלכן איר נשמה איז שיר ניט אויסגעגאַנגען פון גרויס בענקשאַפט.

פאַר דער צייט וואָס זיין מוטער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין זאשקאוו האָט זי ביאַליק עטלעכע מאָל באַזוכט און ווען ר׳איז גע־קומען האָט ער זי געטראָפן ווינען אינעם זעלבן אָרעמען הייזקע־לע, די זעלבע אויסגעקרומטע און אָפּגעפּאַלענע ־ווענט, די זעלבע אַלטע צעבראָכענע מעבל, דער זעלבער דלות, די זעלבע דחקות און נויט און דאָך פלעגן די דאָזיקע קורצע באַזוכן אים פאַרשאַפן פיל גליק און פאַרגעניגן און ס׳איז אים שווער געווען זיך צו

שיידן פון דער אָרעמער, דלותפולער אַטמאָספערע אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען זיין ליבע אומגליקלעכע מוטער. זיינע געפילן בעת די דאָזיקע באַזוכן האָט ביאַליק אויסגעגאָסן אין זיין שיר „משוט במרחקים".

איינמאָל איז ביאַליק אַראָפּגעפאָרן פון וואָלאָזשענער ישיבה קיין זאשקאָוו געוויר ווערן צו זיין מוטער. געקומען איז ער אום דאָנערשטיק. און דאָנערשטיק איז אין זאשקאָוו אַ יאַריד. זיין מוטער, ווי געוויינלעך, איז געווען פאַרנומען אין מאַרק מיט איר טישל און חלפנות און פון גרויס פרייד און איבעראַשונג פונעם אָנקום פון איר טייערן און ליבן גאַסט, האָט זי אויסטוישנדיק אַ פויער געלט, אַ טעות געהאַט און אים איבערגעגעבן אַ דרייערל. די אָרעמע פרוי האָט זיך אַפילו באַלד געכאַפּט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער פויער איז שוין געהאַט נעלם געוואָרן און אים אויסזוכן אויפן גרויסן יאַריד איז געווען פונקט ווי זוכן אַ נאָדל אין אַ וואָגן שטרוי. די אומגליקלעכע אלמנה האָט שיר ניט געפּלאַצט פון צער און ווייטאָג, דער פאַרלוסט איז געווען צו גרויס פאַר אירע שוואַכע כוחות, אַז זי זאָל אים קענען איבערטראָגן.. אָבער ניט וועלנדיק פאַרשאַפן קיין יסורים און שמערצן איר ליבן גאַסט האָט די אָרעמע, קראַנקע פרוי געדריקט און געשטיקט איר גרויסן ווייטאָג טיף ביי זיך אין האַרצן און אים אויסבאַהאַלטן פאַר אירע קינדער אַרויסווייזנדיק זיי נאָך אַ כלומרשט פריילעכע מינע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די אומגליקלעכע אלמנה מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער און שיר ניט איינגעוואָלגערט, מיט איר שוואַכן אויסגעדאַרטן קערפּער דאָס צעבראָכענע בעטל אויפוועקנדיק מיט זיין גערודער דעם צוקונפטיקן דיכטער וועלכער איז געבליבן ליגן אַ וואַכנדיקער און מיט אָפענע אויגן געקוקט אין דער נאַכט פינצטערניש איינהערנדיק זיך אינעם טרישטשען און סקריפּען פונעם

צעבראָכענעם בעטל און אין די קרעכצן און זיפצן פון זיין קראַנ־קער מוטער: זיפצן וועלכע האָבן צעבראָכן ניט נאָר זיין יונגן קערפּער, נאָר אויך זיין גייסט און נשמה. און אָט קריכט זיין מו־טער אַראָפּ פונעם בעטל און מיט אַ געבראָכענעם האַרצן און דער־שלאָגענעם געמיט נעמט זי קנעטן די חלה. און באַגלייט מיט אומ־פאַרשטענדלעכע פאַר אים קלאָג ווערטער רייסט זיך אַרויס פון צייט צו צייט פון איר האַרצן אַ זיפץ און ס׳ברעכט אויס פון איר אויג אַ טרער, וועלכע פאַלט מיט אַן אָפּקלאַנג אין טייג אַריין. דער צוקונפטיקער דיכטער באַמיט זיך באַגרייפן, וואָס אַרום אים קומט פאָר אָבער אומזיסט איז זיין מי. און ווען ר׳איז גאַנץ פרי אויפגע־שטאַנען מיטן געדאַנק זיך צו אינפאָרמירן ביי זיין מוטער וועגן דער נאַכט־געשעעניש האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ פריילעכן שמייכל און שטראַלנדיקן פּנים, אונטערטראָגנדיק אים צום פריש־טיק אַ נאָר וואָס אויסגעבאַקענעם פרישן פלעצל אין וועלכן ס׳איז אויך געווען אויסגעמישט איר טרער... לויט דער דאַזיקער פאַסי־רונג האָט ביאַליק נאָכהער אָנגעשריבן זיין באַוווסטן שיר „שירתי״

בשעת ביאַליק האָט פאַרלאָזט וואָלאָזשינער ישיבה און איז איבערגעפאָרן קיין אָדעס האָט ער זיך שטאַרק געהיט, אַז זיין מוטער זאָל דערפון ניט געוווּיר ווערן. ער האָט גוט געוווּסט וויפל פרייד און גליק ס׳פאַרשאַפט איר זיין לערנען אין דער ישיבה: די האָפענונג, אַז איר זון וועט זיין אַ רב האָט געדינט פאַר דער איינ־ציקער טרייסט אין איר פאַרביטערטן און פאַרוויסטן לעבן און ביאַליק, מורא האָבנדיק אַז ביי זיין מוטער זאָל ניט אַוועקגערויבט ווערן איר איינציקע טרייסט האָט זיך באַמיט, מיט אַלע מעגלעכ־קייטן, אַז די זאַך זאָל דערוויילן בלייבן פאַר איר אַ סוד.

באַזונדער האָט זיך ביאַליק געשראָקן, אַז ס׳זאָל זיך ניט דערוויסן זיין פעטער דער קנאי פון וועלכן ער פלעג, פון צייט צו צייט באַקומען געלט־שטיצע און אין אָדעס איז דאָס געלט אים גוט צונוץ געקומען... צוליב דעם פלעגט ער די בריוו צו זיין מו־

טער און פעטער שיקן צו זיינעם אַ חבר אין וואָלאָזשין אַז יענער זאָל זיי דאָרטן אַריינוואַרפן אין פּאָסט־קעסטל, כדי דער שטעמפּל פון וואָלאָזשינער פּאָסט זאָל דינען פאַר אַ סימן מובהק, אַז ער לערנט אין ישיבה און ס׳זאָל ניט קענען זיין קיין פּלאַץ פאַר קיין חשדים און ספקות...

אַזוי איז פאַריבער אַ היפּש שטיקל צייט און קיינעם וואָלט גאָר ניט געוועזן איינגעפאַלן, אַז ביאַליק געפינט זיך שוין מער ניט אין וואָלאָזשין. דאַרף אָבער פּאַסירן, אַז אַ זאַשקאָווער ייד קומט קיין אָדעס צוליב קוראַציע צוועקן און באַגעגנט דאָרטן ביאַ־ליקן און צוריקקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער גלייך אָפּגעגעבן פון אים אַ גרוס זיין מוטער...

ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די גרויסע סענסאַציע און אומ־געהויערן טומל, וואָס דער דאָזיקער גרוס האָט אַרויסגערופן. בליץ שנעל ווי אַ שטורעם האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל די ידיעה אַז דינה פּריוועס ייִנגל איז אַנטלאָפן פון דער ישיבה און דאָס האָט פאַרורזאַכט דער אָרעמער אלמנה פיל צער און בושה, אַז זי האָט זיך, נעבעך, געשעמט אַרויסווייזן דאָס פּנים אויפן גאַס. איבערהויפּט האָט זיך געערגערט און געקאָכט זיין פעטער דער קנאי: היתכן — האָט ער געטענהט — מ׳זאָל נעמען און אויס־טוישן וואָלאָזשין, וואָס איז אַ מקום תורה, אַ עיר שכלה חכמים וסופרים אויף אַ גאָטלאָזער און הפקר שטאָט ווי אָדעס?! זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז זיין שטיצע האָט ער באַלד צוגענומען פון ביאַליקן און האָט גענומען באַמבאַרדירן מיט בריוו קיין זשיטאָ־מיר צו זיין זיידן, אַז יענער זאָל אים גלייך צוריקרופן פון אָדעס און דאָס האָט פאַרשאַפט דעם צוקונפטיקן גרויסן דיכטער פיל שמערצן און עגמת נפש.

אין יאָר 1902 האָט ביאַליק זיך פאַרבענקט נאָך זיין פעטער און האָט אים באַערט מיט אַ באַזוך. ער איז אַראָפּגעקומען צו אים פון אָדעס אויף די ערשטע טעג פּסח און כאָטש זאַשקאָוו איז גע־

וועץ, ווי אַלע קליינע שטעטלעך אין יענער צייט, שטאַרק אַלטמאָ־דיש און פאַנאַטיש, פונדעסטוועגן האָט עס פאַרשטאַנען ווי געהע־ריק אָפּצושאַצן די גרויסע ווערט פונעם חשובן גאַסט און האָט אים אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד. מ׳האָט אים אַפילו איינגעלאַדן זאָגן אַ דרשה דעם ערשטן טאָג פסח פאַר קריאת התרה אויף וואָס ביאַליק האָט איינגעוויליקט. אויך דער פעטער זיינער האָט גע־פילט, אַז ר׳איז ווירקלעך אויסגעוואַקסן און האָט זיך באַצויגן צו אים מיט כבוד און רעספּעקט, און אַפילו דעם איינציקן פאַרוואָרף, וואָס ער פלעגט אים אָפּט מאַכן: „חיים נחמן, ביסט קאַליע גע־וואָרן!״... איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ גאָר מילדן טאָן וואָס האָט געקלונגען מער צערטלעך ווי שטרענג. נאָר בעתן סדר איז פאָרגעקומען אַ קליינער אינצידענט: ביאַליק וועלנדיק מהנה זיין זיין פעטער האָט מיטגעבראַכט אַ פּאָר פלאַש כרמל וויין און דער אַלטער, דערזעענדיק צום סדר דעם וויין האָט געכאַפּט און אים אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס טענהנדיק, אַז ר׳איז נסך און חמצ־דיק... ביאַליק האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געמאַכט דערפון קיין גרויסן ווען און האָט פאַרוואַנדלט די גאַנצע פּאַסירונג אין אַ לייכטן שפּאַס.

אין יאָר 1912 איז ביאַליקס פעטער קראַנק געוואָרן אויף די פיס. דאָקטוירים האָבן אים געראָטן, פאָרן קיין אָדעס און זיך באָדן אין לימאַן. ביאַליק האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיטן אָנקום פון זיין פעטער און האָט אים געמאַכט זייער אַ וואַרימע אויפנאַמע באַמיענדיק זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן צו באַפרידיקן אַלע זיינע געוווינהייטן, כדי ער זאָל זיך פילן באַקוועם. ער האָט אַפּריער גוט כשר געמאַכט זיין וווינונג, צושלאָגנדיק מזוזות צו אַלע טירן אַפילו אין קאָרידאָר, וועלכער האָט געדינט פאַר אַ דורכגאַנג אויך פאַרן אייגנטימער און קריסטלעכע שכנים. ער האָט געקויפט נייע עס און קיך־געשיר און ספּעציעל באַשטעלט אַ פרומע יידישע פרוי פאַר אַ קעכין. אין זיין צימער האָט ער אַריינגעשטעלט אַ שראַנק מיט לויטער חסידישע ספרים, אַכטונג געבנדיק אַז ס׳זאָל זיך

חלילה ניט אַריינשמוגלען צווישן זיי קיין שום טריף־פסול... און האָט אויך פאַרגרייט אַ פּאָר עלטערע יידן חסידים ואנשי מעשה וועלכע זאָלן אים אונטערהאַלטן אין דער פרייער צייט.

אין אַ בריוו וואָס ביאַליק האָט דעמאָלסט געשריבן צו זיינע קרובים קיין זאשקאָוו האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער פילט זיך איבערגליקלעך וואָס דער שיקזאַל האָט אים סוף כל סוף געבראַכט אַ געלעגנהייט, אַז ער זאָל זיין אומשטאַנד כאָטש מיט עפּעס אָפּ־צאָלן און אָפּדאַנקען זיין געטרייען פעטער פאַר די פיל טובות און חסדים, וואָס ער האָט אַלע יאָרן, געטאָן פאַר אים און באַזונדער פאַר זיין קראַנקער און אָרימער מוטער.

נאָר דאָס דאָזיקע גליק זיינס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגע־האַלטן. איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג שעה, איז דער פעטער אויפ־געשטאַנען פון שלאָף און אַריינקומענדיק צו ביאַליקן אין קאַבינעט האָט ער אים געטראָפן אין דער געזעלשאַפט פון רבניצקין, קלויזנערן און מרדכי בן הלל הכהן וועלכע זענען אַלע געזעסן אָן די היטלען און געפירט אַ שמועס אין העברעאיש. דעם דאָזיקן שווערן „חטא" האָט זיין פעטער דער קנאי ניט געקענט אַריבער־טראָגן און איז גלייך אָנגעפאַלן אויף זיי מיט זלזולים און זידלע־רייען: „גוים — האָט ער זיך צעליאַרעמט — איר זיצט בגלוי ראש... אָן היטלען און רעדט לשון קודש..." און נאָך דעם זעלבן טאָג — ניט אַכטנדיק אויף ביאַליקס געבעט און תחנונים — האָט זיין פעטער פאַרלאָזט אָדעס אָן אַ זיי געזונט.

ביאַליקס ווירקונג אויף יידן און ניט יידן

מיטן טויט פון חיים נחמן ביאַליק איז פאַרשוווּנדן די גרעסטע יידישע פּערזאָן פון אונדזער דור, וועלכער האָט מיט אַן אויסער־געוויינלעכער ווּנדערלעכער קראַפט, דורך וואָרט און שריפט, גע־ווירקט אויפן גאַנצן נאַציאָנאַלן יידנטום.

ביאַליקס אויטאָריטעט איז געווען געוואַלדיק גרויס. דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע יידנטום, אָן אונטערשיד פון ריכטונג און פּאַרטיי, האָט זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן צוטרוי און גלויבן. ביי יעדער געלעגנהייט, וועגן יעדער ענין, וואָס האָט געפאָדערט עצה און ראַט, האָט מען זיך אַפריער גע ווענדט צו ביאַליקן. ביאַליק איז געווען דער אורים ותומים און זיין וואָרט איז געווען אַ הייליקער געבאָט קעגן וועלכן קיינער האָט ניט געוואַגט זיך אַקעגנשטעלן.

אַרום דער וואָגיקייט פון ביאַליקס אויטאָריטעט גייט אַרום אין א״י א ווערטל: „על ביאַליק לית מאַן דפליג״ (קעגן ביאַליקן איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל וואַגן עפּעס אויסזעצן), אַפילו זיינע פּאָליטישע קעגנער אינעם ציוניסטישן לאַגער ווען ביאַליק פלעגט אַמאָל בשוגג אָדער במזיד מיט עפּעס אָנטרעטן און ווי שטאַרק זיי האָבן זיך ניט געפילט געטראָפן האָבן זיי שטילערהייט אַלעס אַראָפּגעשלונגען און געשוויגן, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז „על ביאַליק לית מאן דפליג״. ביאַליקן ענטפערט מען ניט אָפּ.

די רעוויזיאָניסטן האָבן זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און געטראָפן פון ביאַליקס שיר: „ראיתיכם שוב בקוצר ידכם". אינעם דאָזיקן שיר וואַרפט ביאַליק זיי פאָר זייער נעבעכדיקייט און אומ־באַהאָלפנקייט, ער ווייזט זיי אָן אַז זיי זענען העלדן בלויז מיטן מויל: זייערע הענט אָבער זענען קורצע צו קענען עפּעס דערגרייכן. און אין זעלבן שיר גרייפט ער זיי אָן מיט אַזעלכע אויסדריקן אָנ־רופנדיק זיי: „טמאי נפש עדת נגועי אלהים, אכולי משטמה ומזי קנאה" א. א. און זשאַבאָטינסקי זייענדיק געצוווּנגען צו רעאַגירן אויף דער דאָזיקער שאַרפער באַליידיקונג און וועלנדיק געבן אַן ענטפער, באַהערשט ער זיך אָבער מיט אַלע כחות און רירט ניט אָן דירעקט ביאַליקס כבוד, קומט אָפּ בלויז דערמיט וואָס ער זאָגט, אַז זיי, די רעוויזיאָניסטן רעספּעקטירן נאָר ביאַליקן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן משורר און דאָס איבעריקע — ווי איינער רעדט — שטויסט זיך אָן אַליין. ווייל אָנרירן דירעקט ביאַליקס כבוד האָט ניט געקענט ביי זיך פּועלן אַפילו אַזאַ שטענדיק געוואַגטע און ניט אָפּגעשראָקענע פּערזאָן ווי זשאַבאָטינסקי.

ביאַליקס שטאַרקע ווירקונגס־קראַפט, זיין גרויסן כח השפעה האָבן אַלע געפילט און פאַרשטאַנען. נאָך דער זיצונג פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים, און וווּ מען האָט געזוכט אַן אופן ווי אַזוי אָפּצושטעלן די ביטערע מלחמת־אחים, צווישן דער הסתדרות און די רעוויזיאָניסטן, דער קריג וואָס האָט דערנידעריקט אַזוי שטאַרק דעם כבוד פונעם ציוניזם און געשאַדט אויך זיינע אינטערעסן אינערלעך ווי אויס־ערלעך; און ווען נאָך אַלע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען פו־נעם אַקציאָנס קאָמיטעט האָט זיך גאָרניט איינגעגעבן עפּעס אויפטאָן, האָבן זיך אין די ארץ ישראלדיקע צייטונגען געלאָזט הערן שטימען וועלכע האָבן קלאָר און דייטלעך אָנגעוויזן, אַז ביאַליק איז די איינציקע פּערזאָן וועלכער איז באַרופן מיט זיין גרויסער אויטאָריטעט און שטאַרקן איינפלוס, מאַכן אַ סוף צו אָט דעם שעדלעכן און שענדלעכן ברידער קריג. דאָס זעלבע האָט

אויך באַטאַנט פּראָפ. ווייצמאַן אין זיין רעדע אין לאָנדאָן ווען ער האָט מספּיד געווען ביאַליקן אַגווייזנדיק, אַז ביאַליק איז געווען די איינציקע פּערזאָן וואָס איז געווען ביכולת אַריינצוברענגען שלום און אַחדות אין די ציוניסטישע רייען און וואָס אונדזער פאָלק נויטיקט זיך איצט זייער שטאַרק. און דאָ איז פּלוצים געקומען דער טויט און האָט אים אכזריותדיק אָוועקגעריסן פון אונדז.

ביאַליק האָט געהאָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער יידישער יוגנט. אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט האָט ביאַליק אָנגעצייכנט אַ וועג אין לעבן. אַ סך פון דער יידישער יוגנט זענען געקומען צום ציוניזם ניט איבער פּינסקערס „אויטאָ עמאַנסיפּאַציע" און אַפילו אויך ניט איבער הרצלס „יידנשטאַט", נאָר אַ דאַנק ביאַליקן, אַ דאַנק זיין „אל הצפור", „בשדה", „אגרת קטנה א"א, אין די שווידערלעכע יאָרן ווען עס זענען פאָרגעקומען די בלוטיקע מאַסן שחיטות אין אוקראַינע האָבן זיך אין פילע שטעט און שטעטלעך געגרינדעט יידישע זעלבסטשוצן נאָר אַ דאַנק דער ווירקונג פון זיין באַרימטער פּאָעמע „די שחיטה שטאָט". אַ סך פון דער יידישער יוגנט האָבן, ביי זייער אַריינטרעטן אין זעלבסט-שוץ, געציטערט אימת המות. ס'האָט מיט זיי געוואָרפן פון שרעק, נאָר ווען מען פלעג פאַר זיי דורכלייענען שטעלן פון ביאַליקס פּאָעמע „אין שחיטה-שטאָט", פלעג זיך, ווי דורך אַ כישוף אָפּטאָן פון זיי די מורא.

דער באַוווסטער העברעישער שרייבער דניאל פרסקי באַוווּנדערט ביאַליקס צויבערלעכע ווירקונגס-קראַפט דערמיט, וואָס ער האָט באַוויזן מיט זיין פּאָעמע „די שחיטה שטאָט" אַרויסצורופן טרערן ביי זיין פאָטער וועלכער איז געווען בטבע אַ קאַלטער און אַ האַרטער בענטש. און איך בין אַן עדות פון ביאַליקס גרויסער ווירקונג אַרויסצורופן דורך זיינעם אַ שיר אַ שמייכל ביי זיין פעטער, מיין זיידע, וועלכער איז בטבע געווען זייער אַן ערנסטער און אַ שטרענגער.

אַריינקומענדיק איינמאָל צו ביאַליקס פעטער (מיין זיידע) אין

צימער האָב איך אים צו מיין גרויס איבעראַשונג געטראָפן אַריינ־קוקן אין ביאַליקס שירים. דערזעענדיק מיך האָט דער זיידע זיך צעשמייכלט און דערלאַנגט מיר דעם שיר „מי יודע עיר לישטי־נאז?‟, האָט ער צוגעגעבן שמייכלענדיק: נאַ זע, וואָס מיין תנא דרשנט דאָרטן‟. דניאל פרסקי זאָגט, אַז צו קענען מאַכן ווייגען זיין פאָטער, האָט מען געדאַרפט זיין אַ גרויסער קינסטלער און ביאַליק אַליין וואָלט אַנערקענט, אַז צו קענען מאַכן שמייכלען זיין פעטער, (מיין זיידע) האָט מען געדאַרפט זיין עפּעס מער ווי אַ קינסטלער.

ביאַליקס השפעה איז געווען גרויס ניט בלויז אין דער יידישער וועלט, נאָר אומעטום וווהין זיין וואָרט האָט דערגרייכט האָט עס געווירקט ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער, אומעטום וווהין זיין שטאַרק וואָרט האָט אַריינגעדרונגען, האָט עס געהאַט אַ טיפן אָפּקלאַנג און ס׳האָט זיך קיינמאָל לידיק ניט צוריקגעקערט.

ווען זשאַבאָטינסקי האָט איבערגעזעצט ביאַליקס שירים אין רוסיש האָט דער באַוווסטער רוסישער ליבעראַל וולאַדימיר קאָראַלענקאָ געשריבן אין זיין זשורנאַל „רוסקאָע באָגאַטסטווא‟, אַז די שירים האָבן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף די רוסישע קרייזן. אַ דאַנק דער איבערזעצונג האָט דער רוסישער מענטש געקראָגן אַ געלעגנהייט זיך באַקענען מיט יידישן אַך און ווי, מיטן יידישן זיפץ און קרעכץ און אַז אַ סך אַנטיסעמיטן האָבן אַ דאַנק די שי־רים, זיך פאַרוואַנדלט אין יידן־פריינט.

זייער אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד וואָס ווייזט בולט ביאַליקס צויבערלעכע קראַפט, איז פאָרגעקומען אין יאָר 1919 אין מזרח־גאַליציע. נאָך אַ ביטערן און עקשנותדיקן שלאַכט האָט די פּאָ־ליאַקן פאַרנומען גאַליציע. די אוקראַינער האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן אונטער דער הערשאַפט פון זייערע אָקופּאַנטן און האָבן אָנגעפירט קעגן זיי אַ שטילן, פאַרביסענעם קאַמף. די פּאָ־ליאַקן האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו פּאַלאַניזירן די אָקופּירטע

געגענט, אין יעדער שטאָט, שטעטל און דאָרף האָבן זיי געגרינדעט גימנאַזיעס און שולן, ווו מען האָט געלערנט אַלץ אין דער פּויליי־שער שפּראַך. די פּאַרוואַלטער און לערער האָבן שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז אומעטום זאָל הערשן בלויז דער פּוילישער גייסט. און אין גימנאַזיע האָט דער דירעקטאָר געמאָלדן די עלטערע שילער, די מערהייט פון וועלכע איז באַשטאַנען פון אוקראַינער און יידן, אַז ווער עס וועט וועט אָנשרייבן אַ רעפעראַט א. ד. ט.: „די וועקער פון פאָלק צו העלדישקייט און פאַרטיידיקונג — אין דער ליטעראַטור" וועט קריגן אַן אויסצייכענונג. די כוונה איז געווען פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען: דאָס פאָלק איז דאָס פּוילישע, די ליטעראַטור די פּוילישע, און דער וועקער מוז זיין איינער פון די פּוילישע העלדן.

די אוקראַינער שילער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שרייבן איבער דער טעמע. בלויז איינער האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ רעפעראַט אָבער ניט וועגן פּוילישן פאָלק, נאָר וועגן אוקראַינער פאָלק און וועגן זיין גרויסן פרייהייטס קעמפער טאַראַס שעווטשענקאָ.

צופעליק האָט זיך דער אוקראַינער באַקענט ביי אַ יידישן חבר און מיטשילער מיט ביאַליקס פּאָעמע „די שחיטה שטאָט", וועלכע האָט אים שטאַרק איבעראַשט און ער האָט פון איר אַרויס־גענומען גאַנצע שטעלן מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט אין צוזאַמענשטעלן זיין רעפעראַט.

אין אייניקע טעג אַרום האָט דער יונגער אוקראַינער געליי־ענט אין גימנאַזיע זיין רעפעראַט. ער האָט לכתחילה גערעדט וועגן שעווטשענקאָ אַלעס דער, וועלכער האָט זיין פאָלק געוועקט צו פרייהייט און צו פאַרטיידיקונג. דער דירעקטאָר האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעריסן און דערנאָך האָט ער אים אינגאַנצן פאַרבאָטן רעדן איבער שעווטשענקאָ, נאָר פּלוצים איז דער יונגער רעפע־רענט אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן עקסטאַז פון התלהבות און מיט צער און צאָרן האָט ער אַרויסגעקנאַלט גאַנצע שטעלן פון דער „שחיטה שטאָט", ווירקנדיק ווי אַ קנאַל פון אַ דונער אויף די

יונגע הערצער פון די שילער וועלכע זענען געבליבן ווי פֿאַרשטיי־ נערטע און מיט אָנגעשפּיצטע מויל און אויערן אויסגעהערט די שוידערלעכע שילדערונגען. אויך דער דירעקטאָר האָט פֿאַרגעסן אין זיינע פליכטן, אָנצוהאַלטן צווישן זיינע שילער דעם פּוילישן גייסט און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער אויסגעהערט די שטעלן פון ביאַליקס „אין דער שחיטה שטאָט“.

ווען דער רעפעראַט האָט זיך געענדיקט האָבן די שילער באַ־ מערקט ביים דירעקטאָר טרערן אין די אויגן...

אינהאַלט

לייב דיין — דער מענטש און זיין שרייבן: יוסף מענדעלסאָן I

פון חסידישן קוואַל

דער בעל־שם פאַרט מנחם אבל זיין 7
דער בעל־שם און די עגונה 13
דער מופת פון פייל און בויגן 18
אינעם זכות פון די חנוכה־ליכטלעך 25
אויף קידוש השם 32
דער מעזריטשער מגיד ר׳ דוב בער ז״ל 39
ר׳ ליבער ז״ל, דער בויער פון בערדיטשעוו 44
ר׳ ליבער ריכט אָפּ גלות 49
ר׳ וואָלף קוציס איז נכשל געוואָרן 56
דער צדיק ר׳ פנחס קאָריצער ז״ל 61
די אַנטפלעקונג פון ר׳ אלימלך ליזענסקער 66
ליזענסקער מגיד גרייט זיך צו יומים נוראים 71
דער ליזענסקער מגיד און דער איינבינדער 75
דער שפּיטאָווקער רב און דער התר עגונה 80
דער בערדיטשעווער רב ר׳ לוי יצחק ז״ל 87
ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער און זיין נצחון 92
דער בערדיטשעווער רב אין גיהנום 97
ר׳ משה לייב סאַסאָווער און דער ישובניק 102
דער לובלינער חוזה 108
דער קאַלאָווער רבי ר׳ יצחק אייזיק ז״ל 113
דער קאַלאָווער רבי און דער חזן 119

דער דינאווער רבי און דער סידור פונעם האר״י הקדוש 124
די אַנטפּלעקונג פון ר׳ ישראל רעזשינער 129
די באַפרייאונג פון ר׳ ישראל רעזשינער 134
דער ראזלער מגיד ר׳ יהודה צבי ז״ל 139
דער עונש פאַר אַ פורימדיקן שפּאַס 147
דער טשארטקאָווער רבי ר׳ דוד משה ז״ל 152
ר׳ יצחק אייזיק סאַפּרינער ז״ל 157
דער טריסקער מגיד און דער עונש 162
דער מאנאסטריטשער רבי ר׳ יהושע העשל ראַבּינאָ־
ביטש ז״ל 167

אַנדערע שריפטן

אויף קידוש השם 175
די סאקאליווקער שחיטה 180
קינות אין פעלד 186
דער רוצח קאזאקאָו, דער אכזריותדיקסטער צווישן די
אוקריינישע אַטאַמאַנען 191
דער רוצח אַטאַמאַן סאקאלאוו 196
דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט 203
„קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן" 208
„קאָמוניסטן" 214
פון די שוידערלעכע יאָרן 222
פון די שרעקלעכע צייטן 229
אליהו הנביא און זיין תלמיד זיצן אין חד גדיא . . 237
ישיבה־בחורים מאַכן אַן אויפשטאַנד 242
חיים נחמן ביאַליק 245
ביאַליקס ווירקונג אויף יידן און נישט יידן 261

Este libro se terminó de imprimir el 28 de Noviembre de 1952 en la Imprenta "GRAFICON" Nathan Zielony - Pasteur 356 T. E. 48 - 8960 - Buenos Aires